STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03202

TROPNS GLOYBN

O. Rapoport

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ראַפּאָפּאָרט

טראָפּנס גלויבן

(מיין אַנטאָלאָגיע)

אַרויסגעגעבן דורך דעם „ביאַליסטאָקער צענטר"
אין מעלבורן

מעלבורן 1948

DROPS OF FAITH

by O. Rapoport

(All Rights Reserved)

Published by the "Bialystoker Centre,"
Melbourne, Australia.

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works,
634 Burwood Road, Hawthorn East

ווענן היימישע ליטערארישע ענינים

וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור?

(אַ דיאַלאָג צווישן לעזער און קריטיקער)

ד ע ר ל ע ז ע ר: האָסט זייער אָפּט טענות צו אונזער ליטעראַטור. און דעם אמת גענאָגט, הער איך זיך אויפמערקזאַם צו צו דיינע רייד, ווייל איך וויל אין זיי געפינען אַן ענטפער אויף מיינע אייגענע ספקות: אויך איך פיל, אַז די יידישע ליטעראַטור לאָזט מיך אומבאַפרידיקט. אָבער צוליב די פיל בוימער, זע איך דעם וואַלד נישט אַרויס — צוליב דיינע פיל איינצל־טענות צו איינצלנע שרייבער, איז מיר נישט קלאָר דיין ה ו י פ ט ־ ט ע נ ה צו דער יידישער ליטעראַטור. איך הער נישט פון דיר קיין קלאָרע תשובה אויף דער שאלה: וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור? עפּעס פעלט איר אויך לויט מיין געפיל, אָבער — וואָס? וואָס?

ד ע ר ק ר י ט י ק ע ר: דו קומסט צו מיר, ווי יענער געטשן־דינער: דו פאָדערסט, איך זאָל דיר דערקלערן די גאַנצע תורה אויף איין פוס. וועל איך זיך נוהג זיין מיט דיר נישט ווי שמאי, נאָר ווי הלל. דער יידישער ליטעראַטור פעלט אַ קאָמפּלעקס. אַלדאָס איבעריקע איז נישט מער ווי אַ פירוש.

ד ע ר ל ע ז ע ר: מען קאָן נישט זאָגן, האָסט דאָס געמאַכט נישט ווייניקער קורץ, ווי הלל. הגם מיר איז נישט קלאָר, וואָס דו מיינסט, האָב איך יעדנפאַלס אַן אָנשפּאַר־פּונקט, מיט דער הילף פון וועלכן איך קאָן פּרואוון אויפהייבן די דאָזיקע פּראָבלעם. איך נעם אָן פאַר ליב דיין „גאַנצע תורה אויף איין פוס", אָבער מיט איין תנאי: איך וויל אויך דאָס איבעריקע, דעם פירוש, הייסט עס. איצט, האָף איך, וועלן מיך די פּרטים נישט פאַרטומלען; האָב איך דאָך פאַר די אויגן דעם צענטראַלן פּונקט. אַלזאָ, גוט: דער יידישער ליטעראַטור פעלט אַ קאָמפּלעקס. אָבער וואָס מיינט דאָס צו זאָגן? איז דאָך אַ קאָמפּלעקס,

אויף וויפיל איך ווייס פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, א קראַנקהאַפטע דערשיינונג, אַן אומנאָרמאַלקייט: א מענטש באַ־קומט, אַזוי צו זאָגן, אַ פּסיכישע פאַרשטעכעכץ; זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווערט קאָנצענטרירט אויפן דאָזיקן איין ווייַ־טיקדיקן פּונקט: נישט עס לאָזט זיך אַרויסנעמען און נישט עס לאָזט זיך פאַרגעסן. דאָס פּסיכישע לעבן פון מענטשן בלייבט שטיין, אַנטוויקלט זיך נישט, דרייט זיך אַרום איין פּונקט: דער מענטש באַקומט אַן אידייע־פיקס — ער האָט אַ קאָמפּלעקס. דער מענטש קוקט אויף דער וועלט דורכן קאָמפּלעקס, ווי דורך אַ פאַרביק גלעזל — אַלץ ווערט פאַרפאַרבט דורך אים, דורך דעם קאָמפּלעקס, אויף איין קאָליר. איז דען אונזער ליטעראַטור נאָך צו ווייניק אומנאָרמאַל, אַז עס פעלט איר דווקא אַ קאָמ־פּלעקס? אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דיין טענה תמיד, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אומנאָרמאַל, און צום סוף פעלט איר גאָר קיין אַנדער זאַך נישט, ווי נאָר אַ קאָמ־פּלעקס?!

ד ע ר ק ר י ט י ק ע ר: האָסט נישט שלעכט דעפינירט דעם באַגריף „קאָמפּלעקס”; האָסט זיך אויך געכאַפּט אויף דעם ווידערשפּרוך — צווישן מיין אויפוואַרפן דער יידישער ליטעראַ־טור איר אומנאָרמאַלקייט און מיין פאָרוואורף, אַז איר פעלט אַ קאָמפּלעקס. אָבער די דאָזיקע סתירה איז בלויז אַ מכּלומרשטע, אַן אויסערלעכע. אַז דו וועסט זיך אַריינטראַכטן טיפער אין די באַגריפן „נאָרמאַל” און „אומנאָרמאַל”, וועסטו איינזען, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע אומנאָרמאַלע צושטאַנדן, וואָס אויב מען איז ביי זיי נאָרמאַל, איז דאָס — די גרעסטע אומנאָרמאַלקייט: די אומנאָרמאַלקייט איז פאַר זיי נאָרמאַל. אונזער ליטעראַטור איז טאַקע אַזוי אומנאָרמאַל, אַז כדי צו ווערן נאָרמאַל, מוז זי באַ־קומען אַ קאָמפּלעקס. מיט אַנדערע ווערטער: די אומנאָרמאַלקייט פון אונזער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז צו נאָרמאַל.

ד ע ר ל ע ז ע ר: אויב אַ ליטעראַטור איז אומנאָרמאַל, קאָן איר נישט פעלן דווקא אַ קאָמפּלעקס, דאָס הייסט, נאָך אַן אומנאָרמאַלע זאַך. איך בעט דיך איבער, איך זע לויט דיין האַנט־באַוועגונג, אַז איך האָב דיר איבערגעריסן אין מיטן.

אָבער דו דאַרפסט זיך נישט וואונדערן: האָסט אַזוי אומגעריכט פאַרצויגן דיין פּלפּול, אַז איך האָב געמוזט אַ געשריי טון, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אָבער איידער איך לאָז דיך ווייטער רעדן, האָב איך צו דיר אַ קשה: איך וויל טאַקע דעם פּירוש אויף „דיין גאַנצער תורה אויף איין פוס”, אָבער קוק נישט אויף מיר, ווען איך שטעל אַ ווידערשטאַנד, מיט אַזאַ רחמנות־דיקן שמייכל, וואָס שיינט צו זאָגן: אַנשטאָט דו זאָלסט סתם רעדן, **לאָז מיר** זאָגן דעם אמת. ביסטו טאַקע זיכער, אַז דער גאַנצער אמת איז ביי דיר?

דער קריטיקער: בראַוואָ! האָסט אויסגעטייטשט מיין שמייכל אַזוי, אַז מען דאַרף גאָר נישט בעסער. צי דען קאָן מען אָבער נישט שמייכלען, ווען יעדער אמת, וואָס איז נאָך נישט געוואָרן קיין אָפּגעריבענע מטבע, רופט גלייך אַרויס דעם פאָרוואורף אין פּלפּוליזם, סאָפיזם? וואָס איז אַן עכטער סאָפיזם? הינטער אַ טויטן לאָגישן אמת באַהאַלט זיך אויס אַ לעבעדיקער טעות. אָבער די דאָזיקע סכנה איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט קעגן דער סכנה פון כלומרשטע סאָפיזמען, — ווען מען וואַרפט אַרויס אַ טויטן לאָגישן אומזין, הינטער וועלכן עס באַהאַלט זיך אויס אַ לעבעדיקער אמת. דעם עכטן סאָפיזם איז לייכט צו דעמאַסקירן — עס איז גענוג איינצוזען זיין לאָגישע שפּיל; אַ סך שווערער איז אויסצוגראָבן דעם לעבעדיקן אמת פון אונטערן טויטן לאָגישן אומזין. כדי איינצוזען די פאַלשקייט פון סאָפיזם, אַז אַכילעס קאָן נישט אַריבעריאָגן אַ טשערעפּאַכע, איז גענוג צו האָבן די קלענסטע לעבנס־דערפאַ־רונג; כדי איינצוזען אַז אַן אומנאָרמאַלקייט איז אָפּטמאָל נאָר־מאַל, איז נויטיק מער ווי פּשוטע דערפאַרונג — עס איז נויטיק פעאיקייט צו דענקען, דאָס הייסט, אַ זאַך, וואָס דער מענטש שטאָלצירט מיט דעם, אָבער ער האָט דאָס זייער פיינט אָנ־צוואווענדן: אַ צו טייערע זאַך, ווי ס'שיינט, אויף אינדערוואָכן.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום ענין. כדי דו זאָלסט נישט מיינען, אַז איך פאַרוואַרף אויף דיר אומזעבאַרע גייסטיקע ווערג־שלייפן, וועל איך דיר ברענגען עטלעכע ביישפּילן פון ממשות־דיקע געביטן וועגן די באַציאונגען צווישן נאָרמאַל און אומ־נאָרמאַל.

היץ איז אַן אומנאָרמאַלע זאַך. אָבער פאַר וועמען? פאַר א געזונטן. פאַר א קראַנקן איז היץ נאָרמאַל. און ווען די היץ פאַלט פּלוצלונג ביי א היץ־קראַנקן, איידער די קראַנקהייט איז אַריבער, איז דאָס א שלעכטער סימן — די קראַנקהייט הערט אויף צו זיין נאָרמאַל. די נאָענטע זענען צופרידן, די דאָקטוירים — נישט, ווייל דאָקטוירים ווייסן, אַז דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון א היץ־קראַנקהייט איז צו האָבן היץ. דער קראַנקער אָרגאַניזם קעמפט פאַר זיין געזונט ווערן און דערפון נעמט זיך די געהעכערטע טעמפּעראַטור. און אויב די קראַנקהייט איז אומנאָרמאַל, דראָט א סכנה.

דאָס זעלבע איז אויך ביי גייסטיקע ענינים.

וואָס איז א מאַניאַק? א מענטש, וואָס זיין אויפמערקזאַמקייט איז כסדר געווענדט אויף איין זאַך. אָבער צי דען איז יעדער מענטש, וואָס זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט אויף איין זאַך, א מאַניאַק? זיכער נישט! עס דעצידירט נישט דער אויסערלעכער סימן, נאָר די סיבה, וואָס ליגט הינטער דעם סימן. דער אורטייל, וואָס ווערט אַרויסגעטראָגן אויפן סמך פון אויסערלעכע סימנים, קאָן זיין פאַלש, אויב מען ווייסט נישט די מאָטיוון זיינע. ווען א מענטש טראַכט כסדר וועגן איין זאַך, הגם די זאַך איז נישט קיין וויכטיקע נישט פאַר אים און נישט פאַר אַנדערע, הגם דאָס ברענגט אים שאָדן, הגם זי איז גרונטלאָז, איז דאָס א קראַנקהאַפטע דערשיינונג, האָבן מיר צו טון מיט א מאַניאַק; אָבער אויב א מענטש געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט און ער ווענדט אָן כסדר זיין אויפמערקזאַמקייט אויף איין ציל — באַפרייען זיך, איז ער שוין גאָרנישט קיין מאַניאַק, נאָר א מענטש פון שטאַרקן ווילן, א געזונטער מענטש. די אויסערלעכע סימנים פון מאַניאַקאַלישקייט זענען דאָ גראָד א סימן פון צוועקמעסיקייט, פון געזונטקייט. ווען דער מענטש וואָלט נישט געווען בכוח אין דעם דאָזיקן צושטאַנד צו ווערן אויסערלעך א מאַניאַק, וואָלט ער געווען זיין אינערלעך קראַנק, אָן דער פעאיקייט צו קאָנטראָלירן זיין ווילן, אָן דער פעאיקייט צו קאָאָרדינירן זיין ציל מיט די מיטלען, וואָס פירן צו אים. די זעלבע איינגנשאַפט, זעען מיר, קאָן אַמאָל זיין א סימן פון געזונט און אַמאָל א סימן פון

קראַנקהייט. עס ווענדט זיך אין איר צוועקמעסיקייט. און פּונקט ווי ביי אַ געפאַנגענעם איז צוועקמעסיק־נאָרמאַל דער, בכלל גע־נומען, אומנאָרמאַלער, מאַניאַקאַלישער צושטאַנד, — אַזוי איז פאַר אונזער אומנאָרמאַלן לעבן נאָרמאַל צו האָבן אַ ליטעראַטור, וואָס איז באַהערשט פון אַ קאָמפּלעקס.

דער לעזער: האָסט מיך איבערצייגט, אַז צו די באַ־גריפן „נאָרמאַל" און „אומנאָרמאַל" דאַרף מען זיך באַציען זייער פאָרזיכטיק, — די קענגזייטיקע באַציאונגען זייערע זענען אויסערגעוויינלעך דעליקאַט, ווי ס'שיינט. אָבער די טעאָרעטישע איינזעעניש מאַכט מיר נאָך אַלץ נישט קלאָר: 1) וואָס הייסט אַ קאָמפּלעקס ביי אַ ליטעראַטור, און 2) צו וואָס איז ער נויטיק דער יידישער ליטעראַטור?

דער קריטיקער: איך וועל זיך באַמיען ענטפערן על ראשון ועל אחרון: אַ קאָמפּלעקס קאָן זיין אַ אינדיווידועלער און אַ קאָלעקטיווער.

נעם, למשל, אַ פאָלק, וואָס פירט מלחמה. זיינע אַלע כוחות זענען קאָנצענטרירט אויף איין ציל: פירן און געווינען די מלחמה. דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז דאָס פאָלק טוט נישט קיין שום אַנדערע זאַכן. דאָס איז אוממעגלעך. אויך דער גרעסטער מאַניאַק פאַרנעמט זיך מיט זאַכן, וואָס האָבן מיט זיין מאַניע קיין שייכות נישט, אָבער עס גייט אין דעם, וואָס עס שטייט אין מיטלפונקט פון דער אויפמערקזאַמקייט, פון דער אָנשטרענגונג; וואָס עס איז דער עיקר. און דער עיקר איז די מלחמה־פירונג: אַלדאָס איבעריקע ווערט אָפּגערוקט אויפן צווייטן פּלאַץ, און אַנדערע זאַכן ווערן אינגאַנצן באַזייטיקט, אָפּגעלייגט ביז נאָכן קריג, אויב דאָס שטערט דעם עיקר און אויב עס איז פסיכיש מעגלעך זיי אָפּצולייגן.

דאָס זעלבע איז מיט אַ ליטעראַטור. וואָס איז די אויפ־גאַבע, אָדער, ריכטיקער: די פונקציע פון אַ ליטעראַטור? אָפּ־צושפּיגלען דאָס לעבן און רעגולירן דעם געמיט און דעם באַ־וואוסטזיין פון יחיד און פון דער געזעלשאַפט. און אויב אַזוי, איז קלאָר: אויב דאָס יידישע לעבן איז אומנאָרמאַל און עס מוז אָנווענדן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זיינע אויפן קאַמף פאַרן קיום (אין בוכשטעבלעכסטן, ביטערסטן זין פון

דאָזיקן וואָרט), מוז אויך די יידישע ליטעראַטור — די אָפּ־שפּיגלערין און רעגולירערין פון אונזער פּסיכישן לעבן — האָבן אַ קאָמפּלעקס: זי מוז זיך פעסט האַלטן ביי אַן אידייע־פיקס, אַרום דעם הויפּט־אינהאַלט פון אונזער לעבן — דעם קאַמף פאַר פאָלקס־עקזיסטענץ.

דאָס הייסט, נאַטירלעך, נישט, אַז יעדעס ליד און יעדע דערציילונג מוז זיך דרייען אַרום דער אַקס פון אונזער לעבנס־קאַמף; דאָס הייסט אָבער יאָ, אַז די וויכטיקסטע ווערק פון אונזער ליטעראַטור, דער רוקן־ביין אירער מוזן זיך פאַרנעמען דערמיט; אַזעלכע ווערק דאַרפן געבן דעם טאָן אונזער ליטע־ראַטור, זיי דאַרפן זי רעפּרעזענטירן. און אויב עס פעלט דער יידישער ליטעראַטור אַזאַ רעפּרעזענטאַנץ, אויב זי פאַרמאָגט נישט קיין עיקרדיקן קאָמפּלעקס, דערפילט זי נישט איר פונקציע (נישט אריינגייענדיק דאָ אין די סיבות, וואָס טראָגן די שולד דערפאַר), פעלט איר דער עיקר: זי איז נישט צוועקמעסיק־אומ־נאָרמאַל; זי איז אומנאָרמאַל־נאָרמאַל.

אין וואָס דאַרף באַשטיין דער דאָזיקער נויטיקער קאָמ־פּלעקס?

עס איז זייער גוט, ווען מען קאָן אין אַזאַ פאַל, ווי מיינער, זיך שטיצן אויף אויטאָריטעטן. אי מען פילט זיך אַליין זיכערער, אי מען מאַכט מער איינדרוק אויף די אַנדערע, וועלכע נעמען אָפט נישט אויף אַ ריכטיקן געדאַנק בלויז צוליב דער מורא, טאָמער וועט מען זיך אָפּנאַרן און דורכפאַלן. מען זעט אפילו ביים שיין פון אייגענעם דענקען (אַז מען פאַרגינט זיך שוין אַמאָל צו באַנוצן די דאָזיקע, זעלטן באַנוצטע, פעאי־קייט), אַז דער געדאַנק ליגט זיך יאָ אויפן שכל, אָבער מען האָט נישט קיין צו גרויסן צוטרוי צום אייגענעם דענקען, מען איז אומזיכער מיט אים, מען איז פול שרעק: און טאָמער איז דאָס אַ מקח טעות? און דערפאַר זענען נויטיק אויטאָריטעטע מיינונגען.

דאַכט זיך, וואָס קאָן זיין ערגער, ווי פראַוועו שרייבער־יאָרצייטן? נאָך וויניק, וואָס דער שרייבער ליגט ניין איילן אונ־טער דער ערד (ענלעך ווי ביים לעבן), קומט מען נאָך יעדעס יאָר און מען פאַרוואַנדלט דעם קבר־בערגל אין בערג יאָרצייט־

אַרטיקלען, וואָס דעקן שוין אינגאַנצן צו דעם שרייבער, נישט אַרויסצוזען.

איז וואָס טוט גאָט? טרעפט אַמאָל, אַז נישט נאָר מען שרייבט יאָרצייט־אַרטיקלען, נאָר מען לייענט אויך דורך עטלעכע זייטלעך פון דעם יאָרצייט־מאַרטירער, און מען געפינט — אַ דאַנק דעם — וויכטיקס, אַקוראַט נויטיקס.

ווי איר זעט, נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס.

האָב איך טאַקע געפונען ביי פּרצן פאָלגנדע שורות:

„איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס טוישט זיינע שפּראַכן, אַ וואַנדער־פאָלק אָן געשטיצטע גרענעצן, אָן אָן אייגענער עקאָנאָמישער סטרוקטור, און דאָס פאָלק לעבט, ליידט און גייט נישט אונטער; שוואַך און ווערט באַקעמפט פון די מעכטיקסטע און שטאַרקסטע און גיט זיך נישט אונטער, — מוז אַזאַ פאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פילן, אַן אַנדער וועלט־אַנשויאונג האָבן, אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן דער צוקונפט פון וועלט, לעבן און מענטש, — שפּיגלט זיך עס אָפּ אין אונזער ליטעראַטור? זעט ווער מיט יידישע אויגן? פילט ווער מיט אַ יידיש האַרץ, קלינגט ערגעץ וואו דאָס יידישע נשמה־וואָרט?"

אין אַנדערע ווערטער האָסטו דאָ די טענה, וואָס איך האָב שוין אַזוי לאַנג צו דער יידישער ליטעראַטור: זי פאַרזינקט אין נישט וויכטיקע פּרטים, זי טאַפּט נישט אָן דעם עיקר; זי שפּירט נישט די טראַגיק פון אונזער לעבן און זי דריקט זי נישט אויס; זי גייט לייכטזיניק אויפן ראַנד פון אָפּגרונט, ווייל זי זעט אים נישט, זי באַגרייפט אים נישט, זי פילט נישט, וואָס עס קאָן געשען אין אַ מינוט אַרום. דאָס איז נישט דער טראַגישער מוט, וואָס זעט די סכנה און איז גובר די שרעק. דאָס איז די לייכטזיניקע בראַוואור, וואָס זאָגט עדות אויף מאַנגל אין באַוואוסטזיין און טיפן אינסטינקט.

איז דען מעגלעך, אַז אַ ליטעראַטור, וואָס זעט און באַגרייפט די יידישע לאַגע, זאָל נישט פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס י. ל. פּרץ האָט געפילט, וואָס ברענער האָט געפילט?

דער שרייבער יוחנן, ברענערס העלד פון „מעבר לגבולין", מאַכט אונזער ליטעראַטור אַ ביטערן פאָרוואורף, פאַרוואָס מען געפינט נישט אין איר דעם געשריי, וואָס אונזער לעבן מוז

אַרויסרופן ביי די, וואָס באַגרייפן זיין טראַגיזם: „מען וואָלט דאָך געדאַרפט — שרייבט יוחנן־ברענער אין זיין ווערק — אויסשרייען בלויז דעם דאָזיקע געשריי, דעם דאָזיקן גרויסן, ביטערן איין־איינציקן געשריי! צי איז דען מעגלעך, צי איז דען מעגלעך, צי איז מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט קליינקייטן, בעת דאָס אַלץ עקזיסטירט?"

פּרץ און ברענער, ביידע טיף־יידישע שרייבער, האָבן באַגריפן, אַז דער יידישער ליטעראַטור פעלט אַ קאָמפּלעקס. זיי האָבן דאָס באַגריפן און אויסגעדריקט מיט דער לעצטער קלאָרקייט. פּרץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די יידישע נשמה, אָבער זייט זיין טויט פעלט זי צו אָפט, זי קומט נישט צום וואָרט; ברענער האָט אויסגעשריגן אין אונזער ליטעראַטור דעם יידישן ווייטיק, — זיין גאַנץ שאַפן איז געווען דער איין־איינציקער גרויסער, ביטערער געשריי פון אונזער לעבן, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ מחמת דער שטילקייט, וואָס הערשט אין אונזער ליטעראַטור. זייט ברענערס טויט איז די שטילקייט נאָך געוואָרן מוראַדיקער.

פאַרמאָגט דען די נייערע יידישע ליטעראַטור כאָטש איין העלד, וואָס מיר זאָלן פילן, אַז ער רעפּרעזענטירט אונזער ווייטיק און אונזער האָפנונג, אונזער צאָרן און אונזער קאַמף? וואָס זיין נאָמען זאָל זיין אַ פאָן־לאָזונג? אדרבא, רוף מיר אָן אַזאַ העלד.

און אפשר איז דאָ אַ בוך אין דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאָס פאָלק זאָל צופאַלן צו אים, ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל? אדרבא, רוף מיר אָן אַזאַ בוך.

דער לעזער: איך מוז מודה זיין, אַז מיר איז שווער אָנצורופן אַ נאָמען פון אַ יידיש בוך, מיט וועלכן איך זאָל האָבן געלעבט אַ לענגערע צייט; מיט וועלכן איך זאָל האָבן איינגעשלאָפן און איך זאָל מיך האָבן אויפגעכאַפּט מיט אים; מיר איז אויך אוממעגלעך אָנצורופן אַ העלד פון אַ יידיש בוך, וואָס זיין נאָמען און געשטאַלט זאָל מיר זיין איינגעבאַקן אין האַרצן. איך האָב אָפט דאָס געפיל, ווי אונזער ליטעראַרישער מאָלצייט וואָלט באַשטאַנען פון בלויז שאר־ירקות, אָן עיקרדיקע מאכלים. אָבער ביי דעם אַלעם איז מיר נאָך פאָרט נישט קלאָר

דער ענין מיטן קאָמפּלעקס. עפּעס פעלט טאָקע דער יידישער לי־טעראַטור, — עפּעס, וואָס פּרץ האָט באַצייכנט אַלס ספּעציפיש־יידישע נשמה, און ברענער אַלס ספּעציפיש־יידישן געשריי, — אָבער אַז דער יידישער ליטעראַטור זאָל דווקא פעלן אַ קאָמ־פּלעקס, אַ ספּעציפיש־יידישער קאָמפּלעקס (לאָמיר אים באַ־צייכענען אַלס קיום־קאָמפּלעקס), — איז דאָס נישט אַביסל צו מאָדערן? איז דאָס נישט אַביסל צו מאָדערן? איז דאָס נישט אַביסל צו פיל אין סטיל פון דער פּראָווידיאַנישער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז שוין געוואָרן אַן אָפּגעריבענע מטבע, און מען וויל זי שוין באַלד נישט אָננעמען?

דער קריטיקער: מען קאָן נישט לייקענען: דער באַגריף „קאָמפּלעקס" איז נישקשהדיק עקספּלאָאַטירט געוואָרן. אָבער צי דען גייט דאָ אין אַ נאָמען? האָט דען די קאָמפּלעקס־דערשיינונג נישט עקזיסטירט און נישט געווירקט אויך איידער זיגמונד פרויד האָט זי אַ נאָמען געגעבן? און צי דען וועט זי נישט עקזיסטירן אויך נאָכדעם, ווי מען וועט דעם דאָזיקן באַ־גריף אָפּגעבן אין אַרכיוו? דער נאָמען קאָן פאַרשווינדן, אָבער די דערשיינונג וועט פאַרבלייבן. און וואָס שייך דער דערשיינונג, האָב איך אויף אַ האָר נישט איבערגעטריבן. די וועלט־ליטעראַ־טור איז פול מיט קאָמפּלעקסן, ווייל דאָס לעבן איז פול מיט זיי. איז דען די פּוילישע ליטעראַטור אין משך פון הונדערט יאָר נישט באַהערשט געווען פון גאולה־קאָמפּלעקס? אַוודאי, איר קאָנט געפינען אויך אַנדערע מאָטיוון אין פּוילישע ווערק, פּונקט ווי די פּאָליאַקן האָבן געטון אויך אַנדערע זאַכן, ווי בלויז טרוימען וועגן אַ פרייַ פּוילן, — אָבער מיט וואָס האָט זיך באַשעפטיקט דער שפּיגל פון דער פּוילישער ליטעראַטור, דאָס, וואָס מאַכט זי פאַר אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור? מיט וואָס האָבן געלעבט מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי? און וואָס האָט זיי גרויס געמאַכט, אויב נישט דער גאולה־קאָמפּלעקס? און וואָסערע ווערק זענען געוואָרן די פּאָן און דער לאָזונג פון דער פּוילישער יוגנט, פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, אויב נישט די דאָזיקע קאָמפּלעקס־ליטעראַטור, וואָס האָט געגעבן אַן אויסדרוק דעם פּוילישן לעבן־קאָמפּלעקס? און אַזוי איז געווען ביי אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

און די רייכע מלחמה־ליטעראַטור? טראָגט זי דען נישט אויף זיך אַלע סימנים פון א קאָמפּלעקס? א דור האָט זיך באַמיט אָפּצוגעבן א דין וחשבון וועגן זיין גרעסטער לעבנס־איבערלעבונג אויף א מאַניאַקאַלישן אופן — ווייל דאָס איז אים געלעגן אין די ביינער און — אויפן געוויסן. און די דאָזיקע אומנאָרמאַלע קאָמפּלעקס־דערשיינונג איז געוועזן דער געזונט־סטער, נאָרמאַלסטער סימן פון דער אומנאָרמאַלער נאָך־מלחמה־צייט: די בעסטע זין פון דער אייראָפּעאישע ליטעראַטור האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרשיכורן פון ביליקן נצחון־יובל און זיך באַמיט אָפּצוגעבן א דין וחשבון פון דער גורלדיקסטער קאַטאַ־סטראָפע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

און דער פאַשיזם־קאָמפּלעקס אין דער דייטשער עמיגראַנ־טישער ליטעראַטור?

און דער אויפבוי־קאָמפּלעקס אין דער רוסישער?

אומעטום, וואו דאָס לעבן פאַרקראַמפּט זיך אַרום א צענט־ראַלער אויפגאַבע, וואו דאָס לעבן באַקומט א קאָמפּלעקס, רופט זיך די ליטעראַטור אויך אָפּ מיט דעם זעלבן.

בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין נאַ־ציאָנאַלער קאָמפּלעקס, הגם אונזער לעבן איז טויט־קראַנק אויפן דאָזיקן פּונקט, הגם אונזער לעבן דאַרף פול זיין מיטן דאָזיקן קאָמפּלעקס. איך באַמערק, אַז כ'האָב באַנוצט די ווערטער „דאַרף פול זיין" אָנשטאָט „איז פול", וואָס וואָלט געווען לאָ־גישער. יאָ, לאָגישער, אָבער איך ווייס נישט צי ריכטיקער. ווייל דאָס לעבן אונזערס איז פּאָטענציעל פול מיט א נאַציאָנאַלן קאָמפּלעקס, אָבער צי פילט אים טאַקע אונזער לעבן, צי האָט עס דעם באַוואוסטזיין דערפון?

די דאָזיקע פראַגע קאָן וואַרפן א נייעם שיין אויף אונזער פּראָבלעם. אפשר פעלט אונזער ליטעראַטור דער נויטיקער קאָמ־פּלעקס מחמת דעם, וואָס ער פעלט אויס אין שאַרף־געפילטער פאָרם אויך אונזער לעבן... און אפשר פעלט ער אונזער לעבן, ווייל אונזער ליטעראַטור העלפט אים נישט קומען צום פולן באַוואוסטזיין.

אָבער דאָס איז שוין א פראַגע א באַזונדערע. דער פּירוש אויף דער „גאַנצער תורה אויף איין פוס" (אַז אונזער ליטע־

ראַטור פעלט אַ קאָמפּלעקס), קאָן זיין פאַרענדיקט. ווי מיינסטו?

דער לעזער: איך קאָן נישט זאָגן מיט אַ פולן מויל, אַז דער פירוש זאָל זיין אַן אויסשעפּנדיקער, אָבער איך קאָן יאָ זאָגן מיט אַ פולן מויל, אַז דער ענין — קאָמפּלעקס — איז נענטער געוואָרן צום שכל, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט אין ערשטן מאָמענט. האָסט מיך נישט אינגאַנצן איבערצייגט, אַז דער יידישער ליטעראַטור פעלט דווקא אַ קאָמפּלעקס; אָבער דערפאַר האָסטו מיר באַשאָנקען אויף אַ געוויסער צייט מיט אַ קאָמפּלעקס: צי פעלט טאַקע דער יידישער ליטעראַטור אַ קאָמפּלעקס?

דער קריטיקער: אויב אַזוי, איז אונזער שמועס נישט געווען אומזיסט: אויב דו, דער לעזער, וועסט פאַרכאַפּט ווערן מיט אַ קאָמפּלעקס, וועט זיך אויך די ליטעראַטור אָנשטעקן פון דיר מיט אים. און דערנאָך וועט זי ווידער ווירקן אויף דיר.

און אַז מען זעט איין, אַז אַ געוויסע זאַך איז נויטיק, פאַרדערט מען דאָס. און דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ נאָכפרעג, איז דאָ אַן אָנבאָט. און אַן אָנבאָט, ווער רעדט פון נויטווענדיקע זאַכן, פאַרשטאַרקט דעם נאָכפרעג. און אַזוי כסדר ווי אַ רעדער־ווערק, וואָס איין ציינדל־ראָד שלעפּט דעם צווייטן. איין רעדעלע דאַרף נאָר געבראַכט ווערן אין באַוועגונג: זיי עס דו, — דו, דער לעזער!

ווילנע, 1940.

אונזער ליטעראַטור און אונזער לעבן

(אליעזר פעלדבערג און הירש לוסטיג)

וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אונזער ליטעראַטור און אונזער לעבן קאָן מען — דאַרף מען — שרייבן זייער אַ סך.

פאַראַן מיינונגען, אַז אונזער לעבן איז נישט דערוואַקסן צו אונזער ליטעראַטור. אין דער צייט, וואָס די ליטעראַטור שוועבט שוין אין די העכסטע פּאָעזיע־הימלען, איז אונזער לעבן נאָך אַזוי שטאַרק צוגעשמידט צו זיין עמק הבכא, אַז עס באַגלייט נישט אונזער ליטעראַטור אין איר פלי.

דערפון נעמט זיך די איינזאַמקייט פון אונזער ליטעראַטור, וואָס האָט נישט קיין לייענער, וואָס האָט נישט צו וועמען צו רעדן.

פאַראַן ווידער מיינונגען, אַז אונזער ליטעראַטור איז נישט דערוואַקסן צו אונזער לעבן. די ליטעראַטור איז טאַקע איינזאַם, אָבער דאָס איז נישט די איינזאַמקייט פון גרויסקייט, פון פאָרויס־שפּרייזן, נאָר די איינזאַמקייט פון אָפּגעשטאַנענקייט. אונזער לעבן איז אַוועק אַ סך ווייטער פאַר אונזער ליטעראַטור, — סיי אין זיינע מעשים, סיי אין זיינע אָנונגען און פאַרלאַנגען, און די ליטעראַטור קאָן עס נישט דעריאָגן, עס בלייבט ווייט הינטערשטעליק.

נישט די ליטעראַטור איז איינזאַם, נאָר דאָס לעבן אונזערס, וואָס ווערט נישט באַגלייט פון אַ טרייסטנדיקער, באַלייכטנדיקער און פאָרויס־פירנדיקער ליטעראַטור. נישט דאָס לעבן אונזערס איז אָפּגעשטאַנען, נאָר די ליטעראַטור אונזערע.

און פאַראַן אויך אַ דריטע מיינונג — מיינע, — וואָס אַנדערע וועלן זי אפשר באַטראַכטן ווי אַ פשרהדיקע, אַ ליב־האָבערין פון גאָלדן־שליטנדיקן מיטן, אָבער איך האַלט זי פאַר אַ סינטעטישע, אַ טיפער בליקנדיקע.

ביידע צדדים זענען גערעכט. ווייל ביידע רעדן אייגנטלעך דאָס זעלבע, נאָר זיי קוקן איינזייטיק. די ערשטע קוקט בלויז אויף דער ליטעראַטור און די צווייטע בלויז אויפן לעבן, פאַרגעסנדיק, אַז ליטעראַטור און לעבן זענען צוויי זייטן פון איין מטבע. די ליטעראַטור איז טאַקע איינזאַם, אָבער דערפאַר, ווייל זי איז אָרגאַניש נישט פאַרבונדן מיטן לעבן. דאָס לעבן איז טאַקע איינזאַם, אָבער דערפאַר, ווייל עס האָט נישט קיין כוח צו שאַפן אָרגאַנישע ליטעראַטור. ביידע ליידן פון איין קראַנקהייט, אָבער די קראַנקהייט הייסט אַמאָל „קראַנקע ליטעראַטור" און אַמאָל — „קראַנקעס לעבן". עס ווענדט זיך, אויף וואָס מיר לייגן אין געגעבענעם מאָמענט מער אַכט.

די דאָזיקע פראַגן וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן ליטעראַטור און לעבן זענען זייער קאָמפּליצירט, פאַרפּלאָנטן צווישן זיך און ריין טעאָרעטיש איז זיי זייער שווער צו לייזן און נאָך שווערער זיי פאַרשטענדלעך צו מאַכן פאַר יעדערן, בפרט פאַר די, וואָס ווידמען נישט די דאָזיקע פראַגן צופיל צייט. און דעריבער איז צוועקמעסיק צו באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגן אויף קאָנקרעטע ביישפילן.

לאָמיר דאָס פּרוּוון טון.

* * *

די יידישע צייטונגען האָבן לעצטנס דערמאָנט דעם נאָמען אליעזר פעלדבערג, איינעם פון די העלדן פון טרויעריק־באַרימטן פּשיטיק. דערמאָנט האָט מען אים אין שייכות מיט אַ צייטונגס־ידיעה וועגן גורל פון די יידישע פּשיטיק־העלדן. שלום לעסקאַ — האָבן די צייטונגען געמאָלדן — איז אין ביאַליסטאָק, און אליעזר פעלדבערג איז אין זיין געבורט־שטעטל פּשיטיק.

די דאָזיקע צוויי פּשיטיקער העלדן האָבן פאַרדינט מען זאָל אין זיי נישט פאַרגעסן, ווייל זיי זענען יידישע העלדן נישט נאָר פּאַסיוו — דער יידישער גורל האָט גראָד זיי געטראָפן, ווי אַ ביילים, למשל, — נאָר אויך אַקטיוו, לויט זייער אינדיווידועלער האַלטונג בעת די פּשיטיקער געשעענישן און בעתן פּראָצעס.

אָבער אליעזר פעלדבערגן וועל איך איצט אויסנוצן אַלס

עדות אין דעם פּראָצעס צווישן דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן לעבן.

* * *

אליעזר פעלדבערג איז בעתן פּשיטיקער פּראָצעס אין 1936 אַלט געווען 69 יאָר. לויט דער פאָרשטעלונג, וואָס מיר האָבן געוויינלעך פון די דאָזיקע אַלטע יידן, דאַרף אַזאַ איינער זיין כלפּי־חוץ שרעקעווודיק, נכבדיק, מה־יפיתדיק. און דעריבער איז אַזוי גרויס געווען די איבערראַשונג, ווען דער אמתער אַקטי־ווער העלד פון פּשיטיקער פּראָצעס איז געוואָרן — דער 69־יאָ־ריקער ייד.

ווען מען לייענט זיינע דערקלערונגען אין געריכט, ווערט מען פול מיט יראת־הכבוד פאַרן דאָזיקן אַלטיטשקן, וועלכער איז געשטאַנען מיט הונדערט קעפּ העכער נישט נאָר פאַר די איבעריקע געמשפּטע, נאָר אויך פאַר אַלע פאַרטיידיקער, פאַר דער גאַנצער יידישער פּשיטיק־פּובליציסטיק: אין יעדן וואָרט זיינעם, אין יעדן ענטפער זיינעם שפּירט זיך אַן האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, אַן איידעלע און דימענט־פעסטע, אַ פיינפיליקע און אַקטיוו־דרייסטע.

— איך געהער צום פאַראיין פון אברהם אבינו, דעם ערשטן אַנטדעקער פון איינציקן גאָט אויף דער וועלט.

— איך בין אַ ייד, אָבער איך האָב ליב אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פון גלויבן. איך וויל בעסער גוטע קריסטן איי־דער שלעכטע יידן, אַ גוטן גלח איידער אַ שלעכטן רב. אין פּשיטיק איז אָבער אַנטשטאַנען אַ נייער פאַראיין, וואָס הייסט הרגענען אַלע יידן און זיי אויסהונגערן.

און ווען דער ריכטער האָט אים געפרעגט, צי ער האָט אָנטיילגענומען אין געשלעג, האָט ער באַקומען אַ היסטאָרישן ענטפער:

— אפילו ווען איר, ה׳ ריכטער, וועט מיך וועלן שלאָגן, וועל איך זיך פאַרטיידיקן.

און דעם העלדישן קאָמעדיאַנט קאָוואַלסקי, דעם לאָדזשער עקסטרעם־ענדעקישן בלוטדורשטיקן אַדוואָקאַט, האָט ער גע־וואָרפן אין פּנים אַריין די ווערטער, וואָס גיבן אַ שמיץ, ווי מיט פאַראַכטונגס־בייטשן:

— איר מאַכט זיך לעכערלעך, ה׳ אַדוואָקאַט.

פעלדבערג איז אין די טעג פון פשיטיקער פּראָצעס געווען אַ טרייסט און אַ האָפנונג פאַר צענדליקער טויזנטער, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניק זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז דורכן דאָזיקן אַלטיטשקן האָט עפנטלעך באַקומען לשון דאָס סאַמע יינגסטע נאַציאָנאַלע חשיבות־געפיל פון יידישן פאָלק. דאָס, וואָס די גאַנצע יידישע פּרעסע האָט נישט געזאָגט, האָט פשוט און קלאָר, מיט דער גרעסטער נאַטירלעכער זעלבסט־חשיבות און מיט דעם גרעסטן זעלבסטפאַרשטענדלעכסטן, כמעט אַנונגסלאָזן מוט געזאָגט דער אַלטער אליעזר פעלדבערג. ער האָט געזאָגט געשיכטלעכע ווערטער, — ווערטער, וואָס מאַכן ביי אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער געשיכטע.

* * *

די פשיטיק־עפּאָכע האָט געהאַט מזל צו דער יידישער ליטעראַטור. אין קעגנזאַץ צו אַזויפיל וויכטיקע נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין אונזער לעבן, האָט די פשיטיק־עפּאָכע יאָ געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אונזער ליטעראַטור. מ. בורשטין האָט די דאָזיקע תקופה פּרובירט אָפּשפּיגלען און אויסטייטשן אין זיין „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע", און די יידישע קריטיקער, וואָס שטייען — וואָס דאַרפן שטיין — צווישן יידישן לעבן און דער יידישער ליטעראַטור ווי פּאַרמיטלער, ווי קאָנטאַקט־סיגנאַליזירער און זיי האָבן אָפט קיין שטאָך מלאכה נישט — די דאָזיקע קריטיקער האָבן זיך דערפרייט, זיך אָנגעכאַפּט:

— אָט איז דאָס ווערק, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן, דאָס צאַפּלדיקסטע לעבן.

און דער הויפּט־העלד פון דאָזיקן בוך, הערש לוסטיג, איז געוואָרן דער ליבלינג פון דער יידישער קריטיק:

— אָט איז אַ פּאָזיטיווער העלד, אַ סימבאָל פון אונזער שטאַנדהאַפטיקייט, פון אונזער אומבויגזאַמען לעבנס־ווילן, פון אונזער אומגעבראָכענעם מוט און אָפּטימיזם.

וואָס־זשע זאָגט דער דאָזיקער פּאָזיטיווער ווירקלעכקייט־העלד פון אונזער ליטעראַטור?

„אַ קונץ איז צו וויינען, אַז מען קריגט פּעטש? לאָמיר לאַכן, ר' ישראלטשע, באַקומען פּעטש און לאַכן".

און אַז ר' ישראלטשע זאָגט: „ס'יאָגט אָן אַ כוואַליע, מיר טרינקען זיך", זאָגט לוסטיג:

„בייגט מען איין דעם קאָפּ, ר' ישראלטשע, ביז וואַנען די פּאַליע וועט פאַרביי. גם זה יעבור".

און אָט דאָס דאַרף עס זיין דאָס נייע, דאָס פּאָזיטיווע? אָט דאָס דאַרף עס אָפּשפּיגלען אונזערווירקלעכקייט און נישט אין קיין קרומען שפּיגל, נאָר אין אַ פּאָזיטיוון?

באַקומען פּעטש און לאַכן? מיר האָבן שוין פאַרגעסן די צייט, ווען מיר האָבן דאָס נישט געקאָנט. דאָס האָט דאָך געקאָנט יעדער מה־יפית־יידל, דאָס איז דאָך אַן אַלטע יידישע דערפינדונג.

איך ווייס נישט, צי די יידן האָבן צוגעטראַכט דאָס שפּריכוואָרט: „מען שפּייט אים אין פּנים, זאָגט ער אַז עס רעגנט", אָבער קיינער האָט דאָס אַזוי נישט אָנגעווענדעט, אַזוי פאַראייננט, ווי מיר, יידן.

איינבייגן דעם קאָפּ פאַר יעדער כוואַליע? דאָס איז דאָך אַזוי אַלט, ווי דער יידישער גלות, און מען האָט עס שוין אויסגעדריקט בעסער ווי הערש לוסטיג טוט עס (מיט מ. בורשטינס הילף...).

ניין. נישטאָ אין דעם קיין נייעס און קיין פּאָזיטיוועס אוודאי נישט. ווייל דאָס פּאָזיטיווע אין יידישן לעבן גייט גאָר אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג, רייסט זיך אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג.

עס איז גענוג אַנטקעגנצושטעלן הערש לוסטיגן אליעזר פעלדבערגן, כדי צו זען בחוש ווי נישטיק, אַלט (אין נעגאַטיוון זין) עס איז לוסטיג (אָט דער צענט־ראַנגיקער טביה דער מילכיקער), מיט זיין בדהניש־מה־יפיתדיקן אָפּטימיזם לגבי דער מאַיעסטעטישער יונגקייט פון אַלטן פעלדבערג. וואָלט אונזער ליטעראַטור באמת געהאַט אַן אויער פאַר לעבן, וואָלט זי געוועזן אויפגעכאַפּט דעם נייעם טאָן פון אַלטן פעלדבערג און נישט דעם פון אַלטקייט הייזעריקלעך־גרילצנדיקן פון הערש לוסטיג.

און דער גורל פון אַ ליטעראַרישן פעלדבערג־טיפּ וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי פון הערש לוסטיג. לוסטיג איז נישט סימבאָל, וואָס אַז מען דערמאָנט זיין נאָמען פילט מען, אַז ער רעפּרעזענטירט אונז אין אונזערע בעסטע מאָמענטן, אַז ער רעפּרעזענטירט דאָס נייע, וואָס וויל געבוירן ווערן אין אונז. מען האָט געקאָנט טומלען אַרום אים, אָבער מען האָט מיטן טומל נישט געקאָנט דערגרייכן, אַז ער זאָל ווערן איינגעבאַקן אין די הערצער פון די יידישע לייענער, ווי דאָס איז געשען מיט פעלדבערגס געשטאַלט, ווי זי איז פאַרפּלאַסטישט געוואָרן אין זיינע עטלעכע ווערטער אין געריכט.

דער פאַרגלייך צווישן הערש לוסטיג און אליעזר פעלד־בערג איז אַ בולטער באַווייז פאַר דער הינטערשטעליקייט פון דער יידישער ליטעראַטור לגבי דעם יידישן לעבן.

איז אָבער די יידישע ליטעראַטור די איינציקע שולדיקע אינם גרויסן פּראָצעס צווישן אונזער ליטעראַטור און אונזער לעבן? דאָס נישט. אויך אונזער לעבן איז נישט פריי פון שולד.

אונזער לעבן איז אומנאָרמאַל, אומגעזונט, און טאָמער ווערן שוין אין אים געבוירן געזונטע טענער, קאָנען זיי נישט אויסגעטראָגן ווערן ביז שעפערישער רייפקייט. מען גיט אַ הויב דעם קאָפּ, אָבער באַלד פאַלט ער ווידער אַראָפּ. אונזער לעבן ווערט נישט אויף אַזוי ווייט דורכגעדרונגען מיט זיי, אַז עס זאָל זיי אַרויפצווינגען אויף אונזער ליטעראַטור דורך זייער שטאַרקייט. זיי דערגייען נישט צו אונזער ליטעראַטור, ווייל זיי זענען אין לעבן צו שוואַך, צו פאַראיינצלט אין לעבעדיקן געזונטן אויסדרויער.

און ווייל דאָס לעבן אונזערס פאַרגעסט שנעל די צוקונפט־רייכע ווערטער (וואָס זענען טאַט) פון אַ פעלדבערג, קאָן זיך די ליטעראַטור פאַרטומלען מיט די אָפּגעלעבטע ווערטער פון אַ לוסטיג.

ווילנע, 1940.

פּאָעטישע אילוסטראַציעס צו אַ גרויזאַמער ווירקלעכקייט

א. סוצקעווער — „די פעסטונג", לידער און פּאָעמעס
געשריבן אין ווילנער געטאָ און אין וואַלד 1941־1944.
מיט אַ פאָררעדע פון נחמן מייזיל. איקוף פאַרלאַג,
ניו־יאָרק, 1945, 112 ז"ז.

סוצקעווערס בוך „די פעסטונג" האָב איך געלייענט נאָך זיין בוך „אין ווילנער געטאָ", און דער ערשטער און שטאַרקסטער איינדרוק פונם דאָזיקן לידער־בוך האָט זיך אָפּגעזעצט אין עטלעכע ווערטער: „פּאָעטישע אילוסטראַציעס צו אַ גרויזאַמער ווירקלעכקייט". אויף די ראַנדן פון זיין כראָניק פון ווילנער געטאָ, וואָס סוצקעווער האָט נישט נאָר צניעותדיקפרום געשריבן, נאָר אויך העראָאיש־אַקטיוו דורכגעלעבט, האָט דער זעלבער סוצקעווער געצייכנט זיינע געוואַלטיקע פּאָעטישע אילוסטראַציעס.

ווען מען לייענט „די פעסטונג", ראַמט זיך יעדעס געדיכט איין אין דער ווירקלעכקייט, וואָס איז מיט אַזאַ פּשטותדיקער מייסטערשאַפט איינגעשלאָסן געוואָרן אויף אייביק אין זיין „ווילנער געטאָ"; און ווען מיר ווילן נעמען אויסטייטשן די דאָזיקע לידער, זעען מיר איין, ווי אוממעגלעך דאָס איז: מען וואָלט זיי באַדאַרפט אינטערפּרעטירן אָדער אילוסטרירן מיט די געהעריקע שטיקער פון „אין ווילנער געטאָ", ד. ה. אילוסטרירן די אילוסטראַציעס מיט דעם, וואָס זיי אילוסטרירן.

די דאָזיקע צוויי ביכער זענען אַן אומצעטיילבאַר איינס: די לידער פון דער „פעסטונג" דאַרף מען אַריינשטעלן אויף די געהעריקע ערטער פון „אין ווילנער געטאָ".

פּאָעזיע וואַקסט תמיד אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט. דאַן, ווען עס דאַכט זיך אונז, אַז די דיכטונג וואַקסט אויס נאָר אויפן באָדן פון דיכטערס האַרץ און נשמה, זענען זייערע וואָרצלען, וואָס האָבן געצויגן יניקה פון דער ווירקלעכ־

קייט, אומזעבאַר. אַמאָל אומזעבאַר פאַרן דיכטער גופא. אָבער דאָ, אין דער „פּעסטונג", קומט פאָר די טראַנספאָרמאַציע פון ווירקלעכקייט אין דיכטונג פאַר אַלעמען אין די אויגן. מיר שטייען, צוזאַמען מיטן דיכטער און זיין דיכטונג, ביז איבערן האַלז אין בלוט און פּיין, אין דער שרעקלעכסטער ווירקלעכקייט, און מיר זעען ווי די דאָזיקע ווירקלעכקייט, איינגעזאַפּט דורכן דיכטער, הויבט זיך העכער און העכער, ביז צו די העכסטע הימלען פון דיכטונג.

סוצקעווערס דיכטונג אין דער „פּעסטונג" שוועבט נישט אין די הימלען, נאָר מיר זעען, ווי זי וואַקסט אַרויס פון די סאַמע טיפענישן, פון גרויליקסטן „ממעמקים", און זי דער־גרייכט די העכסטע פאַרוואַנדלונג.

מיר געפינען זיך מיט סוצקעווערן אין דער געהיימניספולער לאַבאָראַטאָריע פון דיכטונג, בעת איינעם פון אירע שווערסטע פּראָצעסן — טראַנספאָרמירן צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט — און נאָך וואָסערע! — אין דיכטונג. און דער דאָזיקער שווערער פּראָצעס איז סוצקעווערן געלונגען אין דער העכסטער מדרגה. די גרויזאַמע ווירקלעכקייט שלעפּט נישט זיין דיכטונג צו דער ערד (זי איז נישט קיין באַגראַמטע שטיקל ווירקלעכקייט), נאָר זי לאָזט איר פריי פליען און ווערן — דאַכט זיך דאָס זעלבע און דאָך עפּעס אַנדערש. זיינע פּאָעטישע אילוסטראַציעס פאַר־מאָגן די פאַרוואַנדלענדיקע קראַפט פון דיכטונג.

אָט שטייט סוצקעווער און גראָבט, לויטן באַפעל פון די דייטשן, אַ קבר („עקזעקוציע"). דאַכט זיך, אַז אין אַזאַ מאָ־מענט, ווען מען שטייט צוזאַמען מיט אַן עדה יידן און מען גראָבט קברים פאַר זיך, פאַרן אייגענעם ווייב, פאַרן אייגענעם פאָלקס־ברודער, איז נאַטירלעך, דער מענטש זאָל זיין דער־דריקט, צערודערט ביז אין די טיפסטע טיפענישן, אומפעאיק צו באַזיצן די רואיקייט און דורכזיכטיקע קלאָרקייט פון געמיט, וואָס איז נויטיק פאַרן פּראָצעס פון דיכטונג. אָבער עס געשעט אַ וואונדער: דעם דיכטערס רידל צעשניידט, גראָבנדיק, אַ וואָרים, און דעם דיכטערס מיטלייד, מיטגעפיל — דער ערשטער און שטאַרקסטער קוואַל פון דיכטונג — קומט אין באַוועגונג, נעמט לעבעדיק פליסן, און אַלץ אין אים נעמט צאַפּלען:

„אַ גראָב און אַ שניט און אַ ווערימל קליין
„נעמט צאַפּלען פון אונטן — דאָס האַרץ קאָן צעגיין".

און דער געעפנטער שטראָם פון דיכטונג טראָגט אים ווייטער צו די ברייטערע האָריזאָנטן פון פּאָעטישער סימבאָליק: ער קוקט, ווי עס קאָרטשען זיך די צעשניטענע טיילן, מערנדיק זיך אין זייער פּיין, לעבנדיק אין זייער פּיין, זיך נישט אונטער־געבנדיק. און פונם קבר אַרויס, געגראָבן פאַר זיך און פאַרן פאָלק (אין פּשוטן זין פון דאָזיקן וואָרט), שטייגט אויף די טרייסט, די גרויסע טרייסט פון דיכטונג, פון דיכטערישער סימבאָלישקייט:

„אויב אַ ווערימל גיט זיך נישט אונטער דעם שניט,
„ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרים?"

דאָס ליד „עקזעקוציע" געהערט צו די פּשוטסטע אין דער „פעסטונג" און דערפאַר טאַקע דעקט עס אָפּ מיט אַזאַ בולטקייט דעם סובלימירונגס־פּראָצעס פון דער האָפנונגסלאָזער ווירקלעכ־קייט אין — האָפנונגספולער דיכטערישער איבערלעבונג.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

אָט דאָס טאַקע פרעגן מיר זיך אויף טריט און שריט, וואַנדערנדיק דורך די געדיכטן פון דער „פעסטונג". מיר פילן, אַז מיר קומען אין באַרירונג מיט אַ וואונדער.

מיט אַ טאָפּלטן וואונדער: 1) מיטן תמידן וואונדער פון דיכטונג, ווען פון די טיפענישן פון פּיין שלאָגט אַרויס אַ קוואַל ליכטיקע מענטשלעכקייט, און 2) מיט דעם איינציקאַרטיקן וואונ־דער, וואָס אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט נאָך געקאָנט פונק־ציאָנירן דאָס דיכטערישע.

מיר קאָנען נישט פאַרשטיין, ווען מיר זעען פון דאָרט געקומענע, פון דאָרט אַרויסגעקומענע פיזיש גאַנצע. אָבער דער דאָזיקער נס איז אַ פאַקט, אַ ווירקלעכקייט. אויך סוצקעווערס דיכטערישער נס איז אַ פאַקט. און אויך זיין נס איז נישט קיין איינצל־דערשיינונג, — עס זענען דערגאַנגען צו אונדז פון „דאָרט" ענלעכע געדיכטן־נסים אויף פויליש (א. גלאַנץ־לעיעלעס האָט זיי איבערזעצט אין יידיש פאַר דער „צוקונפט"), אָבער די דאָזיקע געלייטערטקייט אין אַזאַ פאַרנעם האָבן מיר נאָך נישט געהאַט:

„די לערערין מירע" איז נישט קיין דיכטונג־געשטאַלט, נאָר מירע בערנשטיין, די ווילנער לערערין. און די קינדערלעך אירע, וואָס ווערן אַליץ ווייניקער און וועלכע מאַכן פאַרשטעלונ־גען אונטער דער אומדערטרעגלעכער האַק פון די רוצחים, זע־נען נישט קיין קינדער פון אַ פּאָעטישער וויזיע, פון אַ פּאָעטישן סימבאָל, נאָר — אוי, וויי צו אונז! — די קינדער, וועלכע מיר פלעגן זען אין ווילנע, אין וואַרשע, אין ביאַליסטאָק, אונזערע קינדער, אונזער פלייש און בלוט, אונזער האָפנונג, אונזער אונטערגעשניטענע צוקונפט. און דאָך איז „די לערערין מירע" אויך דיכטונג, און גרויסע דיכטונג, מיט דער גאַנצער — נישט ביליקער! — טרייסט, וואָס דיכטונג ברענגט אפילו אין גיהנום, אפילו אין די דייטשע געטאָס, וואָס זענען ערגער פאַרן גיהנום.

דער דיכטער דערזעט פּלוצלונג אין דער ווירקלעכקייט — די וויזיע, אין דער גרויליקייט — די שיינקייט פון העלדנ־טום, און עס דאַכט זיך אים, — און אונז צוזאַמען מיט אים, — אַז די לערערין מירע „איז אַ בלום און די קינדערלעך — בינען" און זיי זויגן אַרויס פון איר, און מיר דאַרפן אַרויסזויגן פון זיי, דעם האָניק פון דער צוקונפט.

זיין ליד „איך ליג אין אַ מיטה" איז אַן אילוסטראַציע צום געהעריקן קאַפּיטל „אין ווילנער געטאָ", אָבער גלייכצייטיק איז דאָס דער סימבאָל פאַרן גאַנצן בוך:

„און איצט אין אַ מיטה,
„ווי אין הילצערנע קליידער,
„זינגט אַליץ נאָך מיין וואָרט".

איינגעשלאָסן אין דער מיטה פון נאַציזם, האָט סוצקע־ווערס וואָרט נישט אויפגעהערט זינגען. דער ברוטאַלסטער דרוק אין דער וועלט־געשיכטע איז נישט בכוח געווען צו דער־שטיקן סוצקעווערס זינגעוודיק וואָרט. און דאָס איז איינער פון די גרעסטע וואונדער, וואָס דאָס יידישע פאָלק אין פּוילן האָט באַוויזן: עס איז געבליבן מענטשלעך, עס איז נאָך געוואָרן מענטשלעכער אין די צוואַנגען פון דער נאַציסטישער מיטה, אין וועלכער מען האָט עס אַריינגעשפּאַרט. דאָס געזונגענע וואָרט פון זיינע רעפּרעזענטאַנטן, פון זיינע פּאָעטן, זאָגט עדות

דערויף: מען קאָן נישט אויף אַן אמת דיכטן, ווען מען איז נישט טיף־מענטשלעך, — דער פּראָצעס פון דיכטן איז דאָך אַ רעזולטאַט פון אויסגעלייטערטער מענטשלעכקייט.

סוצקעווער האָט נישט געשריבן זיינע פּאָעטישע אילוסטראַציעס דאַן, ווען ער האָט געשריבן די כראָניק פון ווילנער געטאָ, סוצקעווער האָט זיינע אילוסטראַציעס אויסגעזונגען דאַן, ווען ער האָט די דאָזיקע כראָניק אַליין דורכגעלעבט, — ווען נישט נאָר זיין פאָלק איז געלעגן אין דער טויטן־מיטה, נאָר ער גופא האָט זיך דאָרט געפונען.

און עס איז טאַקע מערקווירדיק, וואָס די פּאָעזיע סוצקעווערס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די געשעענישן, נישט אַנקומענדיק צו דער באַרימטער דיסטאַנץ לגבי די געשעענישן, — דער גליוזער פון סוצקעווערס ווירקלעכקייט האָט נישט — אַ, וואונדער איבער וואונדער! — פאַרגליווערט דעם לעבעדיקן שטראָם פון זיין פּאָעזיע.

„...אַלע פיילן צילן אין מיין זינען.\
„נאָר ס'איז געגנוג אַ ליד —\
„און זיי צערינען.\
„דער עשאַפּאָט צעשמאָלצן,\
„איך — באַפרייט".

אזוי זינגט סוצקעווער אין זיין „ווי נאָענט און ווי ווייט", דעם 30 יולי 1942, אין סאַמע שטורעם. אין די דאָזיקע שורות איז די געשיכטע פון דער אַלמענטשלעכער דיכטונג, — זי איז דער פּאַנצער, וואָס פאַרהיט דעם מענטש און די מענטשהייט פון דער גרעסטער סכנה: אַז די פיילן, וואָס צילן אין דעם פּינטעלע מענטש, זאָלן טויטלעך טרעפן. ס'איז געגנוג אַ ליד — און די פיילן צערינען, דער עשאַפּאָט ווערט אוים עשאַפּאָט, דער געפאַנגענער — ווערט באַפרייט. סוצקעווער האָט געזונגען אין געטאָ; אַנדערע, וואָס קאָנען אַליין נישט אויסזינגען זייער וואַקסנדיקן געזאַנג, האָבן זיך געטוליעט צום יידישן געזאַנג.

און מען קאָן בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט די פינסטערע מחשבות, וואָס באַפאַלן אָפט אַ היינטיקן ייד, וואָס טוליעט זיך אין איינזאַמקייט צו דער גרויסקייט און שיינקייט פון זיין פאָלק — אַז ער איז אַ לעצטער: איז דען מעגלעך,

אַז אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי געזונגען אין אַזאַ צייט, וועט אונטערגיין? איז דען מעגלעך, אַז אַזעלכע לידער סוצקע־ווערס, ווי „די לערערין מירע", „דער זקן", „משה", „מיין מאַמע", „איציק וויטענבערג", דאָס געוואַלטיקע „...און אַזוי זאָלסטו רעדן צום יתום" און אַנדערע וועלן נישט געלייענט ווערן דורך יידן אין יאָרהונדערטער אַרום?

מען קאָן נישט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן געדאַנק און אין אונז איז דאָס געוועגדט, אַז די פינסטערע מחשבות זאָלן פאַרשעמט ווערן.

עס איז אָבער דערצו נויטיק אַ פּונק פון יענעם גייסטיקן פלאַם, וואָס האָט געברענט אין די געטאָס און וואָס זיין הייליקער אָפּגלאַנץ שיינט אונז אַנטקעגן פון סוצקעווערס „די פעסטונג".

אַזעלכע לידער זענען באמת אַן אומצעשטערבאַרע גייס־טיקע פעסטונג פאַר דרויסנדיקע כוחות. אַלץ האָט היטלער פאַרניכטעט, נאָר נישט די דאָזיקע פעסטונג.

וועלן מיר זי פאַרניכטן פון אינעווייניק?

* * *

ס'איז אוממעגלעך, ווי כ'האָב שוין אויבן געזאָגט, צו שרייבן אַ קאָמענטאַר צום אינהאַלט פון סוצקעווערס לידער: ווער וועט זיך פאַרמעסטן מיט זיין כראָניק „אין ווילנער געטאָ"?

עס איז אויך שווער אָנצושנירלען אויף אַ רעצענזיע־שנירל די וואונדערלעכע פּערל פון געפיל און געדאַנק (און וואָסער עכט און גרויס געפיל האָט נישט קיין געדאַנק, וואָס איז גרויס און עכט ווי ער?), וואָס לויכטן אַרויס מיטן עכטסטן אומשטערבלעכן גלאַנץ פון אַזעלכע געדיכטן, ווי „אין לעצטן גורל", דעם מאָטאָ־געדיכט צום בוך (אויך געשריבן אָנהויב 1943), ווי אין דער אומשטערבלעכער פּאָעמע „מיין מאַמע", „זינג נישט קיין טרויעריקס" א. אַ. וו. אויף איינצלנע שורות וואָלט מען געקאָנט שרייבן גאַנצע בענדער און מען וואָלט אויך נישט אויסגעשעפּט זייער פיל־שטראַליקן געוואַלטיקן אינ־האַלט. און עס איז גאָרנישט נויטיק: קיינער וועט בעסער נישט געבן צו פאַרשטיין די דאָזיקע אמתן, ווי דער ריינער קלאַנג

פון סוצקעווערס פשטותדיקע פערזן. וואָס קאָנט איר צוגעבן צו אַזעלכע שורות:

„אין לעצטן גורל טרייב אין מיר אַ שטורעם,
„אַרויסצורייסן יעדער פּלעק און וואַקלדיקן קלאַנג.
„און שמעלץ ווי גאָלד מיך איבער אין דיין פורעם,
„די פּסולת זאָל זיך אָפּטיילן און בלייבן זאָל געזאַנג.
„און גיב מיר ליבשאַפט צו מיין מידער שנאה,
„צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט.
„אין לעצטן גורל ברענג מיר אין דער בחינה
„צו פילן, אַז דאָס ערגסטע לעבן, אויב עס ב ע נ ק ט איז גוט".

וואָס קאָנט איר צוגעבן צו אַזעלכע פערזן?

סיידן אָנשנירלען אויף זיי אונזערע ריינסטע טרערן.

און דאָס זעלבע בלויז קאָנט איר טון, ווען עס צעקלינגען זיך שטיל, אָבער מיט אַ געוואַלטיקער אינערלעכער מעלאָדיע, די שורות, געשריבן דעם 5 פעברואַר 1944:

„זינג נישט קיין טרויעריקס,
„טו נישט פאַרשעמען דעם טרויער.
„ווערטער פאַרראַטן".

סוצקעווערס דאָזיקע ווערטער פאַרראַטן נישט, זיין תפילה פון אמתן „ממעמקים" איז דערהערט געוואָרן און אין זיינע בעסטע לידער פון דער „פעסטונג" האָט זיך דער גאַנצער פּסולת אָפּגעטיילט און עס איז געבליבן בלויז געזאַנג, ריינסטער געזאַנג.

וואָרום נאָר דער, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן פּסולת, קאָן אויסזינגען אַזוי פּשוט און געוואַלטיק זיין ליד צום יתום:

„קלעטער אַרויף אויף די טרעפּ פון דער נאַכט,
„באַגעגן דעם אויפגאַנג
„און שריי אים אַנטקעגן:
„— רייניק מיך זון אויף דאָס ניי!
„און זיי מוחל,
„אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות".

מיר קענען נישט מוחל זיין און מיר קאָנען, ליידער, נישט פילן, אַז „אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות", אָבער מיר באַוואַשן זיך מיט ריינסטע טרערן, דורכפילטרירט דורך סוצקעווערס פּאָעזיע־פילטער, און מיר בענקען אַזוי נאָך דער מעגלעכקייט צו זאָגן זיך, ווי בעתן דערוואַכן פון אַן אומדערטרעגלעכן קאָשמאַר:

„אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות".

מיר קענען אין דעם נישט גלויבן, אָבער מיר זענען דאַנקבאַר דעם דיכטער, וואָס האָט אַזוי געוואַלטיק אויסגעדריקט אונזער ברענענדיקסטן פאַרלאַנג.

* * *

סוצקעווער איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן אין זיין „פעסטונג". זיין דיכטונג איז געוואַקסן צוזאַמען מיט אונזער אומגליק. ער, וואָס האָט אַמאָל צופיל געזינדיקט מיט וואָרטשפּילערייען, איז געוואָרן אַזוי פּשטותדיק גרויס. נישט אומזיסט האָט זיין בעסט ליד אין זיין ערשטן לידער־בוך געהייסן „ביי די טויערן פון געטאָ": ביי די טויערן פון געטאָ איז ער געוואָרן ערנסט און פאַרטיפט, און אין געטאָ האָט ער דערגרייכט צו גרויסקייט.

זיין וואָרט איז געוואָרן „אַ טייל, וואָס איז אַ גאַנצקייט".

* * *

איך קוק אויף זיין בילד און כ'דערקאָן אים און כ'דערקאָן אים נישט. עס איז דאָ אינם בילד עפּעס פון יענעם סוצקעווער, מיט וועמען איך פלעג רעדן אין 1940 אויפן הויף פון „ייוואָ" אין ווילנע; אָבער מער נאָך איז אין דאָזיקן בילד דאָ אַן ענלעכקייט צום יידישן אומגעקומענעם פּראָזאַאיקער ברוך טשעבוצקי, דעם קראַנקן און געפּלאָגטן. דאָס זעלבע אויסגעדאַרטע, אויסגעצויגענע פּנים, די זעלבע געלייטערטע גוטסקייט אין די אויגן, — אַ גוטסקייט, וואָס קומט פון אויסגעשטאַנענע גרויסע ליידן, פון גובר זיין דעם חומר, דאָס ענגאָאיסטישע. אויפן בילד איז סוצקעווער אַ סך קרענקלעכער, ווי אַמאָל, אָבער אין דער „פעסטונג" איז ער אַ סך געזינטער ווי אַמאָל.

מיר האָבן צו טייער באַצאָלט פאַר זיין וואוקס; אָבער ווי אַ קינד, וואָס די געליבטע פרוי און מאַמע שטאַרבט ביי זיין געבורט, איז ער אונז צענפאַך טייער, ווייל אינם ניי־געבוירענעם סוקצעסאָר זעען מיר דעם אָפּגלאַנץ פון די בעסטע מעלות פון די, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

בדמיך חיה! בדמיך חיה!
דו ביסט דער טייל, וואָס איז די גאַנצקייט.
און אויב דו וועסט בלייבן, וועלן מיר אַלע בלייבן.

מעלבורן, 26 נאָוועמבער, 1946.

ר׳ בער ליעווער אַלס דראַמאַטישע געשטאַלט

1) מ. ב. שטיין — „די חורבה", דראַמע אין 8 בילדער. פאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, וואַרשע, 1930.

2) יעקב באָטאָשאַנסקי — „ר׳ בער ליעווער", היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן. בוענאָס איירעס, 1933.

3) מיכל דאַווידזאָן — „דער ליעווער רבי", היסטאָרישע דראַמע אין 4 אַקטן. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ, 1935.

אויפן געביט פון אונזער היסטאָרישער דראַמע איז שוין מקוים געוואָרן די קללה: „און זיבן פרויען וועלן זיך אָנהענגען אין איין מאַנסביל". די טראַגישע געשטאַלט פון ליעווער רבי האָט שוין זוכה געווען אַזש צו דריי דראַמעס, פונקט ווי אונזער געשיכטע וואָלט געווען אָרעם אין דראַמאַטישע געשטאַלטן און שטאָפן, וועלכע וואַרטן אויפן צויבער־וואָרט פון אַ דיכטער, כדי אויפצולעבן און ווערן אונז נאָענט און אייגן.

נעמען די זעלבע טעמע אָדער די זעלבע געשטאַלט, וואָס איז שוין באַנוצט געוואָרן דורך אַ אַנדער דיכטער, האָט אַ זין בלויז אין דעם פאַל, ווען דער דיכטער פאַסט אויף אַנדערש די געשטאַלט, די טעמע, ווען ער וויל דערגרייכן מיט דער דאָזיקער טעמע אָדער געשטאַלט עפּעס אַזוינס, וואָס איז פון פריערדיקן באַאַרבעטער נישט באַמערקט געוואָרן.

ווי זעען אויס די דריי דראַמעס וועגן ליעווער רבי אין ליכט פון דער דאָזיקער פאָדערונג?

אַ היסטאָרישער שטאָף קאָן באַהאַנדלט ווערן אויף צוויי ערליי אופנים: שעפעריש אָדער דעקאָראַטיוו. אין ערשטן פאַל נוצט דער דיכטער אויס אַ היסטאָרישע געשטאַלט אָדער אַ געשעעניש, כדי צו דערווייזן עפּעס דערמיט, דאָס הייסט, ער נוצט אויס דעם היסטאָרישן שטאָף אַלס שעפערישן מיטל; אין צווייטן פאַל דינט דער היסטאָרישער שטאָף אַלס אָביעקט פאַרן דיכטערס אַ דעקאָראַציע.

שעפעריש האָט קיין איינער פון די דריי נישט אויסגענוצט דעם שטאָף פון ליעווער רבינס לעבנס־דראַמע. אַלע דריי דראַמעס קאָנען פאַררעכנט ווערן צו דער קאַטעגאָריע פון דעקאָראַטיווער קונסט (פון נישט קיין געהויבענעם סאָרט), אָבער זיי אונטערשיידן זיך אין גראַד פון זייער אָפּווייכן פון שעפערישער באַאַרבעטונג און אין גראַד פון זייער דערנענטערן זיך צו בלויזער דעקאָראַציע.

די זעלבשטענדיקסטע דעקאָראַציע, וואָס באַזירט אויף אַן איינענעם אינטערפּרעטאַציע־פּרואוו, האָט געמאַכט יעקב באַטאַשאַנסקי, אָבער ער האָט דערביי נישט נאָר נישט אויסגענוצט שעפעריש די געשטאַלט פון ליעווער רבי, נאָר — זי פּאַרקלענערט, זשורנאַליסטיש פאַרפלאַכט; גאָר נאָענט צו דעקאָראַציע, און דערצו נאָך אַ גאַנץ פלאַכער, איז געבליבן מיכל דאַווידזאָן; מ. ב. שטיין פאַלט אַריין, נאָך אַ געלונגענעם אָנהויב, אין די אָרעמס פון עכטער מעלאָדראַמע, פון האַרצרייסנדער מעלאָדראַמע. שקלאַפיש געבונדן אין די ריכט־ליניעס דורך דער געשיכטע.

נאָך דער דאָזיקער אַלגעמיינער כאַראַקטעריזירונג קענען מיר צוטרעטן צו אַ גענויערן אַנאַליז פון די דריי דראַמעס.

* * *

אַ רבי, וואָס איז געוואָרן אַן אפּיקורס נישט אין דער שטיל, ציניש, נאָר בפני כל עם ועדה, און געצויגן דערפון די לעצטע קאָנסעקווענצן פאַר זיין פערזענלעכן גורל; אַ רבי, וואָס הויבט אָן ספקן אין זיין באַרופנקייט צו זיין אַ פירער און וויל מער נישט געניסן פון זיין אמת, פון זיין דינאַסטישפּאַראַזיטישן אמת, — אַזאַ געשטאַלט בעט זיך ממש מען זאָל זי דראַמאַטיזירן. דאָס איז אַ שטאָף פאַר אַ דראַמע פון גייסטיקער מרידה קעגן אַלטן און אָפּגעלעבטן.

און מ. ב. שטיין, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין חסידות, וואָס האָט דעביוטירט אין דער ליטעראַטור מיט זיין שוואַכן אָבער סימפּאַטישן און עכטן „הימל און ערד", איז צוגעטראָטן צו דער געשטאַלט פון ליעווער מיט אַ ברייטן פאַרנעם. ער האָט ריכטיק אויפגעפּאַסט דעם דראַמאַטישן ווערט פון דער

דאָזיקער געשטאַלט און געוואָלט מאַכן פון איר אַ געוויסנס־דראַמע. ר׳ בער ליעווער הויבט אָן צו ספקן אין זיין מיסיע. ער הויבט אָן צו זען מיט אָפענע אויגן דאָס עגאָאיסטישע, גענאַרערישע לעבן פון הויף. זיין תמימותדיקע, ערלעכע נאַטור, וואָס בענקט נאָך פשוטער פרייד, קאָן נישט אָטעמען אין דער אַטמאָספער פון שקר און דינאַסטישע אינטערעסן. אַלס סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער תמימותדיקער, פשוטער מענטשלעכקייט ווערט אַריינגעפירט אין דער דראַמע דער דאָרפס־ייִד סרול, צו וועלכן בערעניו בינדט זיך שטאַרק צו, ווי צו אַן אויסלייזנדיקער סטיכיע.

די גוטע כוונה האָט אָבער מ. ב. שטיין שוואַך אויסגעפירט אפילו אין ריכטיקן אָנהויב, שוין אָפגערעדט שפּעטער, ווען די דראַמע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצער ריי קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישע און אידייאיש־טעמאַטישע דורכפאַלן.

די סצענע, וואו ר׳ בערעניו פאָדערט פון הימל אַן ענטפער, צי איז ער דער צדיק הדור צי נישט, איז דער צענטראַלער פונקט אינם ליעווער געוויסנס־דראַמע. פון לירישע ספיקות גייט ר׳ בערעניו איבער צו דראַמאַטישער אַקטיוויטעט. אָבער ווי שוואַך, נישט איבערצייגנדיק עס איז די דאָזיקע סצענע! שוין די צוגרייטונג צו דער סצענע — דער וויזיט און שמועס פון ד״ר רייטמאַן מיט ר׳ בערעניון — איז משונהדיק. ד״ר רייטמאַן שפּילט די ראָל פון מעפיסטאָ און בערעניו — פון אַ פאַוסט. אָבער מיטן דאָזיקן שמועס הויבט זיך אָן די פאַטאַלע ירידה פון דער דראַמע, וואו בלויז די ערשטע אַקאָרדן זענען גענומען ריכטיק (הגם שוואַך).

בכלל איז שטיינס ר׳ בערעניו אַ שלעכטער העלד פאַר אַ דראַמע, ווייל ער איז פאַסיוו, ער וויל בלויז מען זאָל אים צורו לאָזן. ווי נאָר ער כאַפּט זיך אַרויס פון דעם דינאַסטישן ירושה־דרוק, וויל ער בלויז רו. ר׳ בערעניוס לעבנס־געשיכטע איז טאַקע דראַמאַטיש, אָבער שטיין האָט פון אים נישט געמאַכט קיין דראַמאַטישן העלד.

דער עיקר, וואָס קאָן פון דעם שטאָף מאַכן אַ אידייען־טראַגעדיע, ר׳ בערעניוס קאַמף מיטן רבישן חסידיזם, ווערט דאָ פאַרטושט, צעביטן אויף קליינגעלט. די משכילים זענען

גערעכט, ווען זיי אַנטווישן זיך אין ר׳ בערעניון: אַנשטאָט צו שטעלן זיך בראש פון קאַמף און אויסקויפן זיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אים אַזוי געדריקט און פון וועלכער ער אַנטלויפט, וויל ער בלויז, מען זאָל אים לאָזן צורו. פון שטאַנדפונקט פון פּערזענלעכן לעבן איז בערעניו גערעכט, ווען ער קלאָגט זיך, אַז אַלע ווילן פון אים עפּעס, אַז קיינער טראַכט נישט וועגן אים אַליין (און דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ טראַגעדיע, וואָס דאַרף אָבער זיין אַנדערש אויסגעדריקט, אַנדערש געבויט), אָבער פון שטאַנדפּונקט פון דער דראַמע זענען שטיינס קאָמישע משכּילים פולשטענדיק גערעכט: ער דעזערטירט פון דער דראַמע און לאָזט זי פּוסט.

מ. ב. שטיין האָט זיך דאָך אַן עצה געגעבן און זיך באַגאַנגען אָן אַ געוויסנס-העלד. ער האָט געמאַכט פון דער דראַמע אַ סענסאַציאָנעלן ראָמאַן אָדער לכל הפּחות — אַ מעלאָדראַמע. ער האָט אַריינגעפירט ממש אַ שעקספּירישן מנובל, אַ מין יאַגאָ, היים גבאי. מען מאָרדעט און מען מאַכט שריפות, משכּילים פאַרשטעלן זיך פאַר ווינער פּראָקוראָרן און עס געשעט שיעור נישט איינע פון די סענסאַציאָנעלסטע אַנטלויפונגען פון אַ חסידישער הויף־תּפיסה. צום סוף ווערט נאָך אַריינגעפירט אַ שווייגער (וואָס ווילדעוועט אין דער יידישער ליטעראַטור זייט אַנ־סקיס „דיבוק"; אין מיכל דאַווידזאָנס דראַמע איז דאָס — אַ בטלן), און ער גיט אַרויס ר׳ בערעניון־מערדער אַ תּשובה צו נע־ונדן. דאָס אַלץ איז געשמאַקלאָז און, ממילא, — יידישלעך־טעאַטראַליש...

מ. ב. שטיינס דראַמע פאַרמאָגט, אַ חוץ די דאָזיקע גרונטפעלערן, נאָך אַ גאַנצע ריי קלענערע — סטיליסטישע, דיאַלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע — אָבער ס׳לוינט זיך נישט אויף זיי אָפּצושטעלן: די גרונט־פעלערן זענען גענוג.

* * *

אין י. באַטאַשאַנסקיס דראַמע פאַרנעמט די ליבע דעם אויבנאָן פון אָנהויב. אין זיין יוגנט, בעת זיין ווײַלן אין טשערנאָוויץ, האָט זיך ר׳ בער ליעווער פאַרליבט אין ד״ר רייטמאַנס טאָכטער. היות מען וויל אים חתונה מאַכן מיט אַן אַנדערער, צעבונטעוועט זיך זיין בלוט. ער רייסט איבער מיט

זיין סביבה, מיט זיין ירושה, אַנטלויפֿט אום יום־כּפּור — צוליב היסטאָרישער עקזאַקטקייט און ראָמאַנטישער פֿאַרביקייט — צו ציגיינער, צו זיין געליבטער. ביי שטיינען הויבט ר׳ בערעניו אָן צו פֿאַרברענען זיין עבר אויפֿן פֿייער פֿון געווייסן; ביי באַטאַשאַנסקין ווערט אַלץ פֿאַרברענט אויפֿן פֿייער פֿון ר׳ בערס אָנגעצונדענעם בלוט. זיין „געזונטער באַגער״ צו דער געליבטער איז פֿאַר אים דאָס העכסטע געבאָט.

געווייס, א ו י ך ד אָ ס איז אַ שטאָף פֿאַר אַ דראַמע, אפֿילו נישט נאָר פֿאַר אַ פֿערזענלעכער, נאָר אויך פֿאַר אַ געזעל־שאַפֿטלעך־פּראָגרעסיווער. דערצו איז אָבער נישט נויטיק צו נעמען אַזאַ היסטאָרישן שטאָף, וואָס ליגט פֿאַר פֿון אויבנאויף אַ סך מער. דערקלערן די געשיכטלעכע געשטאַלט פֿון ר׳ בער ליעווער בלויז דורך ליבע, הייסט פֿאַרקלענערן זי, הייסט — זי מיסברויכן. זי ווערט ראָמאַנטישער, אָבער אָרעמער. פֿון באַטאַשאַנסקיס דראַמע איז קלאָר, אַז ווען די ברידער לאָזן ר׳ בערן חתונה האָבן מיט רבקהלען, וואָלט ער געבליבן אַ רבי. אויב ער קעמפֿט מיט דער ירושה, איז דאָס נאָר דערפֿאַר, ווייל זי דריקט אויף זיין פֿערזענלעכן לעבן, אויף זיין בלוט. ווי קליין עס ווערט דורך דעם דער היסטאָרישער פֿראַגע־צייכן, וואָס הייסט ר׳ בער ליעווער, און וואָס קאָן ארויסלאָקן ביי אַן אמתן דראַמאַטורג אַזויפֿיל טענער פֿון גייסטיקן בונט.

וואָס שייך פּרטים איז באַטאַשאַנסקי אין זיין „אָריגינע־לער״ קאָנצעפּציע נאָך אַ סך ווילקירלעכער ווי מ. ב. שטיין. ר׳ בער ליעווער אַנטלויפֿט אום יום־כּפּור, כּדי חסידים זאָלן אים נישט קאָנען נאָכיאָגן. אַזוי זאָגט ער. אָבער ווען ר׳ חיים מיט שלמהקען קומען אים רופֿן צוריק און זיי גייען רופֿן די חסידים, בלייבט דער רבי רואיק וואַרטן. באַטאַשאַנסקין איז אַ שאָד געווען אַדורכצולאָזן פֿאַר זיין פּיעסע אַ „מאַסן־סצענע״. אָט איז איין פֿראַגמענט פֿון דער דאָזיקער מאַסן־סצענע: די חסידים ווערן ארייננעצויגן אין ר׳ בער ליעווערס טאַנץ מיט די ציגיינער (אום יום־כּפּור צו כּל־נדרי!) און דאָס ווערט גע־מאַכט מיט אַזאַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, ווי אַ כּוסה אויף אַ ברית. און ווען ר׳ בער שווימט אַוועק אין שיפֿל (אום יום־כּפּור), פֿליעסקען די חסידים טרויעריק צו.

דאָס איז שלעכט צוגעטראַכט, וועט איר זאָגן? אָבער וואָס פאַר אַ עפעקטפולע מאַסן־סצענע!

היינט די משכילים! זיי רעדן ווי פון טונקעלנס אַ פעליע־טאָן. „ווי זאָגט אָטעלאָ", זאָגן זיי (דאָס און ענלעכס) אויף יעדן שריט און טריט (ז"ז 29, 30, 34). „געלויבט איז די נאַטור" איז שוין פון די קליגערע אויסדרוקן. ווען דער זשור־נאַליסט וויל בלייבן אַליין מיט ר' בערן, זאָגט אַ משכיל: „ער איז דאָך נישט קיין נקבה, מעגן מיר זיי לאָזן האָבן יחוד. ס'וועט חלילה גאָר נישט שאַדטן".

אָט אַזוי זעט אויס די צווייטע אָפּשטויסנדיקע דעקאָראַציע אַרום ר' בער ליעוערס געשטאַלט. די זעלבשטענדיקייט פון דער קאָנצעפּציע האָט דאָ גאָרנישט געראַטעוועט, ווייל זי איז נישט קיין שעפערישע קאָנצעפּציע אין דער דאָזיקער דראַמע.

* * *

מיכל דאַווידזאָן שרייבט אין זיין „באַמערקונג" צו זיין גרויסער (216 זייטן!) דראַמע: „דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן דער טראַגישער פיגור — „דער ליעווער רבי" — האָב איך פריי באַאַרבעט".

מעגלעך. אָבער פרייהייט איז זייער אַ גוטע זאַך נאָר דאַן, ווען מען נוצט זי אויס צום גוטן; נוצט מען זי אויס צום שלעכטן, איז זי אַ קנאַפּע מעלה. אַ קינסטלער מעג (און דאַרף!) באַאַרבעטן פריי דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל, און נישט נאָכגיין אים שקלאַפיש טריט ביי טריט. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען אַ דאַנק דער דאָזיקער פרייהייט דערהויבט זיך דער מאַטעריאַל אויף אַ העכערער אידייאישער און קינסטלע־רישער מדרגה. מיכל דאַווידזאָן אָבער האָט די פרייע באַאַרבע־טונג (נישט אַזאַ פרייע ווי באַטאַשאַנסקים, אָבער פונקט אַזאַ נישט געלונגענע!) נישט אויסגענוצט צום גוטן. ער איז גע־בליבן שטעקן אין פאָדער־צימערל פון דעקאָראַציע און נישט אַריינגעדרונגען אין פּאַלאַץ פון שאַפונג.

אין אַלגעמיין גייט מיכל דאַווידזאָן אין די זעלבע היס־טאָרישע טריט, ווי מ. ב. שטיין: זיין רבי איז אַ געוויסנס־העלד. דער ליעווער הערט אויף צו גלויבן אין זיין שליחות, ער ווערט אַן אפיקורס, ער קעמפט מיט דער סביבה זיינער —

מיטן ווייב, מיט די גבאים, מיט די חסידים און, צו לעצט, מיט די משכילים — פאַר זיין פרייהייט, וועלכע זיי ווילן אים נישט צוריקגעבן סיי צוליב עגאָאיסטישע אינטערעסן (דאָס ווייב און דער גבאי), סיי צוליב העכערע מאָטיוון פון גלויבן און גייסטיקער צוגעבונדנקייט (דער אַלטער חסיד ר׳ דודל).

ווי פלאַך און משכיליש־לעכערלעך די דאָזיקע פלאַכע דע־קאָראַטיוו־היסטאָרישע קאָנצעפּציע איז אויסגעפירט! באַזונ־דערס שטויסן אָפּ די משכילישע טענער, וואָס הערן זיך גאַנץ שטאַרק אין דער דראַמע, געדרוקט אין 1935. אויך ביי שטיינען און באַטאַשאַנסקין פאַרנעמט די משכילישע אַטמאָספער אַ גרויסן אָרט (דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער דעקאָראַטיווער אומשעפערישקייט), אָבער ביי מיכל דאַווידזאָן פאַרנעמט דאָס משכילישע דעם אויבנאָן.

דער גבאי איז אַן אויסוואורף (ענלעך אויף מ. ב. שטיינס, נאָר מער ציניש אָפן) און ער שפּילט די ערשטע פידל פון אָנהויב ביזן סוף. ער לאַכט אָפּ פון אַלע יידישע און חסידישע הייליק־טימער כמעט אין אַלעמענס אָנוועזנהייט, און גאָרנישט — מיכל דאַווידזאָנען שאַקירט עס נישט, נישט פון פּסיכאָלאָגישן און נישט פון דראַמאַטישן שטאַנדפּונקט.

* * *

מ. ב. שטיין האָט געמאַכט פון ליעווערס דראַמע אַ שפּאַנענדע מעלאָדראַמע; י. באַטאַשאַנסקי האָט געמאַכט פון איר אַ סענסאַציאָנעלן ליבע־ראָמאַן מיט משכילישע חן־פּינ־טעלעך; מיכל דאַווידזאָן האָט געמאַכט פון איר אַ לאַנגן משכילישן פּאַרם.

אַלע דריי האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, געקוילעט אַ אינטערעסאַנטע היסטאָרישע געשטאַלט. זיי האָבן זי נישט נאָר נישט שעפעריש באַאַרבעט, נאָר אפילו ריין דעקאָראַטיוו זי דעגראַדירט דורך נישט געלונגענע אינסצעניזאַציעס.

די געשטאַלט פון ר׳ בער ליעווער וואַרט נאָך אויף אַ דראַמאַטורג, ווי אַ סך אַנדערע וואונדערבאַרע געשטאַלטן און שטאָפן פון אונזער גייסטיק־רייכער געשיכטע.

אַפּאָטעאָז פון מאָנאָטאָניע

דבורה פאָגעל — „טאָג־פיגורן", לידער,
פאַרלאַג „צושטייער", לעמבערג, 1935.

דבורה פאָגעל וויל זיין א נאָוואַטאָרין. און זי איז דאָס. ווי נעגאַטיוו מען זאָל זיך נישט באַציען צו איר פּרואוו צו שאַפן אַ נייעם סטיל פאַר ליריק — יעדנפאַלס איבערצופלאַנצן געוויסע קוביסטיש־פוטוריסטישע פאָרם־עקספּערימענטן אין דער יידישער דיכטונג — מוז מען מודה זיין, אַז מען האָט פאַר זיך אַ פּרואוו אַן ערנסטן, אַ פּרואוו פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט וואָס ער וויל, וואָס קאָן פאַרטיידיקן זיינע קונסט־אידייען און קאָן זיי פּרואוון אָנקליידן אין גאַנץ אָנשטענדיקע, פאַר זיינע קונסט־טעאָריעס פּאַסיקע קליידער. מען קאָן — מען דאַרף — דבורה פאָגעלס פּרואוו באַקעמפן, אָבער מען קאָן זיך נישט באַציען מיט גרינגשעצונג צו איר דערקלערונג: „ווי אַ פּרואוו פון אַ נייעם סטיל אין דער דיכטונג פאַרשטיי איך מיינע לידער, איך געפין אין זיי אַן אַנאַלאָגיע צו דער מאָדערנער מאַלעריי".

די דאָזיקע דערקלערונג פאָדערט בלויז אַ קליינעם קאָרעקטיוו... דבורה פאָגעל האָט נישט צופעליק געפונען אין אירע לידער אַן אַנאַלאָגיע צו דער מאָדערנער מאַלעריי; דבורה פאָגעל האָט באַוואוסטזיניק געשאַפן איר נייעם דיכטונגס־סטיל אַלס אַנאַלאָגיע צו דער מאָדערנער מאַלעריי. אירע לידער זענען פּרואוון צו לייזן געשטעלטע מאַלערישע אויפגאַבן אין וואָרט. דבורה פאָגעל וויל רעדוצירן דאָס וואָרט צו דער מדרגה פון פאַרב און ליניעס, ד. ה. צו דער מדרגה פון אַ בלויזן מאַטעריאַל. זי קלאָגט דערויף, וואָס דאָס וואָרט „איז צו שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם ראַציאָנאַליזירטן לעבן, צופיל איז עס אַ באַהעלטער און פאַרמיטלער פון באַדערפענישן און אָריענטירונגען פון לעבן", און אויך פון געפיל־קאָמפּלעקסן, און

במילא איז אומנאַטירלעך ווען דבורה פאָגעל וויל, אַז אין דער פּאָעזיע זאָל דאָס וואָרט באַקומען „די ראָל פון דער ליניע און דער פאַרב". אָבער דבורה פאָגעל רייסט זיך צו דאָס דאָזיקע אומנאַטירלעכע צילבאַוואוסט און זי גיט אָפּ פאַרן דאָזיקן פּאָרויס פאַרשפּילטן קאַמף אַ סך אינטעליגענץ, פעאיקייטן און אפילו טאַלענט.

פון דבורה פאָגעלס אַרטיקלען אין לעמבערגער דריי־חודש־ניק „צושטייער", פון דבורה פאָגעלס פאָרוואָרט צום בוך לידער אירן און, דער עיקר, פון דבורה פאָגעלס לידער זעט מען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס איז נישט נאָר באַקאַנט מיט דער מאָלעריי און אירע מאָדערנסטע שטרעמונגען, נאָר זי דענקט, זי נעמט אויף דאָס לעבן אין מאָלערישע קאַטעגאָריעס. די מערהייט לידער מאַכן דעם איינדרוק, אַז דבורה פאָגעל דענקט אין ליניעס און פאַרבן; איר געדאַנק ווערט קאָנקרעטיזירט בלויז אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער קליידט זיך אָן אין לינעאַלע פיגורן און אין פאַרב־פלעקן.

היות ווי די אַקסעסוארן פון דאָס ריין־מאָלערישע זענען זייער באַשרענקט, באַמיט זיך דבורה פאָגעל אויך צו באַשרענקען די פילקייט פונם לעבן, דעם אָביעקט פון דער דיכטונג. „דאָס פאַראיינפאַכן גייט אויס פון אַ דערקענטניש, אַז די שפּעדיקייט און די פילקייט זענען בלויז אַ צוגאָב און אָן איבערבוי. דאָס שטענדיקע אָבער איז אַנטהאַלטן אין דער סכעמאַטישער געאָמעטרישער פיגור". „די געאָמעטרישע פיגור אָבער איז דער פּרינציפּ פון מאָנאָטאָניע מיט איר איבערחזרן פון איין קאָנטור". דעריבער: „אַזוי קאָן אויפקומען אַ נייער מין ליריק: אַ ליריק פון קילער סטאַטיק און פון געאָמעטרישער אָרנאַמענטאַלישקייט מיט איר מאָנאָטאָניע און מיט איר ריטמיק פון ווידערקומען. זי קאָן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער מעלאָדישקייט און דינאַמיק, וואָס מען האָט ביז נישט לאַנג געהאַלטן פאַר דעם איינציקן פּרינציפּ פון דער דיכטונג".

זעלטן צו געפינען אַ פאָרוואָרט צו אַ בוך, וואָס זאָל זיין אַזוי נויטיק פאַרן פאַרשטיין דאָס בוך, ווי דבורה פאָגעלס פאָרוואָרט. דער קורצער פאָרוואָרט אַנטהאַלט בלויז די אַלגעבראַאישע פאָרמולעס און אויפגאַבעס, וועלכע עס פּרואוון לייזן

די לידער. און מען מוז מודה זיין, אַז לויט די געשטעלטע אויפגאַבעס, זענען די לייזונגען זייער געלונגען דורכגעפירט. אַ מין לאָגישע אַבסורדן.

* * *

דבורה פאָגעל וויל באַרעכטיקן, אָדער ריכטיקער: טעאָרעטיש באַגרינדן איר פּרואוו צו שאַפן אַ נייעם סטיל אין דער דיכטונג. זי זאָגט: „ביז צום וויטיק לאַנגווייליק קאָן ווערן אַ סטיל. דאָס באַדייט — פאָרם־קאָמבינאַציעס פון אַ באַשטימטן מין זענען געוואָרן אָפּגענוצט... און דאָס הייסט אויך — אַ וועלט־באַנעם האָט זיך אָפּגענוצט און פאַרענדיקט. אַזוי קומט דער לאַנגוויל: נישט די פאַקטן פון לעבן און נישט די פאָרם־קאָמבינאַציעס פאַרמאָגן נישט מער דעם ריטם און די שפּאַנונג פון איבערלעבונגען. אָן יענעם לאַנגוויל זענען אומפאַרשטענדלעך פּרואוון פון אַ נייעם סטיל. דאָ ליגט אויך דער אָנהויב פון מיינע לידער".

ווי מיר זעען, פאַרבינדט אויך דבורה פאָגעל די אָפּגענוצטקייט פון פאָרם־קאָמבינאַציעס מיט דער אָפּגענוצטקייט און פאַרענדיקטקייט פון אַ וועלט־באַנעם. אָבער ביי דבורה פאָגעל איז נישט קלאָר, וואָס איז די סיבה און וואָס דער רעזולטאַט, וואָס דער עיקר און וואָס די באַגלייט־דערשיינונג, און דעריבער קאָן זיין ביי איר די רייד פון לאַנגווייליקייט.

יעדע ענדערונג אינם וועלט־ און לעבנס־געפיל פון מענטשן רופט אַרויס אַן ענדערונג אינם מענטשנס אויסדרוק־פאָרמען, אָבער נאָר דער, וואָס פילט די לאַסט פון די אַלטע אינהאַלטן און רייסט זיך צו נייע — נאָר דער קאָן פרוכטבאַר מאַכן דעם פאָרם־דראַנג; בלויז אונטערן דרוק פון אַ נייעם אינהאַלט קאָן אַרויסקוועלן נייע פאָרם. אויב מען פילט אָבער נישט די לאַסט פון די אַלטע אָפּגעלעבטע אינהאַלטן, נאָר די לאַנגווייליקייט פון די אָפּגענוצטע פאָרמען, דאַן זענען אַלע פאָרם־זוכענישן אַלס אַזעלכע פאַרמשפּט אויף אומפרוכטבאַרקייט. נישט פון לאַנגוויל קומט נייער פרוכטבאַרער סטיל, נאָר פון נייעם אינהאַלט, פון נייער אויפשטייגנדער פולקייט. פאָרם־זוכענישן אַלס אַזעלכע קאָנען נאָך זיין לאַנגווייליקער פאַר די לאַנגווייליקע (פון אַלטקייט און אָפּגענוצטקייט) פאָרמען. אַלע קור־

ביסטיש־פוטוריסטישע פאָרם־זוכענישן אין מאָלעריי און פּאָעזיע האָבן דאָס באַוויזן. אויך דבורה פאָגעל דערוויַיזט עס נאָכאַמאָל.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָר זאָגט אין איינס פון זיינע לידער: „ניין, נישט אייך איז באַשערט צו מאַכן בליען די קנאָספּע. טרייסלט די קנאָספּע, שלאָגט זי — עס ליגט נישט אין אייער מאַכט צו מאַכן זי בליען... ער, וואָס קאָן עפענען די קנאָספּע, מאַכט עס אַזוי איינפאַך. ער שענקט איר אַ בליק און דורך אירע אָדערן הויבט אָן צו שטראָמען דער לעבנסזאַפט”.

* * *

כדי דורכצופירן איר עקספּערימענט, כדי צו שאַפן קינסט־לעך אַ נייעם סטיל פון דיכטונג, אַ סטאַטישע ליריק אָנשטאָט אַ דינאַמישער, — פירט דבורה פאָגעל דורך איבערן לעבן אַ פאַראייַנפאַכונגס־אָפּעראַציע. זי רעדוצירט די פילפאַרביקייט פון לעבן צו עטלעכע געאָמעטרישע פיגורן, זי אַנולירט די די־נאַמישע פילקייט פון לעבן לטובת דער סטאַטישער מאָנאָטאָ־נישקייט. אָבער דאָס לעבן איז לעבעדיק בלויז אין זיין דינאַ־מישקייט, און במילא איז אויך די דיכטונג — דער אינטימ־סטער אויסדרוק פון לעבן — דיכטונג בלויז אין איר דינאַ־מישקייט.

אַבסטראַקט גענומען איז דבורה פאָגעל גערעכט: די פיל־פאַרביקייט פון לעבן איז בלויז „אַ צוגאָב און אַן איבערבוי”, אין דער אמתן ליגן אין גרונט פון גאַנצן לעבן אַ פּאָר „שטענ־דיקע עלעמענטן”, אַ „פּאָר קאַנטיקע אומבאַהויענע בלאָקס פון סיטואַציעס”. אָבער צווישן דער דאָזיקער טעאָרעטישער ריכ־טיקייט און דעם אמת פון ווירקלעכן לעבן ליגט פונקט אַזאַ תהום, ווי צווישן שאָפּענהויערס מעטאַפיזיק פון ליבע און דער אמתער, ווירקלעכער ליבע.

שאָפּענהויער איז אין זיין מעטאַפיזיק פון ליבע גערעכט: די ליבע איז בלויז אַ מיטל צום באַפרוכפּערונגס־ציל פון דער נאַטור. אָבער אויפן וועג צווישן די מיטלען און דעם ציל האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט איינס פון די שענסטע בלומען אין מענטשלעכן לעבן — די ליבע, וואָס איז העכער סיי פאַר די מיטלען, סיי פאַרן ציל, וואָס איז זעלבשטענדיק אין איר אַבסטראַקט־ריכטיקער געבונדנקייט. און וואָס איז דען אַ ביל־

פון אַ גרויסן קינסטלער? בלויז ליניעס און פאַרב־פלעקן; אָבער דער איבערבוי איבער די דאָזיקע צוויי גרונט־עלעמענטן איז מער פאַרן דאָזיקן אַבסטראַקט־דיכטעריקן אמת: אַ בילד איז אין גרונט גענומען נישט מער ווי ליניעס און פאַרב, אָבער די קונסט מישט זיך אַריין און פאַרוואַנדלט די דאָזיקע באַשרענקטע, תמיד ענלעכע עלעמענטן אין אַ פילקייט, וואָס באַזייטיקט כמעט די ליניעס און די פאַרב: דער איבערבוי ווערט דער עיקר. און וואָס איז דען אַ נאַקעטער מענטש? אַזוי פיל און אַזוי פיל גרונט־שטאָפן אין אַזאַ און אַזאַ קוואַנטום. אַ זיכערער אמת. אָבער דאָך איז דער מענטש בכלל, בפרט דער נאַקעטער, נישט נאָר אַ מיליאַרד מאָל מער ווי זיינע באַשרענקטע עלע־מענטן, נאָר עפּעס לחלוטין אַנדערשס. און דאָס זעלבע איז מיטן לעבן און מיט דער פּאָעזיע.

סטאַטיש גענומען איז דבורה פאָגעל גערעכט, אָבער דאָס לעבן און די פּאָעזיע ווערן טאַקע ערשט דעמאָלט לעבן און פּאָעזיע, ווען דאָס סטאַטישע ווערט דינאַמיש, ווען די באַ־שרענקטע מאָנאָטאָנע אור־עלעמענטן ווערן פיל־פאַרביק, שפּאַ־נענדיק באַוועגלעך און שפּעדיק.

דבורה פאָגעלס ליד „מידקייט" איז נישט נאָר טיפּיש פאַר דער דיכטערינס גרונט־געפיל צום לעבן: אַלץ איז מאָנאָ־טאָן, לאַנגווייליק, האָפנונגסלאָז, — נאָר אויך פאַר איר דיכ־טונג: אַזאַ דיכטונג מוז זיין מאָנאָטאָן, לאַנגווייליק, האָפנונגס־לאָז, ווייל זי דרייט זיך אין קרייז פון עטלעכע געאָמעטרישע פיגורן, ווי דאָס פערד אין דעפּטאַק.

דבורה פאָגעל זאָגט:

„נישט ציילן קיין יאָרן.
„נאָר טעג זענען פאַראַן:
„איין טאָג, וואָס קומט טויזנט מאָל צוריק".

דאָס האָט זיך אָבער נוקם געווען אין אירע לידער, וועגן וועלכע מען קאָן זאָגן:

„נישט רעדן וועגן לידער.
„נאָר איין מאָטיוו פון לאַנגווייל איז פאַראַן:
„איין מאָטיוו, וואָס קומט טויזנט מאָל צוריק".

* * *

לעגיטימע הויפּט־מחותנים אין דבורה פֿאָגעלס לידער זענען געאָמעטרישע פֿיגורן פֿאַרפֿאַרבטע אין די פֿאַרשידנסטע פּאַליטרע־פֿאַרבן: בלויז אויף די ערשטע זיבן זייטלעך פֿונם ביכל האָב איך אָנגעציילט 11 מאָל בלויז דאָס וואָרט „רעכט־עק". מער האָב איך קיין געדולד נישט געהאַט צו ציילן: לאַנג־ווייליק. עס שווינדלט און גריבלט אויך פֿון דריי־עקן, פֿיר־עקן, עליפּסן, קובן, קרייזן. אַ שטאַם־גאַסט איז אויך דער יוסטער קוואַדראַט. און דאָס אַלץ איז קאָמבינירט מיט אַלערליי פֿאַרבן־ניואַנסן. די אויסטייטשונג פֿון די געאָמעטרישע פֿיגורן און פֿון די פֿאַרבן איז אָפֿט זייער געלונגען און בילדלעך (דבורה פֿאָגעל באַגייט זיך נישט אָן איר שונא — דעם מעטאַפֿער־סטיל; און ער שפּריצט אַריין אַ טראָפּן דיכטעריש בלוט אין אירע קאָנסטרוקציעס): „טעג פֿאַנטאַסטישע ווי עליפּסן"; „גאַסן לאַנגווייליקע ווי קרייזן" און ענלעכע זאַצן זענען פֿיין און ביז גאָר בילדלעך. דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן דבורה פֿאָגעלס געפֿיל פֿאַרן וועזן פֿון פֿאַרב־ניואַנסן. אָבער ווען זי קוועטשט אַריין די גאַנצע פֿילקייט פֿון וועלט און לעבן — טעג, נעכט, רוים, הייזער, גאַסן, מענטשן, ליבע, בענקשאַפֿט — אין די דאָזיקע באַפֿאַרבטע געאָמעטרישע פֿיגורן, ווען זי וויל אונדז צום טויזנטסטן מאָל איבערצייגן, אַז „אַ קוואַדראַטישער פֿלאַך פֿון זיסער מאָנאָטאָניע איז דאָס לעבן, איז די וועלט", ווערט אונדז ענג, לאַנגווייליק, נודנע אין די ראַמען פֿון דאָזיקן ביכל.

שוין דער רוב נעמען פֿון די לידער ווייזן אונדז בולט זייער מאַלעריש־טעאָרעטישן מקור: „שטיל לעבן מיט קעלט", „ווייסע פֿירעקן", „שטיל לעבן אין גלאָז", „פֿלאַכע מיטאָג־דעקאָראַציע מיט מענטשן" און אַזוי ווייטער. מיר האָבן דאָס געפֿיל, אַז מיר געפֿינען זיך פֿאַר אַ מאַריאָנעטן־דעקאָראַציע און אַ מאַריאָנעטן־שפּיל:

„...אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל גענג אומזיסטיקע,
„מיט אַ צאָל צוריקגענג,
„דער קאָליר פֿון גאַסן־גייענדיקע,
„אין וועלכע ס'איז שוין אַלצדינג גלייך".
„און ס'קומט גאָרנישט.

„וויפיל מאָל זענען שוין אויפגעגאַנגען קלעביקע
שפּראָצן,
„וויפיל מאָל זענען געקומען טעג פּאַפּירענע פון וויס־
קאָליר".
„זיבן מאָל קומט דער טאָג־פּירעק.
„ווידער פרעגט מען —
„צו וואָס פּיס הויבן, הענט הויבן".

און דאָס איז זייער אַ ריכטיק געפיל: אין אַזאַ קינסטלע־כער וועלט, אָן פרישער לופט, ווילט זיך טאַקע נישט הויבן קיין הענט און קיין פּיס: זיי שטאַרבן אָפּ.

פון די זיבן צענדליק זייטלעך פון ביכל קאָן מען ברענגען הונדערטער, הונדערטער אויבן געבראַכטע ציטאַטן, ווייל דאָס רוב לידער באַשטייען פון אַזעלכע שורות. דערביי איז די צאָל ווערטער, פאַרבן, פאַרגלייכן, געפילן אַ באַגרענעצטע: זיי חזרן זיך איבער. די לידער זענען מאָנאָטאָן, ווי די מאָנאָטאָ־נישקייט, וועלכע זיי ווילן שילדערן און ארויפצווינגען אויף אונז. דאָס דאָזיקע ציל דערגרייכן זיי. און די דאָזיקע האַרמאָניע צווישן דבורה פאָגעלס קונסט־אַנשויאונגען און דער ווירקונג פון אירע לידער איז זיכער אַן אויסדרוק פון דער דיכטערינס טאַלענט (וועלכער רייסט זיך אַדורך אויך אין שיינע ווירקונגס־פולע שורות און סטראָפעס), וואָס ווערט פאַרווענדט אויף אַ פאַרלוירענער שלאַכט מיטן אור־זין פונם מענטשלעכן וואָרט, מיטן אור־זין פון דער מענטשלעכער דיכטונג. זי וויל פאַרגלי־ווערן די בונטע דינאַמישקייט פון לעבן, זי וויל צוזאַמענ־פרעסן די פריי־לופטיקע וועלט פון געפילן צו עטלעכע פרע־פאַרירטע פאָרמולעס און סטאַטישע באַגריפן, און דאָס האָט זיך נוקם געווען אין אירע לידער: זיי זענען אַזוי קאַלט און פרעמד און אומנאַטירלעך, ווי זייער מוטער — דער קינסט־לעכער פּרוואו צו שאַפן אַ נייעם סטיל. ווען דבורה פאָגעל זאָגט (אַ צופעליק אויפגעמישטע שורה):

„געלע קוילן פון בייכיקע לאָמפּן,
„וואָס צווישן בראָנז־רויטע בלעטער,
„זענען גלייך זיפּצן לאַנגע, פאַרבליבענע
„נאָך טעג פאַנטאַסטישע ווי עליפּסן",

איז דאָס גאָלע רעטאָריק, ווייל עס קאָן זיין גלייך צו טויזנט אנדערע זאַכן, מיטן זעלבן רעכט און מיטן זעלבן אומרעכט.

* * *

לאָמיר האָפן, אַז דבורה פאָגעל וועט זיך באַנוגענען מיט איר דרייסט־אַדורכגעפירטן דיכטעריש־אומדיכטערישן קאַפּריז, און אויב זי וועט פאָרט פאַרעקשנט וועלן בלייבן ביי איר מאָנאָטאָנער וועלט־אָנשויאונג, וועט זי די דאָזיקע אָנשויאונג לכל הפחות אויסדריקן אין אַזאַ דיכטערישער פאָרם, אַז מיר זאָלן ווערן אָנגעשטעקט מיט מיטגעפיל צו איר אומעטיקער וועלט, נישט פאַלנדיק דערביי קיין קרבנות פון דער מאָנאָטאָניע גופא...

וואַרשע, 1937.

אָמאַר כאַיאַמס „רובאַיאַט" אין יידיש

די „רובאַיאַט" פון פּערסישן דיכטער אָמאַר כאַיאַם זע־נען באַצויבערנדיק אין זייער בילדלעכער געדאַנקען־פּרעציז־קייט און אין זייער אָפּגערונדיקטער קורצקייט. אין פיר שורות — אַ טיפער לעבנס־אמת, אַ גאַנצע עפּיקורעאישע פילאָזאָפיע, אַ גאַנצע פאַרניכטנדיקע סאַטירע אויפן מענטשלעכן לעבן בכלל און אויף געוויסע שיכטן בפרט. אָמאַר כאַיאַם איז אַ פּעסימיסט וואָס שייך דעם מענטשלעכן אומשטערבלעכקייטס־טרוים, און אַ אָפּטימיסט וואָס שייך דעם צייט־פאַרטרייב אויף דער איינציקער זיכערער סטאַציע — אונזער ערד. אָבער סיי אַלס פּעסימיסט, סיי אַלס אָפּטימיסט איז אָמאַר כאַיאַם נישט ביליק. ער זאָגט:

„איר ווייסט דאָך פריינט, ווי לוסטיק כ'האָב פאַרבראַכט,
„ווען כ'האָב מיין צווייטע פרוי צו זיך געבראַכט;
„די קינדערלאָזע ווייב, פאַרנונפט, געגט —
„מיט געטין ווין פאַרלאָבונג גלייך געמאַכט".

ווי מיר זעען, איז ער נישט קיין איינפאַכער שיכור: דער ווין איז פאַר אים אַ געטין, וואָס פאַרשאַפט אים גייסטיקן און עסטעטישן תענוג, וואָס באַפרייט אים פון דער קינדער־לאָזער ווייב, דער פאַרנונפט, מיט וועלכער ער האָט געפירט אַ ליבע און זיך לאַנג געפּלאָגט מיט איר, איידער ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו גטן זי.

„איך האָב זיך צו דער פינסטערניש געווענדט
„און אויפגעדעקט דעם שלייער מיט די הענט:
„נאָך ליכט וואָס וואָלט דעם ,דו' אין ,מיר' באַהעלט;
„איך האָב דערהערט: ,דו בלייבסט מיט בלינדע ווענט'!"

ווען ער וואָלט באוויזן צו דערשלאָגן זיך צום דאָזיקן ליכט, וואָלט ער גערן פארלאָזן זיין געטין וויין, אָבער בלייבנדיק מיט בלינדע ווענט, האָט ער געפונען אַ טרייסט אין דער זוניקער געטין, וואָס באהערשט די פינסטערע ווענט.

אין די קורצע אַפאָריסטישע לידלעך קומט צום אויס־דרוק אַ גרויסע פערזענלעכקייט, אַ מענטש מיט אַ דראַנג צום אייביקן אמת, וואָס האָט זיך מיאש געווען אין דער מעגלעכ־קייט דעם דאָזיקן דראַנג צו באַפרידיקן; היות דער דאָזיקער אַנטוישטער אמת־זוכער איז נאָך דערצו געווען אַ גרויסער דיכטער מיט זיין גאַנצן וועזן, האָט ער געפונען אַ טרייסט פון זיין אַנטוישונג אין דער אייביק־פאַרגענגלעכער שיינקייט פון פאַרגענגלעכן לעבן. די „רובאַיאַט" פון אָמאַר כאַיאַם זענען אין אַ גלייכער מאָס דיכטונג און פילאָזאָפיע, ד. ה. טיפע דיכטונג, און דערין ליגט זייער אומשטערבלעכער ווערט. די „קוהלת"־פילאָזאָפיע, וואָס איז פונקט אַזוי אומאויסראַטבאַר, ווי דער מענטשלעכער דראַנג צו גלויבן אין אַ זין פון וועלט־און־לעבן, האָט געפונען אין אָמאַר כאַיאַמס פּאָעזיע אַ שטילן און טיפן פולקאָמענעם אויסדרוק, וואָס דערדריקט נישט אונזער גע־מיט, נאָר טרייסט אים מיט זיין זוניקן „הבל־הבלים". אפילו אַ פּעסימיסט קאָן מען זיין אויף אַן אָפּטימיסטישן אופן...

* * *

אָמאַר כאַיאַם האָט מזל צו דער יידישער ליטעראַטור. אינם פאָרוואָרט צו ד"ר אייסענס „רובאַיאַט"־איבערזעצונג דערמאָנט אברהם רייזען יהואשעס אייניקע איבערזעצונגען פון אָמאַר כאַיאַמס פיר־צייל,ערס, ווי אויך י. קיסינס פולע איבערזעצונג אין דער „צוקונפט", אינם יוני־נומער פון 1925. מיר איז צופעליק געלונגען צו קויפן אַ „רובאַיאַט"־איבערזע־צונג פון נ. א. האַרוויץ, ארויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין 1911, אונטערן טיטל: „אָמאַר כאַיאַם, פערזען פון'ם באַוואוסטען פּערזישען דיכטער". די דאָזיקע איבערזעצונג איז נישט קיין פולע, זי פאַרמאָגט בלויז 44 פיר־צייל,ערס.

קיין ערנסטן פאַרגלייך צווישן דער לאָנדאָנער איבערזע־

צונג און ד״ר אייסענס איז נישט מעגלעך צו מאַכן: די לאַנ־דאָנער איבערזעצונג איז צו מינדערוועטיק. ס'איז גענוג צו פאַרגלייכן איינעם אָדער צוויי פיר־צײַלערס, כדי איינצוּווזן דעם ריזיקן אומפאַרגלייכבאַרן אונטערשייד צווישןביידע איבערזעצונגען.

„די ווייזהייטס־זריעה האָב איך
היין און הער געשפּרייט;
„און אויך געהאָוועט ס'זאָל
דאָס פּרוכט געדייען —
„דאָס איז די תבואה
וואָס כ'האָב איינגעבראַכט:
„וו'א וועל בין איך געבאָרן,
וו'א ווינט וועל איך פאַרגיין״.

(האָרוויץ)

„מיט זיי האָב איך דער חכמהס זאַם פאַרזייט,
„און מיט מיין מי דאָס וואַקסן צוגעגרייט;
„און דאָס איז מיר געבליבן פון דעם שניט:
„איך קום ווי וואַסער — כ'וועל ווי ווינט פאַרווייט״.

(אייסען)

דערביי מוז איך צוגעבן, אַז ביי האָרוויצן איז דער אויבנ־געבראַכטער פיר־צײַלער נישט פון די עגסטע, און ביי אייסע־נען — נישט פון די בעסטע...

ביים לייענען ביידע איבערזעצונגען וואַרפט זיך אַן אַנ־דער זאַך אין די אויגן: פאַראַן פיר־צײַלערס, וואָס מ'באַמערקט קוים, אַז זיי שטאַמען פון איין מקור; עפּעס דאָס זעלבע, און פאָרט, דאַכט זיך, עפּעס אַנדערש. דאָס איז דערפאַר, ווייל האָרוויץ האָט איבערגעזעצט אָמאַר כאַיאַמס פיר־צײַלערס נישט נאָר פון פיטצזשעראַלדס איבערזעצונג, נאָר אויך פון אַ דייטש־שער איבערזעצונג (ווי מען קען זיך, אגב, אַליין משער זיין לויט די סך דייטשמעריזמען אין דער לאָנדאָנער איבערזעצונג), און די פאַרשידענע אייראָפּעאישע איבערזעצער זענען, ווייזט אויס, ווייט איינע פון די צווייטע; בפרט ווען מען נעמט

אין באַטראַכט, אַז פּיטצזשעראַלדס איבערזעצונג איז גיכער אַן איבערדיכטונג, ווי אַלע „רובאַיאַט"-קענער פאַרזיכערן.

וועגן אַ פאַרגלייך קאָן זיין אַ רייד בלויז צווישן ד"ר אייסענס אַרבעט און י. קיסינס. און דאָס וויל איך טאַקע טון. דערביי האַלט איך פאַר נויטיק צו באַמערקן, אַז איך שאַץ אָפּ די צוויי איבערזעצונגען אָן אַ פאַרגלייך מיטן אָריגינאַל, פון וועלכן זיי זענען געמאַכט געוואָרן, און וועלכן איך באַזיץ נישט צו קאָנען פאַרגלייכן זיי מיט אים.

* * *

די פאָרם פון ד"ר אייסענס מערסטע „רובאַיאַט"-איבערזעצונגען איז נישט נאָר קאָרעקט, נאָר אפילו ריין אין בילד-לעכן אויסדרוק און פּרעציז געדאַנקלעך:

„גן־עדן, צי אַ גיהנום אָנגעגליט! —
„איין זאַך איז זיכער, אַז דאָס לעבן פליט;
„איין זאַך איז אמת און דאָס רעשט איז פאַלש:
„ס'בלייבט אייביק טויט די בלום וואָס ווערט פאַרבליט!
„יאָ, אויב די זעל קאָן אויסטון זיך פון ערד
„צו פליען פריי, אַנטבלויזט, און אומגעשטערט,
„איז נישט אַ שאַנד — איז נישט אַ שאַנד פאַר איר
„צו וואוינען אין דעם שוואַכן גוף פון ערד?"

אַזעלכע פיר־צייַלערס זענען ביז גאָר פיין אין זייער פּשוטקייט און פּרעציזקייט.

עס טרעפן זיך אָבער אויך פיר־צייַלערס, וואָס די פּנימה־דיקע פאָרם זייערע שטערט דעם געדאַנק דורכצוּלויכטן מיט זיין פולער נאַטירלעכער שיין. למשל:

„אָ, ליבסטע, פיל דעם בעכער אָן, פאַרמעק
„פון ה י י נ ט דעם נעכטנס ווײ און צוקונפטס שרעק
„פאַר מ אָ ר ג ן ! — יאָ, ווייל מאָרגן וועל איך זיין
„מיט נעכטנס זיבן טויזנט יאָר אַוועק".

עס טרעפן זיך אויך אין קליינעם, פיינעם ביכל אַזעלכע ווילדע ווערטער, ווי „ווארפט זיי... פאָרט" און „בעפאָר". עס טרעפן זיך אויך ווילדע אויסדרוקן: „וואָס אין דער גרויסער

דראַמע הערשט מיט מאַכט", „גיהנום — איז אַ זעל פאַרצערט אין דראַנג".

אָבער אין אַלגעמיין איז ד"ר אייסענס „רובאיאַט"-איבערזעצונג אַ פיינע אַרבעט, נישט געקוקט דערויף, וואָס אברהם רייזען לויבט זי זייער...

* * *

ביים לייענעןביידע איבערזעצונגען, איינע נאָך דער צווייטער, האָט מען צוויי בולטע איינדרוקן:

1) ביידע איבערזעצונגען פאַרמאָגן דיכטערישע וואַלאָרן, לייענען זיך גוט, נישט געקוקט אויף געוויסע שפּראַך- און סטיל-שטרויכלונגען און גערדאַנק-פאַרנעפּלונג; און

2) ביים לייענען א. אייסענס איבערזעצונג מאַכט אָמאַר כאַיאַם אַ שטאַרקערן רושם, ער ווערט אַביסל פּיקאַנטער און שלאָגפערטיקער, פרישער און קלאָרער. פאַרוואָס מען האָט דעם דאָזיקן איינדרוק איז שווער צו זאָגן אין ערשטן מאָמענט; דערצו איז נויטיק אַ דעטאַלער אַנאַליז פון ביידע איבערזעצונגען. און ערשט נאָך דער דאָזיקער „קליינלעכער" אַרבעט איז מיר טאַקע קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער איינדרוק נומער צוויי איז נישט קיין סוגעסטיע פון אברהם רייזענס נישט דאָקומענטירטער מיינונג, אַז אייסענס איבערזעצונג איז די בעסטע. איך קען דאָ נישט, נאַטירלעך, אַנאַליזירן פיר-צייליער נאָך פיר-צייליער, און אויפווייזן יעדע איינצלנע מעלה און יעדן חסרון פון אייסענס און קיסינס איבערזעצונגען, און נאָכן סך-הכל — ווער עס האָט מער מעלות און ווער ווייניקער חסרונות — אַרויסטראָגן דעם פּסק-דין וועגן די איבערזעצונגען. איך וויל בלויז ברענגען עטלעכע מוסטערן, וואָס זאָלן אילוסטרירן מיין מיינונג (וועלכע איך האָב באַקומען נאָך אַ גענויעם פאַרגלייך צווישן די ביידע פולע יידישע איבערזעצונגען) וועגן דער העכערקייט פון אייסענס אַרבעט איבער דער גוטער אַרבעט פון י. קיסין.

אייסען איבערזעצט:

„עס בלייבט מיר פרעמד ,פון וואַנען' און דער ציל,
„פון דעם ,וואוהין' האָב איך נישט קיין געפיל,

„אָ, יאָ, איך מוז מיט דעם פאַרבאָטנעם ווייַן
„פאַרטרינקען דאָ דעם גאַנצן חוזק־שפּיל".

קיסין איבערזעצט:

„מיט גוואַלט אַהער — פון וואַנען? און וואוהין
„מיט גוואַלט פון דאַנען באַלד געטריבן בין?
„אָ, פלינקער פרייַנט, גורט דייַנע לענדן אָן,
„דייַן ווייַן וועט אומזין אויסלעשן און זין".

נישט געקוקט אויף דעם נישט געלונגענעם און אומקלאָרן „געפיל", איז אייסענס פיר־צייַלער געפרעסטער אין פאָרם און פרעציזער אין געדאַנק. און דאָס איז, — א חוץ געציילטע רע־וואַנש־נצחונות מצד קיסינס איבערזעצונג, — דער רעזולטאַט פון כמעט אַלע פאַרגלייַך־פּראָבעס.

אייסען איבערזעצט:

„איך האָב זיך צו דער פינסטערניש געווענדט
„און אויפגעדעקט דעם שלייער מיט די הענט:
„נאָך ליכט וואָס וואָלט דעם ‚דו' אין ‚מיר' באַהעלט;
„איך האָב דערהערט: דו בלייבסט מיט בלינדע ווענט".

קיסין איבערזעצט:

„פון דיר אין מיר אין בלינדן לאַבירינט
„פון הינטערן שלייער האָב איך מיך באַזינט
„א שטראַל צו זוכן, האָט פון דרויסן מיך
„א קול געוואָרנט: מיינס אין דיר איז בלינד".

די לעצטע שורה איז אפשר ביי קיסינען שענער, גע־דאַנקלעך זינפולער, אָבער אין איר אָפּגעריסנקייט. דער גאַנצער פיר־צייַלער איז ביי אייסענען קלאָרער, אויסדרוקספולער.

אייסען איבערזעצט:

„די צייט וועט זיכער נישט מיט מיר און דיר
„די וועלט פאַרשליסן — אָפן בלייבט די טיר —
„פון אייב'קן זאַקים קרוג שוימט אייביק אויף
„מיליאָנען בלעזלעך פונקט ווי ביידע מיר".

קיסין איבערזעצט:

„און פורכט דיך נישט, אַז ס'וועט די וועלט זיין לער,
„און ס'וועט פון אונזער מין נישט בלייבן ווער:
„פון אייביקן סאַקים קרוג זענען אַרויס
„מיליאָנען בלעזלעך — ס'וועלן זיין נאָך מער".

ביי אייסענען איז אָן ספק נישט נאָר קלאָרער, נאָר בילד־לעכער. „שוימט אייביק אויף" איז אַ דיכטעריש בילד; „זענען אַרויס" — איז קיין אויסדרוק נישט אין אַ געדיכט פאַרן באַגריף, וואָס דער פיר־ציילער וויל סוגעסטירן.

אייסען איבערזעצט:

„ווייל כאָטש מיין קענטניש העלפט מיר מיט איר שיין
„אין טיפן פאָרשן פון ,נישט זיין' און ,זיין',
„דאָך פאָרשנדיק אין אַלץ דעם טיפן גרונט,
„דערפאָרשט האָב איך דאָס טיפסטע בלויז — אין וויין".

קיסין איבערזעצט:

„ ,זיין' און ,נישט זיין', ,אַרויף' און ,אַראָפּ' — אָן שרעק
„האָב איך געפאָרשט מיטן צירקל און דרייעק,
„פון אַלץ, וואָס איך וויל וויסן ביז צום גרונט,
„איז ליבער מיר פון וויין דער טיפסטער דעק".

ביי אייסענען איז דער פיר־ציילער פּרעכטיק. ביי קיסינען קאָן מען דאָס נישט זאָגן.

אייסען איבערזעצט:

„אָ, דו. וואָס האָסט פון שטויב דעם מענטשן־קינד
„געמאַכט, און פאַר די ערשטע זיינע זינד
„דעם שלאַנג אין פּאַראַדיז אַריינגעבראַכט —
„פאַרגיב אים דו און ער אויך דיר, אַצינד!"

קיסין איבערזעצט:

„דו האָסט באַשאַפן פון געמיינעם ערד
„דעם מענטשן און האָסט אויסגעפּרואווט זיין האַרץ
„און יעדנס תשובה קומט צו דיר אַרויף.
„פאַרגיב זיין זינד, וואָס מאַכט זיין פּנים שוואַרץ".

הגםביידע איבערזעצער באַנוצן זיך מיט איין מקור, זע־נען די צוויי פיר־צײַלערס שטאַרק פאַרשידן. אָבער ווער פון זיי עס זאָל נישט האָבן ריכטיק איבערזעצט פון ענגליש — אייסען איז דאָ אין יעדן פאַל נישט דער ערך בעסער און שטאַרקער.

אייסען איבערזעצט:

„כ'האָב ווירקלעך פון חרטה געטראַכט —
„האָט דאָס די ניכטערקייט צו דעם געבראַכט?
„און אָט האָט פרילינג מיט אַ רויז אין האַנט
„פון מיין חרטה באַלד אַ תל געמאַכט".

קיסין איבערזעצט:

„כ'האָב תשובה טאָן פיל מאָל זיך שוין געפלייסט,
„אַ וואָרט פון דעם, וואָס איז אין וויין פאַרגרייזט?
„און דאָ קומט פרילינג אָן מיט רויז אין האַנט
„און לייכט די גאַנצע תשובה מיר צערייסט".

ביי קיסינען איז אפשר בעסער דאָס וואָרט „תשובה" אַנשטאָט „חרטה", אָבער די גאַנצע סטראָפע איז ביי אייסענען אויסגעהאַמערט ווי פון איין גוס און דיכטעריש־ריינער. ביי קיסינען איז דאָך די ערשטע צוויי שורות ממש נישט צו פאַר־שטיין.

צולעצט וויל איך געבן אויך אַ פיר־צײַלער אַלס מוסטער פון קיסינס געלונגענע פערזן.

קיסין איבערזעצט:

„דו ווייסט מיין וועג פון אלף און ביז תיו.
„דו שאַפסט די שטרויכלונגען. צו דיר איך האָף:
„וועסט פון די שטרויכלונגען מיך היטן דאָ,
„און ווען איך פאַל, נישט שיקן מיר דיין שטראָף".

אייסען איבערזעצט:

„אָ, דו, וואָס האָסט מיט קלאָרן אויג געזען
„דעם וועג, אויף וועלכן כ'האָב באַדאַרפט צו גיין,
„וועסט זיכער נישט באַטראַכטן דאָ מיין פאַל
„אַ זינד, — דו האָסט דאָך אַלץ פאָראויסגעזען".

איך חזר איבער: דאָס איז נישט דער איינציקער פיר־צײַלער, אין וועלכן קיסין איז קלאָרער, אָבער דאָך זענען זיי פאַראײַנצלט, און אויך דער פאַרגלײַך נישט צווישן גאַנצע פיר־צײַלערס, נאָר צווישן איינצלנע שורות, פאַלט אויס נישט צו אָפּט לטובת קיסינען.

קיסינס איבערזעצונג איז נישט שלעכט, קאָרעקט, אָבער אײַסענס איז פאַרביקער, דיכטערישער, נישט געקוקט אויף די קלענערע און גרעסערע פעלערן אין סטיל, שפּראַך און בילד, וועלכע מען קאָן אויפכאַפּן ביי אים.

פון די אַלע אײַסענס איבערזעצונגען, וועלכע איך קען, איז די „רובאַיאַט" די געלונגענסטע סיי שפּראַכלעך־סטיליס־טיש, סיי בילדלעך.

וואַרשע, 1935.

די פסעוודאָ־פילאָזאָפיע פון עכטן גאָרנישט...

א. לוצקי: „בראשית — אינמיטן",
פּאָעטישע פילאָזאָפיע איבער ווערן און צעשטערן

ווען עס איז דערשינען א. לוצקיס צווייט לידער־בוך — „בראשית — אינמיטן", האָט יעדער קענער פון לוצקין זיך געכאַפּט צום דאָזיקן בוך. עס איז געווען טשעקאַווע: וואָס ברענגט דאָס צווייטע בוך פון דאָזיקן אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן דיכטער? אויך איך האָב מיט אינטערעס גענומען זיך צום „בראשית — אינמיטן", און דאָס גלייך אָוועקגעלייגט צוריק. נישט אַזוי אין מיטן, ווי טאַקע בראשית — אין אָנהויב. הגם איך בין נישט קיין גאָר גרויסער אָנהענגער פון לוצקין, האָב איך דאָך גענומען בענקען נאָך זיין ערשטן בוך — ביים לייענען דעם צווייטן. ביי אַלע זיינע חסרונות — ווילדער געיעג נאָך וואָרט־שפּילערייען, אפילו ביליקע, מאַנערירטע חנדלעך, סטאַנדאַריזירטע פּרעפּאַרירונג פון יעדער טעמע א. א. וו. — האָט דאָס ערשטע בוך פאַרמאָגט אויך גרויסע מעלות פון מוזיקאַלישקייט און בילדלעכקייט, פון עכטער שפּילעוודי־קייט, און די דאָזיקע מעלות האָבן דערלויבט צו דערוואַרטן פון מחבר פאָלקאָמענערע ווערק לויט דער פאָרם און טיפערע לויטן אינהאַלט. צום סוף קומט לוצקי נישט נאָר מיט א פּאָע־טישער פילאָזאָפיע, נאָר מיט א גאַנצן טראַקטאַט, שיעור נישט מיט א גאַנץ סיסטעם. פון איין ליד־פּאַראַגראַף שיקט ער אונז אָפּ צו צווייטע, צו פריערדיקע און שפּעטערדיקע: „זע: פּערטער אריינפיר ב.", זע דאָ און זע דאָרט, א געשלאָסן סיסטעם, נישט ערגער ווי שפּינאָזאַס „עטיק". איז נישט קיין וואונדער, וואָס כ'האָב „בראשית — אינמיטן" אָוועקגעלייגט גלייך ביים אָנ־הויב.

איז מיר אָבער אריינגעפאַלן אין די הענט דער לעצטער הארבסט־נומער „פעדער" מיט אבא גאָרדינס אַן אַרטיקל,

„אַ טייל פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג", וועגן לוצקי דעם „פּאָעט־פילאָזאָף פון דיאַלעקטישן מאַניזם". אבא גאָרדין זאָגט נישט מער און נישט ווייניקער: „מיר וועלן אים נאָכפאָלגן פון זייטל צו זייטל, נאָכקלעטערן פון קאַפּיטל צו קאַפּיטל ביז מירן דערגרייכן דעם סאַמע שפּיץ פון באַרג פון נבואה". און ווייטער:

„...די וועלט זעט ער מיט יידישע אויגן, ער פילט איר (זי — י. ר.) מיט יידישע חושים, מיטן זעלבן דערזע און באַנעם פון וועלכן עס איז געשאַפן געוואָרן אין קדמונים דער ערשטער ספר בראשית".

הייסט עס, אַז נישט נאָר דער חשובער וו. נאַטאַנסאָן האָט ליגן אַ בוך וועגן לוצקיס פילאָזאָפיע, נאָר אויך אַ צווייטער קריטיקער, אַ יינגערער, אָבער אויך אַ פילאָזאָפיש־ספּעציאַליזירטער. איז אויב צוויי זאָגן שיכור, דאַרף דער דריטער זיך לייגן שלאָפן. האָב איך זיך אָנגעשטרענגט איבערצולייענען נישט נאָר אבא גאָרדינס אַרטיקל, נאָר טאַקע אויך לוצקיס „בראשית — אינמיטן". און דער רעזולטאַט איז, אַז איך פיל זיך גראָד ניכטער. איך האָב גאָרנישט קענגן „דיאַלעקטישן מאַניזם", ווי אויך נישט קעגן וו. נאַטאַנסאָנס דערווייל נאָך מענלאָזע לוצקי־פילאָזאָפיע, אָבער איך האָב אַ סך קעגן דעם, וואָס די גאַנצע פילאָזאָפיע ווערט אַריינגעטייטשט אין לוצקיס פּאָעטיש־פילאָזאָפישער בופאָנאַדע.

* * *

א. לוצקי פאַרמאָגט יאָ אַ געוויסן מין חנעוודיקע לידער מיט פילאָזאָפישע טענער. זיי געפינען זיך אין זיין ערשט בוך „ס'איז גוט פאַר אייך...", איך געפין זיי אין די עטלעכע לוצקי־לידער אין דער „פעדער".

„ס'איז אַלץ אַזוי קלאָר
„און איך קען נישט פאַרשטיין"

איז אַ פיינער פּאָעטישער אויסדרוק פאַרן עקוויוואַלענטן פילאָזאָפישן געדאַנק. איך געפין זעלטן־זעלטן לוצקין דעם דיכטער־פילאָזאָף אויך אין „בראשית — אינמיטן". אין דעם לאַנגן און לאַנגווייליקן יאַריד פון לוצקיס „איידער־איידער" (ווי ער

רופט אָן אויף זיין דיכטעריש־פילאָזאָפישן זשארגאָן דעם „פּאַרן מעשה־בראשית") געפינט זיך אַזאַ אָנהויב פון אַ ליד פונם „איידער־איידער":

„זאָל אויפגיין ווער און אונטערגיין אין מיר —
„ווען איך האָבן אַ געדענקעניש —
„ווען איך זיך צעליכטיקן אין בענקעניש".

אָבער באַלד נאָכן דאָזיקן עכט־דיכטעריש־פילאָזאָפישן אַקאָרד, קומען ווערטער גאָרנישט זאָגנדיקע, „בראשית — אינמיטנדיקע":

„וועט ווערן טאָג, וועט ווערן נאַכט,
„די אייביקייט פון טאָג און נאַכט. —
„אויף אַלעמאָל אַ טאָג און נאַכט,
„מיט אַלעמען אַ טאָג און נאַכט,
„און ווידער טאָג".

נישט זיי האָבן אַ שייכות מיטן זינפולן אָנהויב־אַקאָרד, נישט זיי האָבן בכלל עפּעס אַ באַדייט (נישט קיין פילאָזאָפישן און נישט קיין דיכטערישן).

אין אַזעלכע שורות (ז. 302):

„נאָר דעם זין פון אַלע שטערן —
„פון דעם מענטש געוואָרע ווערן,

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„איך בין דאָ! — נישט אויפצוהערן"

איז זיכער דאָ פילאָזאָפישער אמת. אָבער מען דאַרף נאָך צו דעם נישט זיין קיין פילאָזאָף, כדי עס אַרויסצוזאָגן (ביי היינ־טיקער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור!), און ווען מען גיט דעם דאָזיקן פילאָזאָפישן אמת אַזאַ אויסדרוק, ווי לוצקי גיט אים, דאַרף מען נאָך אויך נישט זיין קיין דיכטער דערצו...

אין אַזאַ שורה, ווי:

„אין יעדן וועלק וועט בליען טרויער"

איז זיכער דאָ דיכטערישער אויסדרוק, אָבער וויפיל אַזעלכע שורות האָבן מיר אין „בראשית — אינמיטן"? און אַז זיי

געפינען זיך שוין — ווי אָפּגעריסן זיי זענען פון זייער ליד אָדער קאַפּיטל!

ווען מען לייענט אויף זייט 38 אַזאַ ליד, ווי „געברויז אין מיר", פאַרשטייט מען, אַז אין יסוד פון דאָזיקן ליד ליגט אַ פּאַטשאַפּעטער פילאָזאָפישער געדאַנק, אָבער ער איז אַרויס פון לוצקים דיכטערישער פילאָזאָפיע מיט צעבראָכענעם האַלז און נאַקן.

„געברויז אין מיר צו וועלן איבער.
„אַ געדראַנג אין מיר צו וועלן אויבער.
„אַריבער.
„איבער־אַריבער.
„אַריבער־אויבער.
„איך מוז צו וועלן ענדער.
„אַנדער.
„וואַנדער.
„וואונדער.
„איבערוואונדער נאָכאַנאַנדער.
„מיטאַנאַנדער־דורכאַנאַנדער.
„פון אַן אַנדער צו אַן אַנדער.
„אַנדערש".

ווען איך זאָל נישט זשאַלעווען קיין פּלאַץ, וואָלט איך תיכף ציטירט דאָס מוסטער־ליד „בראשית מורא" (ז. 33) און זיין צאָלרייכע משפחה, כדי צו באַווייזן איבערצייגנדיק, אַז דאָס אויבן ציטירטע ליד איז ווייט נישט פון די ערגסטע.

די גרעסטע טייל פון „בראשית — אינמיטן" באַשטייט פון ביליקע וואָרט־שפּילערייען און וואָרט־פּלוידערייען. אַמאָל ליגט אין יסוד פון די דאָזיקע שפּילערייען אַ שטיקל שאָטן פון אַ געדאַנק, אַ האַריטשקע פּאָעטישע קאָנטעמפּלאַציע. לוצקי וואַרפט עס אַרויס גלייך פון אָנהויב, אין עטלעכע שורות (עס שווימט אַרום ווי אַ טראָפּן בוימאייל אויפן וואַסער) און דאַן וואָכערט אַ שלעכט־מאַסקירטע פּלוידעריי. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר לוצקים דאָזיקן בוך, וואָס ווענן דער צייט, וויפיל ס'האָט געדויערט אָנשרייבן דאָס בוך, וויפיל ס'האָט

געדויערט די דרוק־אַרבעט, ווען די קאָמאַס מיט די פּונקטן, ווען דער גרייזנלאָזיקייט פונם בוך, ווערט אויסגעזונגען אַ „פילאָזאָפיש" ליד אין זעלבן נוסח, ווי וועגן דעם עיקר פון לוצקים סיסטעם: „בראשית—אינמיטן — אָן פעלער". דער עיקר פון דאָזיקן טיפּן סימבאָל איז, ווי תמיד ביי לוצקין, דער וואָרט־שפּיל. אמת, לוצקי וואָרנט אונז:

„איך בין דאָ צו שאַפן שפּיל פון עיקר,
„איך בין דאָ — צו שפּילן זיך מיט ערנסט".

דאַרף אָבער די שפּיל האָבן געוויסע גרענעצן (נישט אַריינ־פאַלן אין לעכערלעכער „בדחנות") און חוץ דעם זיין אינטע־רעסאַנט און טאַלענטירט, אָבער נישט וואולגאַר (און נישט אויסגעבן די שפּיל פאַר „פילאָזאָפיע").

מען קאָן נישט לייקענען, לוצקי איז אַ געשיקטער (הגם אָפט — גענוג וואולגאַרער) וואָרט־זשאָנגלער, אָבער ער שטעלט זיך נישט אָפּ אפילו פאַר שפּראַך־פאַרקריפּלונגען, אַבי צו באַ־פרידיקן זיין דאָזיקעליידנשאַפט און זיין דאָזיקן פּאָעטישן הויפּט־מעטאָד:

„ווידער ווידערן און שטערן,
„ווידער לינדערן און שווערן".

„ווידער ווידערן" איז גענוג וואולגאַר, אָבער „שווערן" (שווער מאַכן) איז דאָ אַ בפירושע שפּראַך־פאַרקריפּלונג, ווייל „שווערן" רופט דאָ תיכף אַרויס דעם לעגיטימען טייטש פונם וואָרט: אַ שבועה אָפּגעבן. אָבער עס איז דאָ נאָך ערגערס אין אַ מוראדיקן קוואַנטום:

„נאָך נישט אַלץ איז שוין פאַראיבער,
„ס'איז נאָך מערער אין געבליבער".
„וואַסער, וואַסער פליס געפליסער".
„וואָס דער באַרג איז באַרגער".

דאָס זענען נישט קיין נייע וואָרט־בילדונגען, נאָר אומ־אחריותדיקע וואָרט־פאַרקריפּלונגען צוליבן גראַם, אָדער סתם אַזוי צוליב איינגערעדטער דיכטערישקייט. היינט באַנאַלע וואָרט־קאָמבינאַציעס און סטיל־וואולגאַרקייט און סטיל־זינלאָ־זיקייט:

„ס'עט נאָך ווערן, אַז די גריבער —
„וועלן ווערן די אַריבער".
„מוז צו מוזן זיין:
„זיין צו מוזן מוז".

מען קאָן ברענגען אַ ים מיט אַזעלכע ביישפּילן. מען קאָן זיי קלייבן הויפנווייז פון יעדן זייטל.

און וואָס איז דער זין פון אַזעלכע פערזן:

„ס'איז אַ גליק זיך קאָנען רירן.
„ס'איז אַ כישוף אָנצורירן.
„ס'איז אַ צויבער צו וויברירן
„אין צעבליטע שימערירן.
„ס'איז אַ רייץ זיך לאָזן פירן
„צו געפּליגלטע פּאַסירן.
„לוסטיק גלוסטעניש צעפירן.
„גלוסטיק לוסטעניש פאַרפירן"?...

דער זין איז דאָ פּשוט זינלאָזע גראַם־פּלעכטעריי און אפילו זייער נישט קיין עלעגאַנטע, נישט שפּראַכלעך און נישט ריטמיש. בדחנישע קוועטשעניש.

* * *

א. לוצקין האָט מסתמא אָראָפּגעפירט פון וועג די קריטיק אונזערע, וואָס טייטשט אַמאָל אַריין. איך האָב דעם אויפריכטיקסטן רעספּעקט פאַר וו. נאַטאַנסאָנס וויסן, פאַר זיין עטישן פּאַטאָס, פאַר זיין ערנסטן צוגאַנג צו פּראָבלעמען פון גייסט און ליטעראַטור, פאַר זיין אָפּטמאָל טיפער קריטיק; אָבער ווען וו. נאַטאַנסאָן אַרבעט אַריין די גאַנצע פילאָזאָפיע אין יהואשעס לידער, ווען ער הענגט אָן אין יהואשעס אַ פערזצען פּוד קלאַסישע פילאָזאָפיע, — איז מיר דאָס דערווידער, ווייל ס'איז פאַלש און שעדלעך פאַר אונזער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג (פון דער קריטיק איז דאָך שוין אָפּגערעדט). און דאָס זעלבע מיט לוצקין. דערהערט, אַז אין זיין שאַפן ווימלט און שווימלט מיט פילאָזאָפיע, האָט ער זיך פאַרלייגט אויף איר נישט אויף קיין קאַטאָוועס. אָבער מער ווי דער טיטל פון בוך־

איז אים נישט געלונגען. „בראשית — אינמיטן" אַלס אויסדרוק פאַרן געדאַנק, אַז נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף, אַז שטענדיק איז די וועלט אַ בראשית־אינדערמיט, — איז פיין און דיכטעריש. אָבער דער גאַנצער טאַראַראַם מיט זיבן אַריינפירן, מיט גראַפישע אָנצוהערענישן און מיטן „זע־פריער־און־וויי־טער" איז אַ פאַרגוואַלטיקונג סיי פון דער פּאָעזיע און סיי פון דער פילאָזאָפיע. אינטערעסאַנט, אַז דאָס בוך מאַכט קאַליע אפילו דעם געלונגענעם טיטל, ווי נאָר עס רירט זיך דערצו צו מיט אַ לידל:

„אַלעמאָל אינמיטן:

„אומעטום בראשית אינדערמיט:
„מאַן — איז מאַן — אינמיטן.
„פרוי — איז פרוי — אינמיטן.
„אַלע דורות קומען פונדערמיט".

דאָס איז נישט קיין פּאַרנאָגראַפיע. דאָס איז לוצקיס וואָרט־שפּיל־צוואַנג, וואָס קומט און פאַרניכטעט די זינפולסטע שטעלע פון בוך — דעם טיטל.

אָבער נישט נאָר די פילאָזאָפיע און די דיכטונג ווערן פאַרגוואַלטיקט אין דאָזיקן בוך: עס ווערט דאָ פאַרגוואַלטיקט אויך לוצקיס בלי־ספק־דיקער טאַלענט. ווי שוין אויבן געזאָגט, זענען אין דאָזיקן בוך פאַראַן בלויז געציילטע אוממיטלבאַרע פילאָזאָפישע געפילן, דיכטעריש אויסגעדריקטע (און אַנדערש איז גאָר אוממעגלעך אַ דיכטערישע פילאָזאָפיע אָדער פילאָזאָפישע דיכטונג). על פּי רוב וויל לוצקי איבער געוואַלט פאַרדיכטן פילאָזאָפיע, און נאָך דערצו סיסטעמאַטיש. סטייעט אים דערביי נישט קיין פילאָזאָפישער געדאַנק און נישט קיין דיכטערישער אויסדרוק. דאָס אוממיטלבאַר־חנעוודיקע פון לוצקיס דיכטונג ווערט טויטע, שטייפע מאַנירלעכקייט. דאָס קאַפּריזע וואָרט־שפּילעריי ווערט דאָ אַ גענאַרעריש־ער מיטל צו פאַרדעקן די טאָפּלטע נאַקעטקייט פון געדאַנק און דיכטונג. אַ מוסטער פון נאַרישער פּלוידעריי, וואָס וויל מאַכן אַן אָנשטעל פון טיפן געדאַנק, איז דאָס ליד „ווי אַזוי איז געוואָרן מענטש" (ז. 67).

אַט זענען עטלעכע מוסטער־שורות פון דאָזיקן מוסטער־ליד (אַ מוסטער פאַר „בראשית־אינמיטן”):

„אומרו איז פאַרגאַן אין טראָגן מיט אַ מענטש.
„האָט אומרו זיך פאַרקוקט אויף יאוש,
„יאוש האָט אַ זיפץ געטון פאַר צווייפל,
„צווייפל האָט עס אויסגעהערט מיט ספק”.

און אַזוי כסדר: „פּיליכט, אפשר, טאָמער, מסתמא, מעגלעך, וואַרשיינלעך, גריילעך, טאַקע, אוודאי” און אַזוי ווייטער, אַ קליין ווערטער־בוך. אויף די דאָזיקע לידער איז ווי אָנגעמאָסטן לוצקים אַ שורה פון אַ צווייט ליד: „צום סוף איז געוואָרן אומע־טום גאָרנישט”. מען לייענט און מען לייענט — און עס ווערט גאָרנישט. כמעט ווי גאָרנישט, ווייל עפּעס בלייבט יאָ: אַ נודע־ניש אונטערן האַרצן...

אינטערעסאַנט, אַז דאָס בעסטע אין בוך איז די אָפּטיילונג „קאַמף אין דער טויטער נאַטור”. דאָס רופט זיך אַזוי לויט דער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע, אין דער אמתן זענען דאָס די גוט באַקאַנטע לידער פון לוצקים ערשטן בוך, וואו נאַטור און קעגנשטאַנדן ווערן פאַרמענטשלעכט. דאָס איז לוצקים הויפּט־מייסטערשאַפט און אויך אין דאָזיקן אומגעלונגענעם בוך איז דאָס דאָס בעסטע. הגם שוין נישט אַזוי פריש, ווי אין ערשטן בוך, און דערצו נאָך פאַרמיסטיקט און אויסגעצערט דורך דער פילאָזאָפישער סיסטעם.

ווי ווייט מען קאָן נעמען ערנסט לוצקים דיכטערישע פּי־לאָזאָפיע באַווייזט איינער פון זיינע צום אָפטסטן באַנוצטע מע־טאָדן אין דאָזיקן בוך. אַ חוץ דער וואָרט־שפּילעריי שפּילט אין אים די גרעסטע ראָל אַ מין באַגריפן־איבערדרייאונג: „אינע־ווייניק אויף דער גאַס — איז דרויסנם טיף”: „ביי צוריקן — איז צוריק — פאָרויס”; „די ווייטסטע ווייט — איז נאָענט אַרום זיך, דער ווייטסטער דאָרט — איז דאָרטן — דאָ”; „ביי ווילד — איז מילד — ווילד”, און אַזוי אָן אַ סוף, אַ מין משה־קאַפּויער־פילאָזאָף. דערביי איז נאָך דער דאָזיקער מין לידער דער בעסטער פון בוך. כאָטש עפּעס אַ זין: זאָל זיין אַ גאַנץ ביליקער... אַליין בעסער ווי:

„אונטער־אַרונטער,
„אַרונטער־אונטער,
„אונטער־דאַרונטער.
„דאַרונטער־דאַרונטער".

אָדער די לידער פון „והיה באחרית הימים" (דער שפּיץ פון נבואה, לויט אבא גאָרדין):

„נישט קיין פעלקער, נישט קיין ראַסן —
„נאָר פאַראַן מלאכים־מאַסן".
„נישטאָ קיין איצט, — נישטאָ קיין שפּעטער,
„נאָר קאָלירן לויטן וועטער".

וואָס קאָנען דאָ העלפן אַזעלכע זעלטענע געסט, ווי די פאָלגנדיקע סטראָפע:

„אפשר ווען ס'איז דאָ פאַרלוירן,
„וואָלט כדאי געווען געווינען.
„ביי דעם ראַנד פון אַלץ פאַרלוירן
איז אַ רגע גאָר דער זינען",

בעת זיי ווערן בטל אין ששים מאָל ששים.

* * *

איך האָב זיך באמת אויפצואווייזן די גרויסע חסרונות פון לוצקים צווייטן בוך און אויך אויפמערקזאַם מאַכן אויף די קליינע מעלות אין אים. די פילאָזאָפיע גופא, זיין סיסטעם אַזוי צו זאָגן, באַריר איך לגמרי נישט. לוצקי האָט געווים אַריינגעשלעפּט אין זיין פילאָזאָפישער בופאָנאַדע גאַנץ סאָלידע פילאָזאָפישע געדאַנקען און געפילן, אָבער צום בוך האָבן זיי די מינדסטע שייכות נישט. די פּאָזיטיווע, צי נעגאַטיווע באַציאונג צו די פרעמדע, מיט געוואַלט אַריינגעשלעפּטע עלעמענטן, לאָז איך איבער פאַר די פאַך־פילאָזאָפן, וועלכע האַלטן פאַר מעגלעך צו ווידמען לוצקים פילאָזאָפיע גרויסע פילאָזאָפישע קאָמענטאַרן.

וואָס שייך די דאָזיקע קאָמענטאַרן, האַלט איך פאַר פּאַסיק צו ציטירן לוצקים קליין לידעלע פון ז. 69.

„אַ פאַראיין פון גאָרנישט:

„גאָרנישט אַליין —
„איז פון צוויי אַ פאַראיין:
„גאָר,
נישט.
„גאָר" איז פאַראייניקט מיט „נישט"
„און דערציילט:
„גאָר—נישט.
„גאָר איז אַ סך.
„נישט — איז אפילו נישט איינס.
„אַלצאיינס:
„גאָרנישט".

מען קאָן אויף לוצקים בוך מאַכן אפילו צען בעסטע פילאָ־זאָפישע ביכער און ס'וועט אַלץ בלייבן אַ פאַראיין פון „גאָר" און „נישט" — גאָרנישט...

יאָשע קאַלביאַדע

(צו דער געשיכטע און כאַראַקטעריסטיק פון טאַנץ
אַרום „יאָשע קאַלב")

1) בפרהסיה...

פאַראַן אַ יידישער בעלעטריסט י. י. זינגער. מיט יאָרן צוריק האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער דערציילונגען. ביי די אומות העולם וואָלט ער פאַרנומען אַ באַשיידענעם אָרט אין דער גרויסער אַרמיי האָפנונגספולע אָנפאַנגער. ביי אונז האָט ער גלייך פאַרנומען אַן אָרט פון אַ קלאַסיקער. די דאָזיקע באַציאונג זיינע צו זיך אַליין איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווען ער האָט נושא חן געווען ביים ליטעראַרישן ירבעם בן נבט אונזערן, אַב. קאַהאַן, און איז שטאַרק אַריין אין די פעדערן. פון דאַן אָן האָט ער אָנגעהויבן צו פאָדערן פאַר זיך ביידע וועלטן: פון איין זייט, האָט ער אַלס קופּער געמאַכט גאָלד פון בלאָטע, און פון דער צווייטער זייט האָט ער געפאָדערט פאַר זיך אומבאַרירלעכקייט פון אַ קאַנאָניזירטן קלאַסיקער.

מאַכט זיך אַ מעשה, און ש. ניגער, — וואָס איז על פי רוב אַ מקיל און זאָגט אָפטמאָל „כשר" אויף בפירוש טריפס, — קאָן שוין אויך נישט אויסהאַלטן און רייסט אַראָפּ י. י. זינגערס ראָמאַן „שטאָל און אייזן". גראָד האָט דער צופאַל געוואָלט, אַז דער אָנגריף אויפן „קלאַסיקער" זינגער זאָל גיין געפּאָרט מיטן אָנגריף אויפן „פאָרווערטס"-קאָרעספּאָנדענט ג. קופּער. דער אָנגריף איז געקומען סיי פון אַמעריקע, סיי פון וואַרשע. האָט זינגער געזען, אַז ביידע וועלטן זענען אין סכנה, האָט ער זיך אַנטשידן: אַזוי ווי „שרייבן יידיש איז אַ מלאכה בזויה" (ווען מען לייענט אָפטמאָל קופּערס קאָרעספּאָנדענצן אין „פאָר-ווערטס" איז מען כמעט ווי מסכים מיט דער דאָזיקער דעפי-

ניציע), זאָגט ער זיך אָפּ פון דער ליטעראַטור און ער בלייבט ביים „פאָרווערטס" אין דינסט...

זינגערס האַנדלונג האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. אין יענעם בריוול, — וואָס די „ליטעראַרישע בלעטער" האָבן צוליב פערזענלעכע פּניות פאַרשווינן, — איז געקומען צום אויסדרוק פאַרריסענע חוצפּה פון אַ אויפגעקומענעם גביר, וואָס האַלט, אַז קהל דאַרף אָנקומען צו אים און נישט ער צו קהל, און אויב אַזוי איז...: איך וועל אייך וויַיזן!...

דער דאָזיקער גאַנצער ענין איז געוועזן פאַרגעסן. דער יידישער ליטעראַטור פעלן וויכטיקערע זאַכן, ווי י. י. זינגערס נאָוועלן, און פונדעסטוועגן האָט זי נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן דעם ווילן צום לעבן. מען האָט שוין גענומען פאַרגעסן, אַז הינטערן פּסיידאָנים ג. קופּער באַהאַלט זיך אוים דער געוועזענער בעלעטריסט י. י. זינגער. האָט זיך אַריינגעמישט אַב. קאַהאַן און צוריק אַרויפגעטראָגן דעם פאַרגעסענעם ענין אויפן סדר היום.

וואָס איז געשען?

י. י. זינגער האָט אָנגעשריבן פאַרן „פאָרווערטס" אַ ראָמאַן „יאָשע קאַלב". די צייטן אין אַמעריקע זענען שלעכט, דער „פאָרווערטס" אפילו שפּירט דעם קריזיס, האָט אַב. קאַהאַן געוואָלט אַרויסרופן אַרום דאָזיקן ראָמאַן דעם מאַקסימום סענסאַציע, וואָס איז נאָר מעגלעך. דערביי טאַקע אויך אויסנוצן די מעגלעכקייט און אַליין רימען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

איז אַב. קאַהאַן אַרויס מיט אַ גרויסן מאמר, וואו ער דערציילט באריכות, ווי אַזוי י. י. זינגער איז אַרויסגעטרעטן פון דער יידישער ליטעראַטור צוליב אַן אָנפאַל אויף אים מצד אַ קאָמוניסטישן וואַרשעווער וואָכנבלאַט (אַ בפירושער טאָפּלטער ליגן: דעם באַרעכטיקטן אָנגריף אויף אים האָט געמאַכט דער בונדישער חודש־זשורנאַל „ביכער־וועלט"), ווי אַזוי ער, אַב. קאַהאַן, האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון דער יידישער ליטעראַטור און נישט אויפגעהערט צו מאָנען ביי י. י. זינגערן קונסט־ווערק, ביז זינגער האָט אים דערהערט און זיך אומגע־

קערט צו דער אייגנאַרטיקער עגונה, — צו דער יידישער ליטע־ראַטור. און נאָך דעם לויב־געזאַנג פאַר די אייגענע מעשים טובים, איז געקומען אַזאַ הלל הגדול אויף זינגערס „יאָשע קאַלב”, אַז דעם גרעסטן גאון מיט דער קלענסטער דאָזע גע־שמאַק וואָלט געדאַרפט ווערן אומאַנגענעם: די מאָסלאָזע לויב־רייד האָבן שוין פשוט געגרעניצט מיט אומאַנשטענדיקייט. אָבער סיי אב. קאַהאַן, סיי י. י. זינגער, סיי דער עולם האָבן עס פאַרדייט.

אויב איר מיינט, אַז מיט אב. קאַהאַנס לויב־אַרטיקל האָט זיך דער ענין געענדיקט, קאָנט איר נישט אב. קאַהאַן. ער, אַז ער נעמט זיך צו רעקלאַמע, מאַכט ער דאָס גרינטלעך. עס האָבן זיך אַ שאָט געטון באַגייסטערטע בריוו פון ראָמאַן־לייענער, די רעדאַקציע האָט געשריבן ספּעציעלע נאָטיצן וועגן ראָמאַן, מען האָט איינגעאָרדנט דיסקוסיע־אָוונטן וועגן דעם ראָמאַן, גאַנץ אַמעריקע (דערוויילי נאָר די יידישע, פאַרשטייט זיך) האָט פאַר־געסן אין קריזיס, אין אַלע הארבע פּראָבלעמען און זיך גענומען קוויקן מיט אַ שטיקל יאָשע קאַלב...

און דאָ איז געשען אַ מכשול. אין מיטן דער באַגייסטע־רונג, האָט זיך דערהערט אַ שטים פון קריטיק. איינער פון די באַגייסטערטע לייענער האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט: ס'איז אים צו קורץ דער ראָמאַן צווישן דעם רבינס יונגן איידעם און דעם רבינס יונגן ווייבל. איר פאַרשטייט: דער אַלטער רבי האָט חתונה מיט אַ יונג ווייבל, כמעט נאָך אַ קינד, און דעם רבינס טאָכטער האָט חתונה מיט אַ יונגנמאַן, כמעט נאָך אַ קינד; איז דאָך פון זיך אַליין געדרונגען, אַז דער איידים מיט דער שטיף־שוויגער זענען אַ זיווג מששת ימי בראשית. נעמט זינגער און „כאַפּט אָפּ” דעם דאָזיקן ראָמאַן. וואָס איילט ער זיך אַזוי? אַזאַ איידעלער ביסן ווי אַן איידים מיט אַ שטיף־שוויגער איז אפילו אין „יאָשע קאַלב” אַ יום־טובדיק געריכט, טאָ דאַרף מען עס לאָזן פּאַמעלעך קעווען.

איז אב. קאַהאַן געוואָרן אַ שרוי בצער: ערשטנס, איז דאָך טאַקע דער לייענער גערעכט, און צווייטנס, היינט קרי־טיקירט מען דאָס און מאָרגן קאָן מען אָנהויבן קריטיקירן דעם ראָמאַן גופא, און אַ קשיא אויף אַ מעשה? — אפשר דעם

„פאָרווערטס" גופא... האָט ער געפונען פאַר נויטיק גלייך צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון דער אויפגעוואַכטער קריטיק. דער ראָמאַן פון דער יונגער רביצין מיטן יונגן איידים איז צו קורץ? אָפּגעהאַקט? געוויס! דאָס זענען דאָך זיינע, אַב. קאַהאַנס, ווערטער. גלייך ווי ער האָט באַקומען דעם מאַנוסקריפּט האָט ער באַמערקט, אַז דער ראָמאַן האָט בלויז איין פעלער: די ליבע צווישן דער רביצין מיטן איידים איז סקאַנדאַליעז „אָפּגעהאַקט". אָבער נישקשה: אַב. קאַהאַן שאַפט די רפואה פאַר דער מכה. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, — שרייבט אַב. קאַהאַן אין זיינע רעדאַקציע־נאָטיצן, — אַז אייניקע קאַפּיטלען פון נחומצע־מלכהלע־ראָמאַן זענען צוליב געוויסע סיבות נישט איינגע־שלאָסן געוואָרן אין ראָמאַן, איצט האָט מען אָוועקגעשיקט נאָך זיי אַן עקסטרע איינלאַדונג און ווי נאָר זיי וועלן אָנקומען, וועט מען זיי נעמען דרוקן, הגם דער „פאָרווערטס"־לייענער האַלט שוין ווייטער, ביי אַנדערע געשמאַקע ראָמאַנען.

עס וואָלט געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט צו וויסן, צי דעם צוזאָג וועגן די פעלנדיקע קאַפּיטלען האָט אַב. קאַהאַן געמאַכט אויף אייגענער אחריות, זיכער אין זיין השפעה אויף זיינע מיטאַרבעטער, קענענדיק זייערע בויגעוודיקע רוקנס, אָדער ער האָט באַקומען דערויף די באַוויליקונג פונם שרייבער. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין: אַב. קאַהאַן איז נישט געבליבן קיין ליגנער. די פעלנדיקע קאַפּיטלען פון דעם נחומצע־מלכהלע־ראָמאַן זענען אָנגעקומען און דער באַגייסטערטער לייענער האָט געקענט טריאומפירן: אַז מען מאָנט, באַקומט מען...

פון גרויס שמחה האָט דער אַלטער פוקס פאַרגעסן, אַז די קאַפּיטלען זענען צופעליק געבליבן אין יוראָפּ און ער האָט געמאָלדן מיט גרויסע אותיות זיינע לייענער, אַז די „צוגע־שריבענע" קאַפּיטלען זענען שוין אָנגעקומען. און אפשר האָט ער נישט פאַרגעסן, נאָר ער ווייסט דאָך סיי ווי, אַז אפילו לייענער פון קעלבערנע ראָמאַנען זענען אויך נישט אַזעלכע בהמות, זיי זאָלן גלויבן אין נסים: גראָד די קאַפּיטלען, וואָס פעלן דעם „פאָרווערטס"־לייענער, זענען פאַרבליבן אין דער היים...

שטעלן זיך דאָ אַ סך פראַגן.

ערשטנס: אויב אַב. קאַהאַן האָט קוים געפּועלט ביי זינגערן אומצוקערן זיך צו דער ריינער ליטעראַטור, טאָ ווי אַזוי פאָדערט ער צוצושרייבן קאַפּיטלען צו אַזאַ גרויס קונסט־ווערק? דאָס איז דאָך דער דירעקטער וועג וואָס פירט אַרויס פון דער ליטעראַטור!

צווייטנס: אויב י. י. זינגער איז אַזוי פיל מאָל אַרויס־געטראָטן פאַר דער „פּרייהייט" פון קינסטלער, טאָ ווי אַזוי דערלויבט ער, אַז אַב. קאַהאַן זאָל אים עפנטלעך דעמאַסקירן אַלס געדונגענעם צושטעלער פון געוויסע קאַפּיטלען, לויטן לייענערס געשמאַק? אויב ער איז דאָס בכלל אפילו פּעאיק צו טון, האָט ער דאָך דאָ, צוליב דעם „בפרהסיה", געדאַרפט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. נישט אומזיסט איז די זינד פון בפרהסיה פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער און שווערסטער: כל זמן דער מענטש באַהאַלט זיך נאָך אויס, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, ווייל ער גופא שפּירט זיך אומבאַקוועם. אָבער ווען איינער הערט זיך אויף צו שעמען, איז שוין פאַר אים קיין צוריקוועגס נישטאָ. ווער קען אים שוין אָפּהאַלטן, אויב דער איינציקער ערנסטער מאָנער, — דאָס אייגענע געוויסן, — איז שוין שטום?...

די דאָזיקע געשיכטע אַרום „יאָשע קאַלב" איז סקאַנדאַ־ליעז אפילו ביי אונזערע באַדינגונגען: סקאַנדאַליעז סיי פאַר אַב. קאַהאַן, סיי פאַר י. י. זינגערן. סקאַנדאַליעז, ווען דער ראָמאַן „יאָשע קאַלב" וואָלט טאַקע באַדייט אַ צוריקקער צו דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָס גופא איז אויך אַ בלאָף.

גענוי וועט נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דאָזיקן „גע־שעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור", ווען מיר וועלן האָבן דעם ראָמאַן אין בוך־פאָרם, אָבער שוין איצט קאָן מען זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן, אַז דאָס איז אַ שונדישע מאַכערייקע. געוויס, אין פאַרגלייך מיט ק. טשערס ראָמאַן אין „היינט", אין פאַרגלייך מיטן מקובלס שונד־ראָמאַן אין „עקספּרעס", איז דאָס אַ שעדעוור פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. אָבער גע־מאָסטן מיט דער מאָס פון קינסטלערישן שאַפן, איז „יאָשע

קאַלב" שונד, ביליקע מאַסן־ליטעראַטור. די הויפּט־אַטראַקציע פון ראָמאַן איז דאָס ביליק־געשלעכטלעכע און במילא שונדיס־טיש־פּאָרנאָגראַפישע. די בעסטע שטעלן פון בוך זענען נישט מער ווי אַ מין בעלעטריסטישער רעפּאָרטאַזש. למשל, ווען איר לייענט די באַשרייבונג פון אַ חתונה, זעט איר בחוש, אַז דער מחבר האָט געלייענט די בעסטע מוסטערן פון יידישע חתונה־באַשרייבונגען און אַלץ, וואָס איז שטייגעריש־בונט, האָט ער איבערדערציילט. דערביי פאַרמאָגן נישט די דאָזיקע, פון ריין־שריפטשטעלערישן שטאַנדפּונקט, בעסטע שטעלן קיין איין ניצוץ פון טיפערער פּערזענלעכער שאַפונג: אַלץ איז דאָ קאַלטע זשורנאַליסטיש־ליטעראַרישע אַרבעט. נישטאָ דעריבער קיין טיפע פּסיכאָלאָגישע סיטואַציעס, נישטאָ קיין קינסטלערישע אידייע, נישטאָ קיין איבערגעלעבטע שילדערונגען. ווען איר לייענט די „שענסטע" באַשרייבונגען אין דאָזיקן ראָמאַן, האָט איר דאָס זעלבע געפיל, ווי בעת איר שטייט פאַר די שיינע מיידלעך פון די זייף־רעקלאַמעס: זיי זענען אַזוי שיין, אַז קיין איין קינסטלעריש ווערק, דוכט זיך, קאָן זיך נישט גלייכן צו זיי לויט דער שיינקייט. איר ווערט אָבער האָבן אַ סך רעספּעקט פאַרן געשמאַק פון אַ מענטשן, וואָס ווערט זיך אַנטציקן מיט די דאָזיקע רעקלאַמע־שיינקייטן? די מיאוסטע דאָרפישע לעבעדיקע מויד איז דאָך צוציענדיקער פאַר זיי, ווייל עס שלאָגט פון זיי מיט רעקלאַמע־פּוסטקייט, מיט טויטקייט, ווייל זייערע שניי־ווייסע ציין און די רויטע באַקן זענען באַנאַל ביז צום ברעכן.

ווען איך הער דעם טומל אַרום „יאָשע קאַלב", ווען איך זע די נעמען, וועלכע פאַרטיידיקן דעם ראָמאַן, ווען איך דערמאָן זיך, אַז מאָריס שוואַרץ, די פּאָן פון יידישן קונסט־טעאַטער אין דער וועלט, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער מאַכע־רייקע און וויל עס אויפפירן אַלס ערשטע פּיעסע אין באַנייטן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק, ווען איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ, שפּיר איך, אַז אַרויסטרעטן קעגן דעם איז נישט בלויז קיין ענג־ליטעראַרישער ענין. די דאָזיקע אַלע פאַקטן באַווייזן, אַז מיר לעבן איבער אַ קולטור־קריזיס פון אַ מוראדיקן פאַרנעם, אַז עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע גרענעצן צווישן ערנסטער שאַפונג און שונד־מלאכה, אַז אַב. קאַהאַנס רעקלאַמע בלייבט

שוין נישט באַגרענעצט אויפֿן „פֿאָרווערטס"־לייענער, נאָר זי הויבט שוין אָן צו דיקטירן איר באַפֿעל אין געביט פֿון אונזער ליטעראַטור און קונסט...

וואַרשע, 1935.

2) קעלבערנע התפעלות...

ווען דעם רעש אַרום יאָשע קאַלב וואָלטן אָנגעמאַכט בלויז דער „פֿאָרווערטס" מיטן „היינט", וואָלט די זאַך געווען קלאָר: דאָס איז נאָך אַלץ דער המשך פֿונם אַמאָל־אַמאָליקן טאַנץ אַרום עגל הזהב... מען וואָלט רואיק געקאָנט אַריבערגיין צום סדר היום: זאָלן זיי אויסטאַנצן פֿון דער קעלבערנער התפעלות פֿון „יאָשע קאַלב" אַביסל מינץ...

אָבער דעם „פֿאָרווערטס" און דעם „היינט" איז געלונגען אַריינצוציען אין זייער טאַנץ די כהנים פֿון קונסט: קריטיקער און דיכטער זענען אַנטציקט, זיי זענען גרייט צו פֿירן אַ ריטערלעכן קאַמף פֿאַר זייער הארצנס־געליבטער — פֿאַר יאָשע קאַלב. דאָ ווערט שוין די זאַך אַביסל ערנסטער, עס נעמט שוין אָן די ברייטערע ראַמען פֿון אַ ליטעראַרישן סקאַנדאַל. און איידער מען גייט אַריבער צום סדר היום, מוז מען די דאָזיקע „יאָשע־קאַלביאַדע" שטעמפּלען מיטן ריכטיקן שטעמפּל.

* * *

די געשיכטע פֿון „יאָשע קאַלב" איז אַ דאַנקבאַרע טעמע פֿאַר אַ ראָמאַן. זי גיט די געלעגנהייט סיי פֿאַר אַ פֿאַרביקער סביבה־שילדערונג, סיי פֿאַר אַ שפּאַנענדן ספּור־המעשה, סיי פֿאַר אַ טיפֿן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז.

י. י. זינגער האָט נישט אויסגענוצט ווי געהעריק קיין איינעם פֿון די דאָזיקע דריי עלעמענטן. און עס קאָן אַפֿילו נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, אַז דאָס איז אים נישט געלונגען: ער איז גאָר נישט צוגעטראָטן צו דער טעמע מיטן גוטן ווילן פֿון אַ קינסטלער, וואָס וויל אַרויסציען פֿון איר דעם מאַקסימום פֿון אירע מעגלעכקייטן. פֿאַר אים איז גע־

שטאַנען אַן אַנדער אויפגאַבע: געבן אונטער אַ ביליקער מאַסקע פון קונסט — אַ צייטונגס־ראָמאַן. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט אים געצוואונגען אָדער גאָרנישט צו באַרירן די מעגלעכקייטן פון דער טעמע (למשל, דעם פּאַרטיפּטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון אַ מ ע נ ט ש ן אָדער פון מ ע נ ט ש ן אין אַזאַ אויס־טערלישער סיטואַציע) אָדער צו באַרירן זיי אין זייערע שוואַכ־סטע פּונקטן, אין זייער שונדיסטישער זייט. און „יאַשע קאַלב" איז טאַקע אַ רעפּרעזענטאַטיוו ווערק אויף אַלע געביטן פון ליטעראַרישן שונד.

אויפן ערשטן אָרט קומט, פאַרשטייט זיך, דער אבי אבות הטומאות — דער געשלעכט־שונד. דער דאָזיקער שונד איז פאַרטראָטן אין בוך אין אַ געוואַלטיקער מאָס.

צווישן די ווייניקע פּערזאָנען, וועלכע זינגער שילדערט אין דאָזיקן בוך מיט פּאָזיטיווע פאַרבן, פאַרנעמט אפשר דעם חשובסטן אָרט דער ראַכמיניוקער רבי, אָבער אויך אים נוצט ער אויס ביי דער קלענסטער געלעגנהייט, כדי צו באַקומען דעם נויטיקן סאָוס. ער נוצט אויס זיינע מיסטישע אויגן („מיסטישע" אויגן — ס'אַרא סטיל־שונד!), כדי די יונגע בלאָנדע ווינערינס זאָלן זאָגן וועגן אים: „אַך, ווי העריליך דיזער וואונדער־ראַבי זיט אויס! אַ מאַן מיט אַזעלכע שוואַרצע אויגן מוז קאָנען גוט ליבן... ניכט וואהר?"

און אַז זינגער דאַרף שילדערן דעם בונט פון מלכהלעס בלוט קעגן דער סביבה, שילדערט ער דען דעם אינערלעכן קאַמף פון אַ מענטשן, מיר זאָלן אים מענטשלעך קאָנען מיט־פילן? ניין. פאַר אים זענען נויטיק מלכהלעס אויסערלעכע שטיק און דער עיקר אַן אויסערלעכע שונד־סיבה: מלכהלעס מוטער איז אַנטלאָפן מיט אַן אָפיציר קיין אונגאַרן. פאַרשטייט מען דאָך שוין אַליין מיט וואָס דאָס שמעקט... און צו וואָס דאַרף דער הינקנדיקער בעטלער אַריינפירן מיט געוואַלט אַ פרוי אין בית־המדרש, און דווקא אַן אשת־איש (בלויז דאָס דער־וויסן מיר זיך וועגן איר)? סתם אַזוי, דרך אגבדיק, צוליב געוואוינהייט וועגן. און דער שמש ישראל אביגדור כאַפּט דען נישט דעם ניעשאַווער רבי אין מיטן העלן טאָג מיט זיין דריטן ווייב אין אַ „פּאַרוועטס"־לאַגע? און ווען דער שמש

ישראל אביגדור וואַרפט אַרויס פון בית־דין־צימער צביהן, פאַרזאַמט ער דען צו האָבן הנאה פון אירע בריסטן? זינגער וועט אים לאָזן פאַרזאַמען אַזאַ זאַך?

ווען די עיקרדיקע עראָטישע געריכטן איז דאָך שוין אָפּגערעדט! ווי סימעטריש עס זענען אויסגעשטעלטביידע חופה־נעכט: פון קינד און פון זקן. איז דען דאָ אין די דאָזיקע פּאָטענציעל־גראַנדיעזע קינסטלערישע סצענעס כאָטש איין מאָמענט, ווען מיר גליען אויף צוזאַמען מיטן קינסטלער אין גרויסער דערהויבונג? פאַר זינגערן זענען זיי געווען נישט קיין קינסטלעריש מיטל, נאָר דער ציל גופא, די פּיקאַנטע סיטואַציע אַלס אַזעלכע.

געוויס, זינגער איז נישט קוטשער אָדער אַן אַנדער ראָמאַן־שמירער פון ד״ר גאָטליבס „היינטיקע נייעס״ און אהרן צייטלינס „אונזער עקספּרעס״, — ער מאַכט עס ליטע־ראַרישער און גלאַטיקער, נישט אַזוי מגושמדיק נאַקעט. אָבער דאָך געהער עס צו דער זעלבער קאַטעגאָריע ביליקער עראָטי־שער ליטעראַטור.

דערמאָנט זיך נאָר די סצענע, ווי אַזוי דער ניעשאַווער צווינגט סערעלען צו דערציילן אים „אַלץ פּשוט״ ווי אַזוי נחומטשע איז „געקומען״ צו איר. געגוג, דאַכט זיך, וואָס די עלטערע טאָכטער ברענגט אים די גוטע בשורה, צו וואָס דאַרף נאָך דער אַלטער רבי צווינגען דאָס קליינע מיידל צו דער־ציילן „אַלץ פּשוט״? יעדער איינער, וואָס האָט געלייענט פּאַנאַיט איסטראַטיס „קירא קיראַלינאַ״, זאָל זיך דערמאָנען די ענלעכע געשיכטע און מאַכן אַ פאַרגלייך — וועט ער זען, אַז אין מיין אורטייל איז נישטאָ קיין גוזמא. ביי פּאַנאַיט איסטראַטין דערשיטערט די טראַגישע חופה־נאַכט, ער ברענגט פון איר אַרויס די טיפסטע מענטשלעכסטע טענער. דאָס עראָטיש־דראַסטישע און עראָטיש־לעכערלעכע ווערט פּאַראַ־ליזירט דורך דער אויפגעדעקטער טראַגיק און אויפגעוועקטער מענטשלעכער איבערלעבונג און מיטלייד. ביי זינגערן איז פּונקט פאַרקערט.

דער דאָזיקער „גרויסער ראָמאַן אין דער יידישער ליטע־ראַטור״ (ווי מלך ראַוויטש האָט אים אָנגערופן) פאַרמאָגט

אבער נאך עטלעכע מינים שונד. לאמיר קודם כל באטראכטן דעם סענטימענטאלן שונד. אט איז מלכהלעס חופה־נאכט. נאך מלכהלעס זינלאזער אויפפירונג, וואס הויבט זיך אן מיטן נישט לאזן אפשערן די האר און ענדיקט זיך מיטן ארויס־שפרינגען פון בעט אין דער חופה־נאכט (אן אויפפירונג, וואס ווערט צוגעטראכט, כדי צו בארעכטיקן דעם נאמען מלכהלע מזיק און אנציען דעם לייענער), ווען דער אלטער רבי בלייבט ליגן „אן כוחות", דערציילט וועגן איר זינגער: „זי איז איצט צוגעגאנגען צו אים, די כלה. זי האט אים געגלעט מיט רחמנות איבער דער יארמאלקע". ווי פסיכאלא־גיש פאלש און פלאך עס זאל נישט זיין די גאנצע סצענע, שטייגט זי דער סוף אריבער. אבער מיך אינטערעסירט דא נישט די פסיכאלאגישע פאלשקייט, נאר דער סענטימענטאלער שונד: זי האט אים מיט רחמנות געגלעט איבער דער יאר־מולקע... דערביי פארגעסט ער נישט אנצורופן זי „כלה", דער לייענער זאל אויף קיין איין מאמענט נישט פארגעסן, וואס זי האט באדארפט ווערן און וואס זי איז נאך אלץ.

און ווען מלכהלע באגעגנט זיך מיט נחומטשען דאס ערשטע מאל אין טיר, שרייט זי: „מאמע!" וואונדערט זיך נישט אויף דער אומזיניקייט פון דאזיקן אויסרוף; דער סענ־טימענטאלער שונד דארף עס נויטיק האבן... און אזוי כסדר ביזן סאמע סוף: „די לבנה האט אים באלויכטן און באַ־וואכט" (אויפן בית עלמין, וואו יאשע קאלב, דער „שד", אנטלויפט פון די מענטשן), א זאץ, וואס האט אבסאלוט קיין שום ווארצלען נישט אין גאנצן גאנג פון ראמאן, א זאץ, וואס איז פונקט אזוי פוסט אין זיין כלומרשטער טיפזיניקייט, ווי ביליק־סענטימענטאל אין זיין כלומרשטער פאעזיע. דאס איז די פאעזיע פון א בריוונשטעלער, וואו פאעטישע, פאר־טרוימטע זאצן שווימען נישט ארויס אויף עכטע לירישע כוואליעס, נאר זיי ווערן אריינגעשטעלט מיט דער אויסרעכנונג צו פאנגען די הערצער פון נאאיווע דינסט־מיידלעך און קליינ־שטעטלדיקע חתן־כלה.

שונד איז, ווי געזאגט, נישט נאר אן ענין פון ווייבער: פאראן אפילו אזא זאך ווי סאציאלער שונד. דאס זעט מען

בולט פון דער מעשה מיט דער אַלמנה פון „יאָשע קאַלב".

עס שטאַרבט אַ קינד פון אַ אַלמנה (דער טויט פון קינד איז וואונדערבאַר געשילדערט, נישט אמת, איר אַנט־ציקטע קריטיקער?), און חברה־קדישא וויל עס נישט באַגראָבן, ווייל עס איז נאָך שושן־פּורים און מען איז שיכור. מאַכט די אַלמנה אַליין די לוויה. אויף צוריקוועגס פון בית־עולם „האָט זי ביידע דאַרע הענט פון איר שוואַרצן צעריסענעם שאַל אויפ־געהויבן אין דער הויך צו דער שטאָט און זי פאַרשאָלטן:

„סדום — האָט זי געזאָגט און געשאָקלט מיט ביידע הענט — עס זאָל דיך נישט מיידן. ר'זאָלט פּילן, שלעכטע מענטשן, מיין ווייטיק, פאַר דער חרפה פון אַן אָרעמער אַלמנה". און פאַרשטייט זיך: „פון די אָרעמע זאַמדן האָט עס זיך איבערגעטראָגן אין שטאָט".

דאָס איז שונד שבשונד. יעדער אַרט מאַטעריאַל, וואָס ווערט אויסגענוצט צוליב ביליקע מאָטיוון, אָן זעלבסטוועהט, אָן קינסטלערישער פאַרטיפונג און וואַרעמקייט, — איז שונד.

אויף אַלץ אין בוך ליגט דער שטעמפּל פון ביליקייט. די סביבה־שילדערונגען שפּילן אין „יאָשע קאַלב" אַ גרויסע ראָל. אָבער אויך זיי זענען ביליק. זיי זענען אַ מין בעלעטרים־טישער רעפּאָרטאַזש. למשל, ווען איר לייענט די באַשרייבונג פון אַ חתונה, זעט איר בחוש, אַז דער מחבר האָט געלייענט די בעסטע מוסטערן פון יידישע חתונה־באַשרייבונגען און אַלץ, וואָס איז שטייגעריש־בונט, האָט ער איבערדערציילט. דערביי פאַרמאָגן נישט די דאַזיקע, פון ריין־שריפטשטעלערישן שטאַנדפּונקט, נישקשהדיקע שטעלן קיין איין ניצוץ פון טי־פערער פערזענלעכער שאַפונג: אַלץ איז דאָ קאַלטע זשורנאַ־ליסטישע אַרבעט. ביליק איז יאָשעס פרומקייט, ביליק איז נחומס פאַרהער ביים רב: „כ'בין אַ שטיין (?) — האָט יאָשע געזאָגט". ביליק איז צביהס „בזל־טוב", „פאַרוואָס דו נישט עסט", ביליק איז אויך צביהס אויסגעמענטשלטקייט (!?) דער־נאָך, ווען זי פירט דעם שונדיש־ביליקן קאַמף מיט סערעלען פאַר יאָשע קאַלב.

ביליק איז לסוף אויך די שפּראַך פון יאָשע קאַלב, דער סטיל זיינער. צביה וויל פאַרגוואַלטיקן יאָשע קאַלב, פּונקט ווי

פּוטיפרע יוסף הצדיק, און האָט דעם זעלבן סוף. גייט זי אַוועק און וויינט. שילדערט זינגער: „ווען זי גייט איבער אין היילן, דערמאָנט זי אין היילן פון אַלטע הינט, וואָס יינגערע פאַרטרייבן זיי פון אַ צוויג אין אַ רעגנדיקער נאַכט פון סוף ווינטער". וויפיל שונד עס איז דאָ אין דאָזיקן „בילד", אין זיין שונדישער צוגעטראַכטקייט. ס'איז אים ווינציק דאָס בילד גופא, מוז דאָס נאָך זיין פונקט אין אַ רעגנדיקער נאַכט פון סוף ווינטער. עס פעלט בלויז די געניויע דאַטע און שעה.

„...דעם גאַנצן האָריקן פלייישיקן קערפּער זיינעם, וואָס פילט זיך מיט שאַרפע ריחות פון שוויים, מקווה, ציגאַרן־רויך, רצועות, מילכיק געבעקס און מעד".

נישט אמת, דער לייענער דערשפּירט ממש דעם ריח... פון רייד. דער ווערט פון אַזעלכע שילדערונגען ליגט אין אַרויסרופן ביים לייענער דעם סוגעסטיוון געפיל פון ריח. אָבער זינגער פלוידערט אָן אַזוי פיל, אַז מיר פילן בלויז די שוויים פון זיינע רייד. מיטן זעלבן רעכט האָט ער געקאָנט אויסרעכענען נאָך טויזנט זאַכן.

און דער עיקר: אַ ווערק, בפרט אַזאַ „גרויס" ווערק מוז דאָך האָבן אַן אינהאַלט, אַן אידיי, אַ פּראָבלעם, אַ צענטראַלן רוקן־ביין. וואו איז דאָס דאָ אין „יאָשע קאַלב"?

אַז אהרן צייטלין געפינט אין „יאָשע קאַלב" טיפע מעטאַפיזיק און נאָך אַזעלכע זאַכן, איז אַ ענין ווענן וועלכן עס וועט לוינען אַ רעד צו טון באַזונדער. אָבער ווי אַזוי ערנסטע מענטשן קאָנען זען אין דאָזיקן ווערק פּאָזיטיווע מאָמענטן (קאַמף מיטן דעגענערירטן חסידיזם) אָדער קינסטלערישע מעלות (ניגער, למשל, האָט אויך געשריבן אַן ערנסטע גוטע אָפּשאַצונג וועגן דאָזיקן ווערק) איז די געהיימניש פון אונזער ליטעראַרישן וועלט. באַזונדערס בולט ווערט די אינערלעכע פוסטקייט פון „יאָשע קאַלב" ביים סוף פון בוך. די גאַנצע צייט קאָן מען נאָך אפשר האָפן, אַז דער זין פון בוך וועט זיך נאָך אַנטפּלעקן. אָבער ווען מיר קומען צו דער אַרכי־זינגלאָזער סצענע פון גרויסן משפּט איבער יאָשע קאַלב — פּלאַצט די לעצטע האָפנונג. אדרבה, דער סוף מאַכט באַזונדערס בולט

דעם גאַנצן מעכאַניזם פון „יאָשע קאַלב", וואָס איז געבויט פון אויסערלעך־קאָמבינירטע סענסאַציאָנעלע שטאָפן.

אויב יאָשע קאַלב האָט זיך אומגעקערט קיין ניעשאַווע, איז דאָך אַ סימן, אַז זיין תשובה־צייט איז פאַרענדיקט. אַנישט, האָט ער דאָך פון צביהן געקאָנט אַנטלויפן אין דער גרויסער וועלט, פונקט ווי ער איז אַנטלאָפן פון ניעשאַווע. (אגב, האָט ער דאָך געקאָנט אַנטלויפן פאַר דער חופּה־נאַכט. פעלן דען אין „יאָשע קאַלב" חופּה־נעכט?) טאָ פאַרוואָס דערקלערט ער נישט פאַרן בית־דין, ווי אַזוי יאָשע קאַלב און נחומטשע זענען איין פּערזאָן? און פאַרוואָס זענען די אַלע זיבעציק רבנים, פון וועלכע זינגער האַלט אַזוי שטאַרק אין זיין ראָמאַן, — פאַרוואָס זענען זיי אַזעלכע אידיאָטן, אַז זיי כאַפּן זיך גאָרנישט אויף דער פּשוטער דערקלערונג, אַז אַזאַ מקובל ווי נחומטשע האָט אָפּגעריכט גלות און איז געווען אַ יאָשע קאַלב, אַ תם, וועלכער האָט פאַרבאָרגן זיין אָפּשטאַם און זיין לומדות?

אָבער צום בעסטן איז דער סוף פון דער דאָזיקער סצענע: דער ליזשאַנער דערקלערט יאָשע קאַלבן אַלס גלגול, אַלס שד, און אַלס אַזאַ גייט ער אַוועק איבער דער וועלט. וואָלט דער ליזשאַנער געווען גערעכט, ד. ה. ווען זינגער וואָלט טאַקע געוואָלט שילדערן יאָשען אַלס גלגול (מאַלע אין וואָס אַ שרייבער קאָן גלויבן), וואָלט די גאַנצע מעשה מיט יאָשע קאַלב געהאַט אַ זין: דער סוף וואָלט באַרעכטיקט די גאַנצע מעשה. אָבער דאָס איז דאָך אפילו אויף זינגערן שווער צו גלויבן. אין דאָזיקן פאַל קאָן נאָך די דאָזיקע סצענע האָבן אַ זין, ווען זי וואָלט געוואָרן אַ סאַטירע אויף דער אָרטאָדאָקסיע, אין דער געשטאַלט פון שאַרף־מוחדיקן ליזשאַנער. זענען אָבער יאָשע־נחומטשעס האַלטונג און ווערטער צו ערנסט (הגם מיר מוזן לאַכן פון זיי) געשילדערט. זינגער נעמט עס אפילו אַזוי ערנסט, אַז ער פאַרענדיקט מיט די אויבנדערמאָנטע ליריש־פּאַטעטישע ווערטער: „און די לבנה האָט אים באַלויכטן און באַוואַכט".

אָט אַזאַ נישטיק, פוסט ווערק, אַן אויפגעשלאָגענע מידלענע, האָט מען ביי אונז דערהויבן אויף אונזער פאַרנאַס. אָרעמער פאַרנאַס אונזערער!

וואַרשע, 1937.

3) צווישן צוויי עקסטרעמען

קיין איין יידיש בוך האָט פאַר דער לעצטער צייט נישט אַרויסגערופן אַזאַ שטרייט פון קעגנזעצלעכע מיינונגען, ווי זינגערס „יאָשע קאַלב". דאָס בוך האָט אַרויסגערופן נישט ווייניקער שאַרפע קריטיק, ווי באַגייסטערטע אָפּרופן. דערביי איז יעדער צד חושד דעם צווייטן אין אומאויפריכטיקייט. די חסידים פון „יאָשע קאַלב" וואַרפן פאַר די מתנגדים, אַז זייער שאַרפע קריטיק איז נישט לשמה: זי איז אַ רעזולטאַט פון קנאה. די מתנגדים ווידער וואַרפן פאַר די חסידים, אַז זיי זענען געפאַלן כורעים פאַרן דערפאָלג, פאַר אב. קאַהאַן. וועגן „יאָשע קאַלב" האָבן די לייענער פון „פרייען וואָרט" געהאַט אַ באַזונדערע רעצענזיע. וועגן דעם טומל אַרום „יאָשע קאַלב" בכלל האָב איך ערגעץ אַנדערש געשריבן. איך וויל בלויז, אויפן ראַנד פון צוויי קעגנזעצלעכע מיינונגען וועגן „יאָשע קאַלב", אָנווייזן אויף צוויי מינים פאַרקריפלונגען, וואָס ליגן אַרויף אַלץ אַ טיפערן שטעמפּל אויפן יידישן געדרוקטן וואָרט. עס גייט מיר נישט אין קריטיקירן די קעגנזעצלעכע רעצענזיעס אַלס אַזעלכע — עס גייט מיר אין אויפדעקן דורך זייער הילף דערשיינונגען, וואָס דאַרפן געשטעמפּלט ווערן.

* * *

ס'טרעפט, אַז איינער קומט מאָנען ירושה. זיינע טענות זענען גערעכטע. מען וויל אים שוין אָנערקענען די ירושה. אָבער מיטאַמאָל שטעלט זיך אַרויס, אַז זיינע טענות זענען טאַקע גערעכטע, אָבער ער שטעלט זיי אין אַ פרעמדן נאָמען: נישט ער איז דער בעל־דבר פון די גערעכטע פאָדערונגען. ער איז אַן אוזורפּאַטאָר פון אַ פרעמדן נאָמען און במילא — פרעמדע טענות, הגם זייער גערעכטע. די ירושה מוז נאָך וואַרטן אויפן אמתן יורש.

עפּעס ענלעכס האָט געטראָפן און טרעפט יעדן טאָג מיט אהרן צייטלין. לייענט מען זיינע אַרטיקלען און בריוו צו ניגערן אין זיין זשורנאַל „גלאָבוס", וואָס דערשיינט אין וואַרשע, טרעפט מען צווישן באַרימעריי און גרויסקייט־מאַניע גאַנץ ריכטיקע און אַפילו טיפע געדאַנקען. אָבער איין קליינקייט:

ער מאָנט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה אין אַ פרעמדן נאָמען: ער איז נישט דער יורש.

קיין באַווייזן פאַרן דאָזיקן אמת פעלן נישט. סיי דער אינהאַלט פון זיינע דיכטערישע ווערק, סיי די סתירה צווישן זיין פריידיקן און האַנדלען זעגען מעכטיקע זיילן, וואָס האַלטן אונטער די אויבנגעבראַכטע טעזע. אָבער אַ באַזונדערס שלאַגנדיקן באַווייז איז זיין רעצענזיע וועגן „יאָשע קאַלב", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין איינעם פון די נומערן „גלאָבוס".

אהרן צייטלין דערקלערט פייערלעך, אַז אַנדערש ווי מעטאַפיזיש קאָן ער נישט צוטרעטן צו קיין שום זאַך. ממילא — אויך צו „יאָשע קאַלב". און ער טייטשט אין אים אַריין די גאַנצע אידעאַליסטישע פילאָזאָפיע; ער זעט אין אים דעם העכסטן אויסדרוק פון רעליגיעזיטעט; יאָשע קאַלב פאַרקערפּערט, לויט אים, דעם טיפּסטן שיקזאַל פון מענטשן. אין אַ בריוו צו ניגערן חזרט ער דאָס איבער: „זינגערס ראָמאַן אַפּעלירט צום רעליגיעזן אינסטינקט"... „דער הייליקער אַנטלאָפענער... קומט צוריק און ברענגט דעם אָטעם פון אַ ווירקלעכקייט אַן אַנדערער"...

מען שטוינט: אַ מענטש האַלט אין איין פאַרזיכערן, אַז ער איז דער דיכטער פון רעליגיעזן געפיל, אַז ער איז דער מאַרטירער אין קאַמף פאַר הייליקן אונזער פאַרמאַטעריאַליזירטן לעבן — און דער דאָזיקער מענטש קאָן מיט אַזאַ לייכטקייט אידענטיפיצירן די דאָזיקע רעליגיעזיטעט מיט אַזאַ גאָרנישט, ווי יאָשע קאַלב, מיט אַזאַ זנותיק בוך, ווי „יאָשע קאַלב"? ניין, אַ מענטש, וואָס פילט באמת דעם עכטן רעליגיעזן ציטער פנים אל פנים מיט דער וועלט, מיטן מענטשן, מיטן גורל פון קאָלעקטיוו און פון יחיד, — אַזאַ מענטש וועט מער פאַר אַלץ אָפּהיטן — אינסטינקטיוו! — דעם געבאָט „לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא". אַריינטייטשן אין „יאָשע קאַלב" דאָס טיפסטע און הייליקסטע קאָן נאָר אַ מענטש, ביי וועמען דער גאַנצער ענין פון דאָס הייליקסטע איז אַ זאַך פון אויסגערעכנטקייט, פון אַ מין מעטאַפיזישן סנאָביזם. אַזאַ איינעם איז אַלץ איינס ביי וואָסער געלעגנהייט: אַבי ער שטעלט זיך אַרויס אין אַ פּאָזע פון אַ פאַרהימלטן. אפשר וועלן זיך געפינען

פּיליסטערס, וואָס וועלן פאַרגלאָצן אויף אים די אויגן: אַ טיפער מענטש, דער אהרן צייטלין, אפילו אין אַזאַ זומפּ, ווי „יאָשע קאַלב״, געפינט ער דאָס העכסטע, זיין מעטאַפיזיש־רעליגיעז־מיסטישע וועלט־אַנשויאונג.

איך זאָג אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט: מעטאַפיזישע אַקראָבאַטיק. דאָרט וואו עס הערשט אַ ז אַ סתירה צווישן וואָרט און טאַט, דאָרט וואו עס הערשט אַ ז אַ אומאויסקלייבערישקייט פון פריידיק־מיטלען, — דאָרט שטימט עפּעס נישט אין וואָרט — די טאַט איז תמיד אין הסכם מיטן מענטשן.

און ווייל דאָס וואָרט וואַקסט נישט אַרויס ביי אונז פונם מענטשנס אינערלעכן קערן, ברענגען דעריבער אַזעלכע רעזול־טאַטן סיי אונזערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען, סיי אונזערע רעליגיעז־מיסטישע, מעטאַפיזיש־מאָראַלישע פריידיקער, ווי אהרן צייטלין.

* * *

און איצט צום צווייטן עקסטרעם.

די עקסטרעם־לינקע זענען געפאַנגענע פון טויטע דאָגמעס. זיי, די פריי־גייסטער, זענען הונדערט־פּראָצענטיק סעקטאַנטיש. אין דער פּאָליטיק איז דאָס שוין טויזנט מאָל דערוויזן געוואָרן. אין דער קולטור־טעטיקייט — ווייניקער. ווייל איך טאַקע אָנ־ווייזן אויף דער דאָזיקער מעלה ביי דער געלעגנהייט פון אַ רעצענזיע וועגן „יאָשע קאַלב״, געדרוקט אין דער „טריבונע״, וואָס דערשיינט אין דער פּוילישער שטאָט טשענסטאָכאָוו.

דער „טריבונע״ איז ווייניק אָנצואווייזן ריכטיק אויף דער שונדישקייט פון „יאָשע קאַלב״. זיי טרעטן אַרויס קעגן דאָ־זיקן „פּאַרוועריטס״־ראָמאַן מיט דער שווערסטער אַרטילעריע פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק.

די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק, ווי מען רופט זי אָן, און וועלכע וואָלט מיט רעכט געדאַרפט אָנגערופן ווערן די סאָציאָלאָגישע ליטעראַטור־קריטיק, האָט אין זיך אַ סך ריכ־טיקעס, ווען מען ווענדט זי אָן נישט מעכאַניש. ד. ה. זי פאַ־דערט דאָס, וואָס עס האָבן נויטיק אַלע גייסטיקע טעאָריעס: אַ וואַכזאַם, קאָנטראָלירנדיק אויג פון קריטישן, געזונטן מענטשן־

פאַרשטאַנד. גיט מען זיך אָפּ דעם דאָזיקן מעטאָד פון ליטע־ראַרישער קריטיק אָן שום באַוואָרעניש, אָן שום קאָנטראָל, — פאַרקריכט מען צו אַזעלכע רעצענזיעס ווי וועגן „יאָשע קאַלב" אין נומער 9 „טריבונע". הערט מיט וואָס „יאָשע קאַלב" שמעקט:

„די פילאָזאָפיע פון שרעק איז היינט צו טאָג דער הערשנ־דיקער סיסטעם אין דער בורזשואַזער פילאָזאָפיע. די דאָזיקע דערשיינונג איז אַ פאַרשטענדלעכע: עס רעדט דורך איר דער אומגעהייערער שרעק פון דער בורזשואַזיע פאַר דעם אומקום פון איר קלאַסן־הערשאַפט"... „אין אָנבליק פון דעם געהיימניס־פולן און מיסטישן הערט אויף צו געוועלטיקן די מאַכט פון דער לאָגיק; פאַרן מענטשן בלייבט איין אויסוועג — דער קאָנטאַקט מיט גאָט!" און אָט דעם דאָזיקן „קאָנטאַקט" זוכט אויך זינגער אין „יאָשע קאַלב".

ווי איר זעט, טרעפן זיך די עקסטרעמען: אויך די „טרי־בונע" איז מסכּים מיט אהרן צייטלינען, אַז „יאָשע קאַלב" איז אַ גאָט־זוכנדיק ווערק. בלויז אין די צילן צעשיידן זיי זיך: אהרן צייטלין טייטשט אַריין, כּדי צו קאָנען באַווייזן וואָס ע ר איז; די „טריבונע" טייטשט אַריין, כּדי צו קאָנען אויס־שיסן מיט אירע אָנגעגרייטע גרויס־קאַליבּערדיקע האַרמאַטן.

ווייטער:

„זינגער זעצט איבער אויף אַ ,קינסטלערישן' לשון אַ צווייטן סיסטעם פון דער היינטיקער הילפלאָזער בורזשואַזער פילאָזאָפיע — די אַזוי גערופענע ענטראָפּיע־פילאָזאָפיע, וועל־כע פּריידיקט פּאַסיווקייט אין אָנבליק פון פּאַטום. אין דער הינזיכט האָט זינגער געמאַכט אַ טריט פאָראויס... צום אָפּע־נעם פּאַשיזם"... ער הייסט יאָשען „ליידן און שווייגן, כּדי ער זאָל זיך אַריינגיסן אין אין־סוף, — אין נירוואַנאַ"...

איר פאַרשטייט? זינגער, ווייזט זיך אַרויס, איז אַ גע־וואַלטיקער קינסטלער: ער האָט נאָר איבערגעזעצט אין אַ קינסטלערישן לשון די גאַנצע מאָדערנע פילאָזאָפיע, אַלץ איז ביי אים צילבאַוואוסט. אַבי מיר, עם הארצים, האָבן געמיינט, אַז „יאָשע קאַלב" איז געשריבן פון האַנט צום מויל, ד. ה.

דירעקט פאַרן „פאָרווערטס”, ווי עס האָט זיך געלאָזן. אַבי־מיר האָבן געמיינט, אַז נחומטשע שווייגט, ווייל זינגער האָט נישט געוואוסט, וואָס אים לאָזן רעדן. פאַר זינגערן איז נויטיק געווען די אויסערלעכע דעקאָראַציע פון יאָשע קאַלב־נחומטשעס לעבן: די חופה־נאַכט, מלכהלע, צביה, יאָשע־קאַלבישקייט, אָבער קאָנען אַריינדרינגען אין דער נשמה פון אַזאַ מענטשן איז נישט ער קאָן און נישט דאָס איז אים אָנגעגאַנגען. מוז ער אים לאָזן שווייגן, וואָרים דער גרעסטער נאַר, אַז ער שווייגט, זעט ער אויס ווי אַ חכם. און ער האָט טאַקע אָפּגענאַרט סיי די „טריבונע”, סיי דעם „גלאָבוס”.

אויב אהרן צייטלין האָט אין זיין רעצענזיע פּראָפּאַנירט דעם רעליגיעזן געפיל, האָט זיך די „טריבונע” געמאַכט לע־כערלעך: אַריינגעטייטשט אין „יאָשע קאַלב” אַ קינסטלערישן צוועק, פאַרקערפּערט אין אים די גאַנצע מאָדערנע פילאָ־זאָפיע...

אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניק דער „טריבונע”. דאָס ישיבה־בחורישע דרייען מיטן גראָבן פינגער האָט געפאָדערט נאָך מער. הערט און שטוינט:

„דער אַקטיוו־דינאַמישער טאָן פון יאָשע־קאַלב־סטיל דריקט אויס דאָס אַגרעסיווע פון דער יידישער פאַשיסטישער בורזשואַזיע, וועלכע הערט אַליין מער אויף צו רעדן מיט דער לאַקריץ־זיסער אידיליע־שפּראַך, מיט דער שפּראַך פון ‚קום, מיין פריינט’, און גייט אַריבער צום אָפענעם פאַשיסטישן, ברו־טאַלן לעקסיקאָן”.

אַזעלכע קלויזניקעס האָבן שוין לאַנג נישט געבאַלעבאַ־טעוועט אין דער יידישער ליטעראַטור! איר פאַרשטייט: מיטן אינהאַלט איז „יאָשע קאַלב” איבערגעגאַנגען צום אָפענעם פאַשיזם דורך פריידיקן פּאַסיוויטעט, און מיטן סטיל איז „יאָשע קאַלב” איבערגעגאַנגען צום אָפענעם פאַשיזם דורך זיין אַקטיוון און ברוטאַלן טאָן. די גרעסטע פאָרמאַליסטן האָבן נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ פאַנאַנדערטייל צווישן אינ־האַלט און סטיל. זאָגן אויף אַזאַ זאַך, אַז דאָס איז פּלוידעריי — איז אַ צו גרויסער כבוד פאַר אים. די מענטשן דענקען

נישט, טראַכטן נישט מיטן קאָפּ, נאָר לויט אַ ליטעראַר־מעטאָ־דאָלאָגישן שולחן־ערוך.

און איצט נאָך עפּעס צולעצט.

„און שוין־זשע איז אַ וואונדער, וואָס זינגער איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן דעם פּסיכישן אינהאַלט און דעם פּאַרלויף פון אַזאַ געפיל, למשל, ווי בענקשאַפט? אַנשטאָט צו ווייזן, ווי אַזוי זיינע העלדן רעאַגירן פּסיכיש, וואָס זיי לעבן אַדורך, קומט אָפּ זינגער מיט הוילע סענטימענטאַלע ווערטער: ,ער בענקט נאָך איר', ,ער גאַרט נאָך איר', ,ער גייט אויס'. איבעריקנס, איז עס נישט בלויז ביי זינגערן; די זעלבע פּסי־כאָלאָגישע אָנמאַכטס אין אָנבליק פון שילדערן אינערלעכע איבערלעבונגען פון מענטש באַמערקט זיך ביי אַשן, אָפּאַטאָשון, — שוין אָפּגערעדט פון סעגאַלאָוויטשן — ביי כמעט אַלע ,קאָריפייען' פון דער היינטיקער בורזשואַזער ליטעראַ־טור".

פאַרוואָס? ווייל „אין פּעריאָד פון קאַפּיטאַליסטישער ירידה מוזן די בורזשואַזע קינסטלער פעלשן די ווירקלעכקייט, שילדערן זי ראָמאַנטיש, מיסטיש, סטיליזירט"...

און זיי מיינען דערביי, די קריטיקער פון דער „טריבונע", אַז זיי מאַכן מאַרקסיסטישע קריטיק.

זיי האָבן גענומען אַ ריכטיקן געדאַנק, אַז דער גאַנץ־פּעריאָד פון רעאַליזם איז געווען די אויפשוואונג־תקופה פון קאַפּיטאַליזם, דאַן ווען די וועלט איז געלעגן פאַרן קאַפּיטאַליזם ווי אַ אָפּטימיסטישער רויב, ווען ער האָט געקאָנט קוקן דעם לעבן אָפן אין פּנים, ווייל אומעטום האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין קראַפט און האָפנונג. אָבער וואָס האָט דאָס צו טון מיט קענען איבערגעבן דעם פּסיכאָלאָגישן געפיל פון בענקשאַפט? פאַרוואָס קאָן דער קינסטלער פון דער ירידה־תקופה פון קאַפּיטאַליזם נישט שילדערן ריכטיק דעם געפיל פון ראָמאַנטישער בענק־שאַפט? דאָס איז דאָך נישט דאָס ברייטע ווירקלעכע לעבן, וועלכעס ווערט געמיינט. אפשר קאָן דאָס פשוט נישט זינגער? אָט זעען מיר דאָך, אַז פאַראַן היינט אַ סך גאַנץ מיטלמעסיקע אייראָפּעאישע קינסטלער, וואָס גיבן זיך יאָ אַן עצה מיט ריכ־

טיק שילדערן דעם פּסיכאָלאָגישן געפיל פון בענקשאַפט. און די איירָאָפּעאישע קינסטלער מוזן דאָך נאָך מער פעלשן דאָס לעבן — און זיי טוען דאָס טאַקע, — טאָ פאַרוואָס קאָנען זיי יאָ איבערגעבן, ווי אַזוי זייערע העלדן רעאַגירן פּסיכיש?

אָבער דאַן ווען מענטשן טראַכטן נישט, נאָר אַרבעטן ווי אויטאָמאַטן לויט פאַרטיקע פאָרמולעס — קאָן קיין אַנדער רעזולטאַט נישט זיין, ווי אַזעלכע אָפּשאַצונגען. די „לינקע" ליטעראַטור־קריטיק דאַרף זיך נישט שעמען פאַר זייערע פּאָלי־טישע לייט־אַרטיקלען.

וואַרשע, 1937.

וועגן אַלגעמיינע ליטעראַרישע ענינים

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס לעבנס־פילאָזאָפיע און דיכטונג

ווען עס האָבן זיך באַוויזן אין די צייטונגען די עטלעכע שורות וועגן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס טויט, אין דער ערשטער העלפט אויגוסט, 1941, איז מיין ערשטע רעאַקציע געווען גרענעצלאָזע דערשטוינונג: עקזיסטירט נאָך אין אונזער וועלט אַזאַ זאַך ווי טאַגאָר, געדענקט מען נאָך אין דעם?!

די וועלט, וואָס טאַגאָר רעפּרעזענטירט מיט זיך, איז זייט דריי יאָר אָפּגערוקט אויפן סאַמע הינטערגרונט, פאַרשטויסן, פאַרגעסן, נישט צייט־מעסיק. און אָט קומט די קורצע ידיעה וועגן דער דאָזיקער וועלט, דורכגעשמוגלט אין די צייטונגען אונטערן שוואַרצן צורעק פון טויט, און זי ברענגט די לע־בעדיקע בשורה, אַז, הגם פאַרגעסן, איז זי דאָך רעאַל.

ווי גרויס עס איז די קראַפט פון סוגעסטיווע אַסאָציאַציעס! אין די פאַנטאַסטישע קינדער־מעשיות ווערט דערציילט, אַז ווען דאָס קינד גיט אַ דריק אויפן ריכטיקן פּונקט פון אַ וואַנט אָדער אַ שטיין, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַ וואונדערבאַרער פּאַלאַץ. דער דאָזיקער וואונדערבאַרער פּונקט איז תמיד אַ סוגעסטיווע אַסאָציאַציע: איר רירט זי אָן און עס שפּרינגט אַרויס פאַר אייך אַ וואונדערבאַרער פּאַלאַץ. עס איז גענוג גע־ווען, דאָס אויג זאָל פאַלן אויף דעם מוזיקאַלישן נאָמען „ראַ־בינדראַנאַט טאַגאָר", און עס זאָל אַ ווייע טון מיט יענעם שאַרפן, פאַרשיכורנדיקן אַראָמאַט, וואָס הייסט אויף דער אָרעמער מענטשלעכער שפּראַך „דיכטונג", און וואָס גיט אָן אייביקן זין דעם זינלאָזן מענטשלעכן לעבן; וואָס פאַרוואַנדלט דעם קוים פאַרהיימישטן „האָמאָ סאַפּיענס" אין אַ מ ע נ ט ש ן.

זיין טויט האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער וועלט, ז אָ ל ז י י ן א ו י ף א י י ן מ אָ מ ע נ ט, דאָס ווערטפולע און אייביקע, וואָס זיין לעבן האָט אונז געגעבן אין אַזאַ גרויסער שפע.

* * *

פאַראַן שרייבער, וואָס די סוגעסטיווע קראַפט פון זייער וואָרט איז אַזוי שטאַרק, אַז איר קומט אין אינטימען קאָנטאַקט נישט נאָר מיט די עטלעכע העלדן און געדאַנקען פון זייערע שריפטן, נישט נאָר מיט די קאָנקרעטע שטימונגען פון זייערע לי־דער, נאָר מיט זייער גאַנצן פאָלק און לאַנד: ס'דאַכט זיך אייך, אַז איר זעט און שמעקט ממש די לאַנדשאַפט פון זייערע לענ־דער, אַז איר שפּירט די אינטימסטע געדאַנקען און געפילן פון זייער פאָלק. נישט אַלע גרויסע שרייבער אפילו פאַרמאָגן די דאָזיקע סוגעסטיווע קראַפט אין דער זעלבער מאָס. צו די גרעסטע פון די דאָזיקע וואָרט־צויבערער געהערן דער נאָרוועג־ניער ביערנסטערנע ביערנסאָן און דער אינדוס ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין נאָרוועגיע, אָבער ביים לייענען ביערנסאָנס דערציילונגען בין איך איבערצייגט, אַז איך קען דאָס לאַנד און דאָס פאָלק ביז די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, ביז די אינטימסטע שפּירונגען. נישט דערפאַר, ווייל זיי גיבן אַלץ מיט די גענויסטע פּרטים — דאָס געהער נישט צו די מיטלען פון סוגעסטיוון אַרט שרייבן, — נאָר דערפאַר ווייל זיי געפינען דעם געהיימען פּונקט, וואָס אַז מען רירט אים אָן, אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך דער פּאַלאַץ.

דאָס זעלבע איז מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס שאַפן.

דער נאָבעל־פּרייז פאַר ליטעראַטור איז אפשר בלויז איין מאָל געוואָרן אַ קולטור־פאַקטאָר פון גרויסן פאַרנעם: דאַן, ווען ער איז צוגעטיילט געוואָרן טאַגאָרן; און אַ דאַנק דעם אינטערעס פאַרן אומבאַקאַנטן שרייבער, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר ברייטע מאַסן לייענער די נשמה פון אַ גרויס קולטור־פאָלק; ווייל לייענט מען טאַגאָרן, דרינגט מען אריין אינטים אין דער נשמה פון אינדישן פאָלק, אין זיין מענטאַליטעט. דאָס דאָזיקע פרעמדע גרויסע קולטור־פאָלק ווערט נאָענט, באַ־גרייפלעך. די ראָמאַנטיקער אין דייטשלאַנד האָבן אַנטפּלעקט אינדיע פאַר דיכטער און פילאָזאָפן, — די באַקאַנטשאַפט מיט טאַגאָרן האָט אַנטפּלעקט אינדיע פאַרן קולטור־מענטשן פון דער גאַנצער וועלט.

יעדער גרויסער דיכטער איז די צונג פון זיין פאָלק —

די צונג, אַ דאַנק וועלכער דאָס פאָלק באַקומט לשון און רעדט צו דער וועלט אינם כאָר פון דער מענטשהייט. אָבער כדי מען זאָל דאָס פילן און פאַרשטיין, מוזן קומען אינטערפּרעטאַטאָרן און אויסטייטשן דעם דיכטערס סימבאָלן, דעם דיכטערס שפּראַך; ביי טאַגאָרן הערט איר גלייך די שטים פון פאָלק.

איז דען מעגלעך צו לייענען די לידער פון זיינע זאַמלונגען „קרבן־לידער" און „דער גערטנער", און נישט דערקענען ביז אין די דינסטע ניואַנסן דעם וועלט־ און לעבנס־געפיל פון דעם אינדוס אין זיינע העכסטע מאָמענטן? און נאָר אַזעלכע מאָמענטן שפּילן דאָך אַ ראָליע ביים אָפּשאַצן די קולטור סיי פון אַ פאָלק, סיי פון יחיד, ווייל זיי זענען די בלום פון לעבן, די דערפילונג, דער זין.

* * *

טאַגאָר האָט געשאַפן אין פאַרשידנאַרטיקסטע זשאַנרען: לידער, דראַמעס, דערציילונגען, ראָמאַנען, עסייען, אָבער הגם נישט אַלץ דערגרייכט די זעלבע הויך פון שאַפן, איז ער אָבער אומעטום דיכטער־פילאָזאָף, — פאַרבינדנדיק אין וואונדערבאַרער האַרמאָניע די עלעמענטן פון דיכטער און דענקער: זיין געדאַנק איז נישט ווייניקער פּלאַסטיש ווי זיין געפיל, און אויב אין יעדן געפיל זיינעם זעט איר דעם בליץ פון געדאַנק, פילט איר אויך אין יעדן געדאַנק זיינעם דעם פולס פון געפיל.

ווי גרויס טאַגאָר איז אַלס דיכטער, קאָן מען שוין זען פון דעם, וואָס זיינע לידער, באַרויבט פון גראַם און ריטם, איבערגעזעצט כמעט אין אַלע שפּראַכן פון דער מחברשער פּראָזע־איבערזעצונג פון ענגליש, האָבן דאָך נישט פאַרלוירן זייער דיכטערישע מעלה פון סוגערירנדיקער קראַפט.

דער רוסישער קריטיקער פּיסאַרעוו האָט אַמאָל געזאָגט:

אויב איר ווילט וויסן, צי אַ געדיכט איז דיכטונג, איבערזעצט עס אין פּראָזע. אויב אָן גראַם און ריטם האָט עס נאָך וואָס צו זאָגן, איז דאָס געדיכט דיכטונג.

הגם אַן גרויסע באַוואָרענישן קאָן מען פּיסאַרעווס מיינונג בכלל נישט אָננעמען, ווערט זי אָבער אין טאַגאָרס פאַל פולשטענדיק באַשטעטיקט: אפילו אין די איבערזעצונגען האָט

זי אונז וואָס צו זאָגן, איז זי פול מיט חן און מיט דער ווארעמקייט פון עכטער דיכטונג.

אָבער ווי ליב איך זאָל נישט האָבן טאַגאָרס לידער, טאַגאָרס עסייען (באַזונדערס זיינע וואונדערבאַרע ביכער „דער לעבנס־וועג" און „נאַציאָנאַליזם"), איז טאַגאָרס גרויסקייט באַזונדערס צו דערקענען אין זיינע דערציילונגען.

עס איז אַ סך לייכטער צו זיין אויף דער מענטשלעכער הויך אין גרויסע לעבנס־מאָמענטן, ווי אין טאָג־טעגלעכן לעבן; מען קאָן ארויסווייזן קראַפט פון כאַראַקטער און טיפע מענטשלעכקייט אין אַן אויסנאַם־מאָמענט און אין טאָג־טעגלעכן, גרויען לעבן זיין אַ קליין נישטיק מענטשל; אָבער דער, וואָס איז טיף־מענטשלעך און כאַראַקטער־פעסט אין טעגלעכן לעבן, איז אַ מענטש אויך אין אויסנאַם־מאָמענטן פון זיין לעבן. און דעריבער זענען אַזוי רירנדיק און דערהויבן טאַגאָרס דערציילונגען. זיינע „קרבן־לידער", זיין „גערטנער" און זיין „נאַציאָנאַליזם" זענען דער קלימאַקס פון דיכטערישער אינספּיראַציע, אויסנאַם־מאָמענט. אָבער נאָר דער, וואָס קאָן אַזוי זען און אויפנעמען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, ווי טאַגאָר נעמט עס אויף אין זיינע דערציילונגען, איז באמת גרויס, איז אַ דיכטער און אַ מענטש נישט נאָר אין יום־טוב־טעג, נאָר אויך אין דער וואָכן.

אויב אין די „קרבן־לידער" און אין „גערטנער" קומט צום אויסדרוק די אינדוסישע פאָלקס־נשמה אין אַן עסענץ־פאָרם, אַ קאָנצענטרירטער ביז דער העכסטער מדרגה, ביז קאָפּ־שווינדלדיקער שאַרפקייט, שפּירט איר אין די דערציילונגען דעם זעלבן ריח אין זיין רעאַלער טאָג־טעגלעכער דאַזירונג און איר דערקענט, אַז דאָס איז דאָס זעלבע: איר זעט און שמעקט די וואָרצלען, וואָס זייער זאַפט פאַרוואַנדלט זיך אין בלומען און פּרוכט.

דערשפּירן און קאָנען איבערגעבן די אַטמאָספער פון די „קרבן־לידער" אין איר טאָג־טעגלעכקייט איז אַ סך שווערער, ווי אויסצוזינגען די „קרבן־לידער" אין זייער דיסטילירטער ריינקייט.

די, וואָס האַלטן, אַז טאַגאָרס „קרבן־לידער" זענען צו זיס,

זאָלן לייענען די דערציילונגען: דאָס וועט זיי איבערציינגן, אַז די זיסקייט פון די „קרבן־לידער" איז טאַקע אַ קאָנצענטרירטע, אָבער נישט קיין קינסטלעכע; זי איז אויסגעוואָקסן פון דער סאַמער טיף פון אינדישן פאָלקס־לעבן.

* * *

אין איינעם פון זיינע פּרעכטיקע, דיכטערישע עסייען באַזינגט טאַגאָר דעם באָרוועס־גיין אויף דער נאַקעטער ערד: ווי וואונדערבאַר דער פוס פּאַסט זיך צו צום לעבעדיקן באָדן און מיידט אויס געניזוקט צו ווערן פון די שטיינדלעך, וואָס ביים טראָגן שיך פאַרקלייבן זיי זיך אין זיי און שטערן דעם גיין.

הגם טאַגאָר איז אַ טיפער פילאָזאָף און ער האָט פּרובירט אויפשטעלן אַ „לעבנס־וועג" אויפן סמך פון דעם געדיכטן וואַלד פון דער אַלט־אינדוסישער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, דאָך פאַרמאָגט זיין שאַפן די אייגנשאַפט פון געזונטן, נאַטירלעכן באָרוועס־גאַנג איבער דער לעבעדיקער נאַקעטער ערד, ווען דער פוס קומט אין אַ לעבעדיקן, אינטימען קאָנטאַקט מיט איר און גייט עלאַסטיש, אומפאַרוואונדעט אפילו אויף אַ שטייניקן באָדן.

עס איז פאַלש דער ערשטער איינדרוק, אַז טאַגאָר איז אַן אַבסטראַקטער הימל־פליער. דער זעלבער מענטש, וואָס האָט געשריבן די „קרבן־לידער", וואָס האָט אויסגעזונגען דעם גאָט־עקסטאַז פונם וועלט־פּרעמדן, דעם עקזאַלטירטן, — דער זעלבער האָט אויך געזען דאָס זעלבע געטלעכע אין דער בלינדער פון זיין וואונדערבאַרער דערציילונג מיטן זעלבן נאָמען; דער זעלבער מענטש, וואָס האָט געשריבן די אומשטערבלעכע זייטלעך פון „נאַציאָנאַליזם", האָט זיך באַוועגט זיכער נישט נאָר צווישן די אַבסטראַקטע דעפיניציעס און די ברייטע סינטעטיזירונגען פון די באַגריפן „נאַציאָנאַליזם", „קולטור", „ציוויליזאַציע" א. אַ. וו., נאָר אויך אינם ווילדן, כאַאָטישן וואַלד פון אונזער צוואַנציק־יאָרהונדערטיקן יאריד. פּונקט ווי אין זיין יעדער דערציילונג אָטעמט דער טאָג־טעגלעכער לעבן מיט דער ריינער לופט פון די „קרבן־לידער", אַזוי איז זיין יעדער קאָנקרעטער פּאָליטישער שריט — צי דאָס איז אַן אַרטיקל

אין אַ פּאָלעמיק מיט גאַנדין, צי אַ בריוו אין אַ צייטונג װעגן אַ קאָנקרעטער פראַגע, — באַלויכטן מיטן ליכט פון זיינע העכסטע אידייען. דער זעלבער גראַוויטאַציע־געזעץ, וואָס איז גילטיק פאַר דער זון־סיסטעם, איז אויך גילטיק פאַר אַ שטויבעלע, ווייל דער גראַוויטאַציע־געזעץ איז א י ן דער וועלט; די זעלבע אידייען, וואָס באַלעבן טאַגאָרס גרעסטע ווערק, לעבן אויך אין זיינע קלענסטע האַנדלונגען, ווייל זיינע אידייען זענען א י ן זיין לעבן. ער איז נישט געגאַנגען דורכן לעבן אין אידייאַישע שיך, וואָס פאַרפרעמדן דעם פוס פון דער לעבעדיקער ערד, פאַר וועלכער ער איז געשאַפן געוואָרן, נאָר ער האָט געשפּאַנט באָרוועס איבער דער ערד, פילנדיק מיט פרייד דעם אינטימען, לעבעדיקן קאָנטאַקט, בעת וועלכן ביידע פאַסן זיך צו צו אַנאַנדער: דער פוס צום באָדן און דער באָדן צום פוס, — זיי פאָרמירן איינע די צווייטע.

איז נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס טאַגאָר האָט געשאַפן אַן אייגענע שולע, אַן אוניווערזיטעט, וואו דער מזרח און דער מערב זאָלן זיך דערנענטערן אין אַ לעבעדיקן, פרוכטבאַרן קאָנטאַקט. דער דאָזיקער אַבסטראַקטער דיכטער־פילאָזאָף מיט אייגנשאַפטן פון אַן אינדישן חכם פון אַלטן שניט, איז אין זיין לערע געווען נישט קיין בוך־וואָרעם, נאָר אַ לעבנס־פאָרמירער פון איינגענער, וויטאַלער לעבנס־פולקייט. דער דאָזיקער דיכטער־פילאָזאָף איז אפשר ווי קיינער נישט געווען באַרופן צו לערנען, צו פירן די יוגנט אין דער היינטיקער פאַרפלאָנטערטער צייט. און איך האָב אַזוי פיל מאָל מקנא געווען זיינע אוממיטלבאַרע תלמידים: וואָס קאָן זיין בעסער ווי אַ לערער, וועלכער שפּאַנט מיט באָרוועסע טריט איבער דער לעבעדיקער, שטייניקער ערד און זיין טריט איז זיכער, ווייל זיין באָרוועסער פוס איז אַזוי פאַרליבט אין דער רעאַלער, נאַקעטער ערד, אַז דער שטייניקער באָדן אפילו רופט זיך אָפּ מיט סימפּאַטיע צום דאָזיקן לעבעדיקן, צוטרוילעכן פוס.

שאַנכיי, אָקטאָבער, 1941.

דער עפּאָס פֿון דער צוקונפֿט

אַמאָל, אין די צייטן פֿון „פֿאַרן מבול" — אַזוי זעט עס מיר אויס, — ווען מענטשן פֿלעגן זיך נאָך פֿאַרנעמען מיט גייסטיקער אַרבעט, פֿלעגט מען אָפּרוען, אַנטשפּאַנען די נערוון ביים לייענען אַ קרימינאַל־ראָמאַן. היינט אָבער, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן אַן אומאויפֿהערלעכער קרימינאַל־ראָמאַן אין טאָג־טעגלעכע המשכים, איז גוט צו זוכן אָפּרו, אַנטשפּאַנונג פֿאַר די אָנגעשטרענגטע נערוון אויב נישט אין גייסטיקער אַרבעט, איז כאָטש אין אַ בוך װעגן גייסטיקער אַרבעט. עס איז גוט און נויטיק — אַך, ווי נויטיק! — צו אַנטלויפֿן פֿון די צייטונגען און פֿון די אַרומיקע פֿאַקטן צו אַ בוך ווי עווע קיריס וועגן איר גרויסער מאַמע — וועגן דעם לעבן און דער אַרבעט פֿון מאַריאַ קירי־סקלאַדאָווסקאַ. עס פֿאַרשווינדט דער סקעפּטיציזם — מען הויבט אָן צו גלויבן אין אַן אַנדער וועלט. אמת, די דאָזיקע אַנדערע וועלט געפֿינט זיך נישט אין די הימלען, אָבער הגם זי איז ווירקלעכקייט, איז זי פֿאַנטאַסטישער ווי די אויספֿאַנטאַזירטע אַנדערע וועלט, וועלכע מיר פֿלעגן זיך פֿאָרשטעלן אין די הימלען, מחוץ די גרענעצן פֿון אונזער וועלט.

קאָן דען זיין אַ מער אויסטערלישע אַנדערע וועלט, ווי די וועלט פֿון אַ מאַריאַ קירי? ווי נישט ענלעך זי איז צו אַלץ, וואָס רינגלט אונז אַרום אין פּריוואַטן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין פּאָליטישן און ליטעראַרישן יאַריד, וואָס מאַכט אַזוי טומלדיק און אָרעם אונזער לעבן, אונזער וועלט.

* * *

מיר, מענטשן פֿון היינט, קאָנען קיין אַנונג נישט האָבן, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די ליטעראַטור פֿון דער צוקונפֿט. אַזוי זאָגט מען אונז.

לייענט מען אָבער דאָס בוך וועגן מאַריאַ קירי, האָט מען נישט נאָר אַ אַנונג, נאָר אַ קלאָרע פֿאָרשטעלונג וועגן דעם,

ווי אַזוי עס וועט אויסזען דער העלדן־עפּאָס פון דער צוקונפט.

שלעכטע פּאָעטן און שלעכטע וויסנשאַפטלער האָבן זיך איינגערעדט, אַז וויסנשאַפט און פּאָעזיע שליסן אויס איינס דאָס צווייטע, אַז אין דער צוקונפט, וואו די וויסנשאַפט וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן, וועט קיין אָרט נישט זיין פאַר דיכטונג. און די וויסנשאַפטלער פלעגן צובאַמקען די דאָזיקע שוואַרץ־זעערישע נביאות פון די דיכטער — זיי האָבן זיך געפילט שטאָלץ, וואָס זיי זעען שוין היינט אזוי ערנסט, אַז די שטיפערישע דיכטונג דערוועגט זיך גאָרנישט צו טרוימען וועגן בלייבן לעבן מיט איר אין שכנות, שוין אָפּגערעדט וועגן אַ נאָענטערער שייכות.

און דאָך איז גאָר דער קעגנזאַץ צווישן וויסנשאַפט און דיכטונג אַן אויסגעטראַכטער, אַ רעזולטאַט פון דיכטערישער און וויסנשאַפטלעכער אימפּאָטענץ. איז דען אין דער אַרבעט פון אַ מאַריאַ קירי נישטאָ מער דיכטונג, ווי אין ניינציק פּראָצענט דיכטונג פון עטלעכע יאָרהונדערטער? דער עכטער וויסנשאַפטלער איז מער דיכטער ווי דער דיכטער, וואָס שפּירט נישט די שעפערישע פאַנטאַזיע און די אינטואיטיווע קראַפט, וואָס ליגט אין דער אַרבעט פון אַ קירי, פון אַ מאַרקאָני, פון אַ פּראָפעסאָר שמידט.

דער העלדן־עפּאָס פון דער צוקונפט וועט שעפּן זיין שטאָף פון אַ טשעלוסקין־עקספּעדיציע, פונם לעבן פון מאַריאַ קירי, וועלכע האָט דעם ראַדיום אַנטדעקט נישט נאָר מיט איר געניאַלן געדאַנק, נאָר אים ממש אַרויסגעריסן פון דער נאַטור דורך אַ יאָרנלאַנגער שוואַרץ־אַרבעט פון אַ קולי, דורך אַ טיטאַניש־עקשנותדיקן מסירת־נפש, וואָס איז דער העכסטער סטימול און דער העכסטער רעזולטאַט פון דיכטונג.

אַ האַלב טוץ איליאַדעס און אָדיסייעס פאַרן עפּאָס־שטאָף, וואָס ליגט אויסגעשאָטן אין די זייטלעך פון עווא קירים פשוטן בוך וועגן אירע גרויסע עלטערן, וועגן איר גרויסער מאַמע!

* * *

גרויסע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט און גרויסע דיכטערישע ווערק האָבן אַ געמיינזאַמע אייגנשאַפט: זיי רייסן אָפּ פון דאָס

קליינלעכע, פונם טאָג־טעגלעכן, זיי הויבן אונז אויף איבער אונזער אייגענעם קאָפּ, רייסן אונז אַרויס פון אונזער אייגענער הויט. דאָס איז תמיד אַזוי גוט און נויטיק, נאָך מער — היינט.

היינט דערפילט אַזאַ בוך, ווי עווא קירים, נאָך אַ וויכטיקע אויפגאַבע: עס טרייסט. דער געדאַנק פון דעפּרעסיע: „צו וואָס די גאַנצע מי און פּיין, אויב מענטשן זענען פּעאיק צו ווערן דאָס, וואָס זיי זענען אין אונזער צייט?", ווערט פאַר־ביטן אויף אַ געדאַנק פון העכסטן שטאָלץ: „זיי מקבל באהבה אַלץ, אויב מענטשן קאָנען גרייכן די מדרגה פון אַ מאַריאַ קירי". פאַרוואָס זאָל מען קוקן אויף אַראָפּ, פונם שטאַפּל וואו מיר געפינען זיך, און במילא מוזן טראַכטן, אַז דער מענטש זינקט; לאָמיר קוקן אויף אַרויף, פונם שטאַפּל וואו מיר געפינען זיך, און במילא מוזן טראַכטן, אַז דער מענטש שטייגט. לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין יאוש ביים געדאַנק, אַז די מענטשהייט, וואָס ברענגט אַרויס אַ מאַריאַ קירי, ברענגט אַרויס אויך אַן אַטילאַ; לאָמיר אַריינפאַלן אין פרייידיקער האָפנונג ביים גע־דאַנק, אַז די זעלבע מענטשהייט, וואָס ברענגט אַרויס אַן אַטילאַ, ברענגט אַרויס אויך אַ מאַריאַ קירי.

קוקט מען אין תהום, פילט מען זיך נישטיק, אומבאַ־האָלפן, אומנויטיק, זינלאָז; קוקט מען אין די הימלען, דאַכט זיך, אַז מען שטייגט אַריבער דעם העכסטן טורעם, אַז מען שטייגט אַריבער די וואָלקנס, אַז אָט־אָט און מען איז געטער־גלייך.

דאָס לעבן פון מאַריאַ קירי רייסט מיט אונזער בליק אין די הימלען, אין זיבעטן הימל.

* * *

ווי נישטיק עס איז דער מיטליד פון דער מיטלמעסיקייט: די וויסנשאַפטלער פאַרגראָבן, נעבעך, דאָס לעבן אין די ביכער. זי זעט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט איר צווילינג — די וויסנשאַפטלעכע נישטיקייט, די וויסנשאַפטלעכע מיטלמעסי־קייט. זי האָט גאָר קיין אָרגאַן נישט אויפצונעמען, צו דער־שפּירן, צו אָנען די אומגעהויערע פולקייט, די פאַרשווענדע־רישע לעבנס־שפע, וואָס פּילט אויס די אַרבעט פון אַ קירי.

איר לעבן איז דאָך פול מיט לעבנס־זאַפטן ביז צום פּלאַצן, ווי אַ צייטיקע טרויב. דערמאָנט זיך נאָר די פשוטע, אָבער גלייכ־צייטיק די שטיל־פּאַטאַסדיקע באַשרייבונג, ווי מאַריאַ קירי זיצט אויפן דיל, אַרומגערינגלט מיט ביכער, פאַרזונקען אין וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונגען, — איז דען דאָ אַ מענטש מיט הארץ, וואָס זאָל נישט פילן אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו זיין באַגראָבן צוזאַמען מיט קירין אין די ווענט פון איר צימער, אַבי צו קאָנען איבערלעבן יענע לעבנס־פולקייט, וואָס מאַכט זי גליקלעך אויפן דיל צווישן ביכער, ווי אַ קינד אין דער פאַנטאַזיע־וועלט פון זיינע שפּילצייג? די וועלט, די פולע, די גלאַנצפולע, די אומפאַרגעגנלעכע, די נישט־געגנאַרערישע גע־פינט זיך נישט דרויסן פון אירע פיר ווענט, נאָר ביי איר; ערשט פון דאָרטן שטראָמט זי אַרויס אַביסל אויך צו אונז און זי גיט אונז אַביסל לופט צו אָטעמען. איז דען דאָ אַ מענטש מיט הארץ, וואָס זאָל נישט פול ווערן מיט דער הייליקסטער קנאה צום דאָזיקן צענטער פון לעבנס־פולקייט?!

ווי אָרעם מיר פילן זיך אין פאַרגלייך מיט דער אָרעמער מאַריאַ קירי, וואָס פאַרברענגט יאָרן־לאַנג אין אַ קאַלטער שאָפּע, אויפן שוועל פון קראַנקהייט, פאַרנאַכלעסיקט פון דער וועלט, פון דערפאָלג, ברענענדיק די אויסגעבעטלטע רוי־שטאָפן, אויסערלעך ווי אַ קולי, ביי קולי־אַרבעט, סיי לויט דער שווערקייט, סיי לויט דעם גראָשן־לוין, אָבער אינערלעך ווי אַ העלד פון אַ לעגענדע, ווי אַ העלד פון צוקונפטיקן עפּאָס: אין קאַמף מיט דער נאַטור, מיט דער טעמפּער און טויבער וועלט, געשטיצט דורכן מעכטיקן דראַנג צו דערקענטניש, גע־שטיצט דורכן הייליקסטן געבאָט: נישט לאָזן גיין אין ניוועץ די קראַפט, וואָס מען שפּירט אין זיך, זיין טריי דער מיסיע, וואָס מען פילט אין זיך, נישט צעבייטן דעם גאָלדענעם רענדל אויף פאַרזשאַווערטע גראָשנס.

און ווען מאַריאַ קירי איז אַרויס אַלס זיגערין אין איר קאַמף מיט דער נאַטור; ווען די נאַטור, אויב זי האָט באַוואוסט־זיין, האָט דערפילט אַ שטאָלץ מיט איר געראָטן קינד, וואָס האָט זי באַזיגט, איז די וועלט געקומען, ווי תמיד אַ פאַרשפּעטיקטע, און געוואָלט זי באַלוינען מיט געלט, מיט כבוד, און זי, די

וועלט, האָט ווידער נישט באַגריפן אין איר מיטלמעסיקייט, אַז זי איז אָרעם צו קאָנען באַשענקען אַ מאַריאַ קירי, אַז דעם גרעסטן לוין האָט זיך מאַריאַ קירי אַליין געגעבן, און דאָס איז דווקא די אַרבעט אירע אין דער שאַפּע, און דאָס איז די אַנטשלאָסנקייט אירע צו זיגן אָדער צו פאַלן אין קאַמף.

* * *

לייענט מען די אַלטע און נייע געשיכטע, שטעלט מען זיך די פראַגע: זענען די אַלע צעזאַרס און אימפּעראַטאָרס אַזוי פאַרדאָרבן דערפאַר, ווייל מען ווײַלט אויס אויף די דאָזיקע אַמטן בלויז האַלבע אָדער גאַנצע משוגעים, אידיאָטן און פאַר־ברעכער, אָדער דער אַמט זייערער דערפירט זיי צום דאָזיקן צושטאַנד? און ענלעכע — הגם פאַרקערטע — פראַגע שטעלט זיך פאַר אונז, ווען מיר לייענען די געשיכטע פון די גרויסע וויסנשאַפטלער: צי ווײַלט די וויסנשאַפט אויס מיט אַ כיוון בלויז די איידלסטע און ערלעכסטע, אָדער די אַרבעט זייערע רופט אַרויס צום פולן לעבן דאָס בעסטע אין מענטשן און עלימינירט דאָס ערגסטע?

ס'אַראַ פייערלעכע, שטיל־טענערדיקע סימפאָניע פון מאַ־ראַלישער הויך עס איז דאָס לעבן פון מאַריאַ קירי!

דער טרוים פון פּיאָטר און מאַריאַ קירי איז געווען — אַ לאַבאָראַטאָריע, כדי צו קאָנען פּרוכטבאַר אַרבעטן. די אַנט־דעקונג פון ראַדיום שאַפט פאַר זיי אַזאַ מעגלעכקייט: אַמעריקע לייגט פאָר אָפּצוקויפן די אַנטדעקונג. עס איז אַזוי מעגלעך אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ רואיק לעבן פון אַרבעט פאַר זיך און פאַר דער מענטשהייט (דאָס איז נישט קיין קענגזאַץ — אַ האַרמאָ־נישע איינהייט!). דרך אגב, ווי וועגן דער קלענסטער קליינקייט, אינפאָרמירט פּיאָטר קירי זיין פרוי וועגן אַמעריקאַנער פאָר־שלאַג. און אָן קווענקלעניש, דרך אגב, וואַרפט עס מאַריאַ קירי אָפּ: דעם ראַדיום וועט זי נישט פּאַטענטירן — ער געהערט דער גאַנצער מענטשהייט. און פּיאָטר זאָגט, אַז ער האָט גע־וואוסט איר ענטפער.

לויט מיין מיינונג האָט מאַריאַ געהאַט אַ טעות: זי האָט מיט איר איידעלן באַשלוס דער מענטשהייט גאָרנישט געגעבן,

פּאַרקערט, זי האָט ביי איר אַ סך צוגענומען. דאָס, וואָס מאַריאַ קירי וואָלט פאַרדינט פון פּאַטענט, וואָלט געווען געגאַנגען אויף אַ לאַבאָראַטאָריע, אויף פאָרשונגען; איר אָפּזאָג האָט דעם ראַדיום נישט ביליקער געמאַכט — די לאַבאָראַטאָריע־געלטער זענען געבליבן ביי די פאַבריקאַנטן פונם טייערן מע־טאַל. איר אָפּזאָג איז אפשר שולדיק אין טראַגישן טויט פון פּיאָטר קירי — די מענטשהייט האָט פאַרלוירן פּריצייטיק איינעם פון אירע וואונדערלעכסטע מוחות און איינס פון אירע ריינסטע הערצער. אָבער אויך אין דאָזיקן טעות איז דאָ גרויס־קייט, אומקאָמפּראָמיסלעכע ריינקייט. און נאָך מער אין דער פּשטותדיקער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פונם אָפּזאָג, ווי אינם אָפּזאָג גופא: עס איז איר נישט נויטיק געווען קיין קאַמף מיט זיך, מיט דער פאַנטאַזיע פון דער געטרוימטער לאַבאָראַטאָריע.

און נאָך אַ מאָמענט טיילט זיך אויס פון דער דאָזיקער רייכער סימפאָניע, וואו ליבע, גאונות, גוטסקייט, אַרבעט, מסירת־נפש און פּשטותדיקע טראַגיק (זי הויבט אָן, אַלס פּראָפעסאָר, די לעקציעס פון זעלבן אָרט, אויף וועלכן איר מאַן, פּיאָטר, האָט זיי, פּריצייטיק, איבערגעריסן) זענען פאַר־טראָטן מיט אַזאַ פאַרשווענדערישער שפע: אַן איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער זשורנאַליסטין קומט צו מאַריאַ קירי און פרעגט איר, וואָס זי פאַרלאַנגט פון דאַנקבאַרן אַמעריקאַנער פאָלק: זי וועט אַלץ אויספּועלן פאַר איר. און די אַנטדעקערין, מען קאָן זאָגן: די שעפערין, פון ראַדיום, בעטלט אויס ביים דאַנקבאַרן אַמעריקאַנער פאָלק אַ גראַם ראַדיום, וועלכער איז איר נויטיק פאַר אירע פאָרשונגען, וועלכער איז איר נויטיק פאַר איר אַרבעט לטובת דער דאַנקבאַרער מענטשהייט: ראַדיום איז אַזוי טייער, אַז די אַנטדעקערין זיינע מוז אים אויסבעטלען ביים רייכן אַמעריקאַנער פאָלק. כאָטש איין גראַם.

און אַ דריטער מאָמענט טיילט זיך אויס פון דאָזיקן העלדן־עפּאָס, פון דאָזיקן צוקונפט־עפּאָס: ווען עס קומט דער קריג פון 1914, בלייבט נישט מאַריאַ קירי צווישן די פיר ווענט פון איר רייכער אַרבעטס־וועלט. באַוואָפנט מיט איר וויסן און מיט איר אַנטדעקונג, שטעלט זי זיך אין דינסט פון איר פאָלק, און ראַטעוועט מיט איר אָרגאַניזאַציע־פעאיקייט

און מיט איר ווייסן טויזנטער, צענער טויזנטער זעלנער. אָבער איידער זי גיט זיך אָפּ איר דאָזיקער אַרבעט, ראַטעוועט זי איר טייערן אויסגעבעטלטן אוצר: זי פירט אַרויס פון עוואַקואירטן פּאַריז דעם גראַם ראַדיום, און זי טוט עס פאַרקליידעט אַלס פּשוטע פאָלקס־פרוי, אין אַ זעלנער־צוג, און נאָך דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער מאָדערנער אָדיסייע, קערט זי זיך אום מיט סכנות נפשות קיין פּאַריז, וואו זי בלייבט, ווייט פון אירע קינדער און פון איר פאַרזיכערטן אוצר.

דער מענטש קאָן נישט נאָר מיסברויכן, דעגראַדירן שיינס, נאָר אויך דערהויבן מיאוס׳, גרויזאַמס. און דאָס גרויזאַמסטע, די מלחמה, געניסט מאָמענטנווייז פון מענטשנס דאָזיקער פעאי־קייט: פאַרמאָגט דאָך אויך די מלחמה אַזוי פיל מסירת־נפש, אַזוי פיל טראַגיש־העראָאישע רעזיגנאַציע, אַזוי פיל געפיל־ און טאַט־לייטערונג (לייענט באַרביס׳ „פייער״ און אַנדערע גרויסע מלחמה־ביכער און מלחמה־דעראינערונגען). אָבער איך ווייס נישט, צי די מלחמה־געשיכטע פאַרמאָגט אַ סך אַזעלכע לויטערע, העלדישע עפּיזאָדן, ווי דער עפּיזאָד, ווי אַזוי מאַריאַ קירי ראַ־טעוועט דעם גראַם ראַדיום.

* * *

מאַריאַ קירי איז נישט קיין איינזאַמע געשטאַלט פונם צוקונפט־עפּאָס. דער צוקונפט־עפּיקער וועט האָבן אַ רייכן מאַ־טעריאַל, פון וועלכן צו קלייבן. ווען האָמער שטייט אויף תחית־המתים, וואָלט ער גרין געוואָרן פון קנאה ביים פאַרגלייכן זיין מאַטעריאַל־מעגלעכקייט מיט דער מאַטעריאַל־מעגלעכקייט פון זיין גליקלעכערן צוקונפט־חבר. מאַריאַ קירי איז נישט קיין פאַר־איינזאַמטע, אָבער זי געהערט צו דער גליקלעכער טייל פון די דאָזיקע עפּאָס־העלדן: אין דער צייט, וואָס אַזוי פיל גרויסע דערפינדונגען און אַנטוויקלונגען זענען מיסברויכט, געשענדעט געוואָרן (דער אַעראָפּלאַן, דער דראָטלאָזער טעלעגראַף, דינאַ־מיט, דער דרוק, די שריפט און אומצאָליקע אַנדערע), געהערט דער ראַדיום צו די גליקלעכערע, וועלכע מען קאָן נאָך נישט מיסברויכן מיטן גרויסן פאַרנעם, צו וועלכן מענטשן זענען געוואוינט און געניינט.

מען טראַכט שוין, אמת, נישט אין איין וויסנשאַפט־קאַזאַרמע, ווי אַזוי אויסצונוצן ראַדיום אויף צו שפּאַלטן דעם אַטאָם און אויסצולייזן אַזוי אַרום אַ ריזיקע פאַרניכטונגס־קראַפט. אָבער דאָס זענען דערווייל — און לאָמיר האָפן, אַז אויף אייביק — פיבער־פאַנטאַזיעס פון דער קראַנקער מענטש־הייט. ראַדיום איז פאַרהיט געוואָרן פון דער גרויסער שענדונג. ער איז נישט נאָר אַ באַרעכטיקטער שטאָלץ פון דער מענטש־הייט — ווי די איבעריקע גרויסע שוועסטער־אַנטדעקונגען און דערפינדונגען, — נאָר אויך אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט.

מאַריאַ קירים אַנטדעקונג־דערפינדונג איז נאָך נישט גע־שענדעט. איר טאַט לויכט נאָך אין איר אורשפּרינגלעכער ריינ־קייט, ווי איר לעבנס־עפּאָס.

ווילנע, אָגויסט 1940.

ווינסענט וואַן גאָג — דער מענטש

וואַן גאָג, זאָגט מען, איז געווען אַ געניאַלער מאָלער, אַ וועגווייזער אין דער מאָלעריי־קונסט. ווען עס זאָל אָבער קומען אַ קונסט־קריטיקער און אויפווייזן, אַז גערעכט זענען געווען די קונסט־הענדלער פון וואַן גאָגס צייט, וועלכע האָבן קיין איין בילד זיינס נישט געקויפט, וועט פאַר מיר דער נאָמען וואַן גאָג נישט פאַרלירן קיין איין שטראַל פון זיין גלאַנץ. און דאָס איז דערפאַר, ווייל אין זיין ליידנשאַפטלעכער, ממש רעלי־גיעזער טרייקייט און איבערגעגעבנקייט צו זיין מאָלערישער אַרבעט איז דאָ אַ פלאַם פון געניאַליטעט, וואָס באַצויבערט אונז, נישט געקוקט אויף דעם קינסטלערישן ווערט פון אירע רעזולטאַטן. אינם פייף פון שלום אַשס יינגעלע איז געקומען צום פולקאָמענסטן אויסדרוק די העכסטע רעליגיעזיטעט, מער ווי אין דער מעכאַניש געזאָגטער תפלה, און אין וואַן גאָגס תפלהדיקן מאָלן איז דאָ אַזאַ טיפע מענטשלעכע גרויסקייט, אַזאַ זעלטענער צוואַנג פון דער שלימותדיקער גייסטיקער וויזיע איבער דער אומפולקאָמענער חומרדיקער רעאַליטעט, אַז ווען די וויזיע וואָלט אפילו נישט געווען באַקומען אין וואַן גאָגס ווערק איר פולן אויסדרוק, איז ער אויך אַ גרויסע דערשיינונג צוליב דער שלימותדיקייט פון זיין ריינער מענטשלעכקייט. עס איז גענוג וואַן גאָגס לעבן און וואַן גאָגס בריוו, כדי איינצושליסן אויף תמיד אין דאַנקבאַרן האַרצן דעם דאָזיקן מענטשן און דעם דאָזיקן לעבנס־דיכטער.

* * *

כדי גאָלד זאָל קאָנען פּראַקטיש פאַרווענדט ווערן, מוז מען צו דעם צומישן אַן אַנדער מעטאַל, אַ האַרטערן, אַ ווייניקער איידעלן. אָן דעם צומיש, אין ריינסטן צושטאַנד, איז גאָלד נישט פאַרווענדבאַר: עס איז צו ווייך.

אַזוי איז אויך מיטן איידלסטן מעטאַל פון מענטשנס גייסט, וואָס טראָגט דעם פּאַרטונקלטן און דאָך גענוג קלאָרן נאָמען: ריינע מענטשלעכקייט, דאָס הייסט, די מענטשלעכקייט, וואָס וואַקסט אַריבער די גרענעצן פון קאָנקרעטן מענטשן, אַלס חומרדיקן וועזן, אַלס זעלבשטענדיקן עגאָאיסטיש־אָרגאַנישן אַבסאָלוט. אין ריינעם צושטאַנד געפינט זיך די דאָזיקע מענטש־לעכקייט זייער זעלטן אין קאָנקרעטן לעבן פון אַ מענטשן. ווען אַ מענטש איז באַשאָנקען און — באַשטראָפט מיט דער דאָזיקער מתנה (און — קללה), איז ער נישט פּעאיק צום פּראַקטישן לעבן: עס פעלט כאָטש דער מינימום האַרטערער און פּראָסטערער צומיש. פון אַזאַ מאַטעריאַל זענען געמאַכט די מענטשן, וועלכע מען באַצייכנט מיטן געוואַגטן נאָמען: הייליקע. פון אַזאַ מאַטעריאַל איז געמאַכט געווען — וואַן גאָג.

וואַן גאָג איז לחלוטין אומפּעאיק געווען פּראַקטיש צו לעבן. זיין מענטשלעכקייט האָט נישט געהאַט קיין צומישן — ער האָט נישט געוואוסט די קונסט פון שליסן קאָמפּראָמיסן מיטן אייגענעם געוויסן, מיט דער אייגענער ריינער מענטש־לעכקייט. ער איז געווען אין לעבן אַבסאָלוט אומבאַהאָלפן: דאָס לעבן האָט פון אים נישט געקאָנט מאַכן קיין שום פּראַק־טישן געברויך.

* * *

מיט אַ צוויי יאָר צוריק איז דערשינען אַ ראָמאַנסירטע ביאָגראַפיע פון וואַן גאָג, געשריבן דורך סטעפאַן פּאָלאַטשעק („פלאַמען און פאַרבן". דאָס לעבן פונם מאָלער וואַן גאָג). דאָס בוך שטיצט זיך, דער עיקר, אויף דער רייכער קאָרעספּאָנ־דענץ פון ווינסען וואַן גאָג צו זיין ברודער, טעאָ. די דאָזיקע צוויי ברידער האָט פאַרבונדן מער ווי אַ טיפע ברידער־ליבע. טעאָ האָט געזען אין ברודער אי דעם שלימותדיק־ריינעם מענטש, אי דעם געניאַלן קינסטלער, און ער האָט זיין אומבאַהאָלפענעם ברודער, ווינסען, געשיצט, ווי מען שיצט אַ קינד. ער האָט אים אַ גאַנצן לעבן אויסגעהאַלטן מיט געלט: אויף עסן, אויף פאַרבן, אויף רייזעס. און אין משך פון לאַנגע יאָרן פלעגט דער מאָלער טאָג־טעגלעך שרייבן בריוו צום ליבן ברודער און איינציקן

פאַרערער. און די דאָזיקע רייכע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געטריי ווי אַ טאָג־בוך, איז דער וויכטיקסטער מקור פאַר דער אינערלעכער און אויסערלעכער ביאָגראַפיע פון ווינסענט וואַן גאָג.

עס איז פּלאַטשעקן נישט געווען שווער צו ראָמאַנסירן וואַן גאָגס פאַרביקע, אויסטערלישע ביאָגראַפיע. ווי דורכשניט־לעך עס זאָל נישט זיין — און אַמאָל נאָך ווייניקער ווי דורכ־שניטלעך — די דאָזיקע ראָמאַנסירטע ביאָגראַפיע, מוז מען זי לייענען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

באַקענט מען זיך אָבער מיט וואַן גאָגס בריוו, פאַרלירט פּלאַטשעקס ראָמאַן זיין גאַנצן צויבער. ווי ווייניק ער האָט צוגעגעבן פון זיין פאַנטאַזיע — וואַן גאָגס פּשטותדיקע בריוו רעדן צו אונז שטאַרקער, ווי זייער ראָמאַנסירטע איבערדער־ציילונג. דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, ווייל וואַן גאָג ווייזט זיך אַרויס אין זיינע בריוו אַלס גוטער שרייבער, נאָר אויך מחמת דעם, ווייל די מינדסטע פאַרשענערונג, דער מינדסטער צוגאָב פון פאַנטאַזיע, פון צוגעטראַכטקייט, פון קאָנווענציאָ־נעלער ראָמאַנסירונג האַרמאָנירט נישט מיט וואַן גאָגס וואונ־דערבאַרער פּשטות, מיט זיין אוממענטשלעכער, ממש נאַטור־האַפטער אוממיטלבאַרקייט. „ווי גרויס עס איז די קונסט — רופט אויס וואַן גאָג אין איינעם פון זיינע בריוו — ווען זי איז פּראָסט־פּשוט אמתדיק!”

דאָס זעלבע איז מיט וואַן גאָגס לעבן: ווי גרויס עס איז אין זיין פּשוטער אמתדיקייט!

* * *

וואַן גאָגס לעבן שטייט אונטערן צייכן פון דער שטרעבונג צום אַבסאָלוטן. ווען זיין רעליגיעזע נשמה האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעוויילט פאַר זיך די רעליגיע פון דער קונסט, האָט ער געוואָלט זיין אַ דינער פון קריסטלעכן גאָט. ער גייט אַוועק אַלס מיסיע־פּרעדיקער אין בעלגישן קוילן־ראַיאָן באָרינאַזש, אָבער לאַנג קאָן ער דאָרט נישט בלייבן: ער נעמט צו ערנסט קריסטוסעס לערע, ער פירט אויס די געבאָטן פון זיין רעליגיעזן גלויבן צו ווערטלעך.

ווען ער ווערט פול מיט רחמנות צום טראַגעדיקן, פאַר־וואַרלאָזטן גאַסן־מיידל — גיט ער איר אַפּ זיין גאַנץ לעבן, ער רייסט איבער צוליב איר מיט פריינט, מיט דער געזעלשאַפט, ער פאַרנאַכלעסיקט אפילו זיין קונסט — זיין מיטגעפיל קאָן נישט זיין לעבלעך, אויסגערעכנט, באַקוועם — אי פאַר זיך, אי פאַר יענעם.

אָבער זיין דורשט צום אַבסאָלוטן איז מיט דער לעצטער קאָנסעקווענץ געקומען צום אויסדרוק אין זיין באַציאונג צו דער קונסט. און דאָס איז נאַטירלעך. דעם דיכטערס מענטש־לעכקייט דריקט זיך אויס צום מערסטן אין זיין קונסט, אין זיין באַציאונג צו זיין קונסט. זיין נייגונג צום אַבסאָלוטן, זיין שנאה צו קאָמפּראָמיסן האָט אין זיין קינסטלערישער אַרבעט באַקומען דעם דויערהאַפּטסטן אויסדרוק; זי האָט געפונען אַ מקום מקלט אין אַ געביט, וואָס איז, לויט זיין נאַטור גופא, גענייגט צום אַבסאָלוטן. וואַן גאָגס ביישפּיללאָזע פּאַרזונקנקייט אין דער מאָלערישער אַרבעט איז נישט בלויז אַ רעזולטאַט פון זיין פאַרשטויסנקייט פון לעבן. די זעלבע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן וואַן גאָגן אומפאַרמיידלעך אויסגעשלאָסן פון לעבן, האָבן אים אומפאַרמיידלעך איינגעשלאָסן אין דער מאָלערישער אַרבעט, ווען זיין מענטשלעכער זשעני האָט ענדלעך אַנטפּלעקט אין זיך אַ קינסטלערישע אויסדרוק־מעגלעכקייט. וואַן גאָגס דורשט צום אַבסאָלוטן איז צוגעפאַלן צו אַן אַבסאָלוטן קוואַל, טריי די ווערטער פון איינעם פון זיינע מייסטערס, דעם פראַנ־צויזישן מאָלער מילע: „איך וועל ליבערשט גאָרנישט זאָגן, איידער זיך אויסדריקן שוואַך".

און ווען מען באַקענט זיך מיט וואַן גאָגס ביאָגראַפיע און מיט זיינע בריוו, ווערט מען טאַקע איבערראַשט פון דער אינערלעכער, תוכיקער האַרמאָניע, וואָס עס הערשט צווישן וואַן גאָגס אויסערלעכער ביאָגראַפיע און זיין אינערלעכער. דאָס הייסט, זיין באַציאונג צו זיין קינסטלערישער אַרבעט און זיין קוק אויף איר.

* * *

„איך פאַרזיכער דיר אויך — שרייבט ער צו זיין ברודער

— אַז אויב דו וועסט מיר אַמאָל צופעליק צושיקן אַביסל מער געלט, וועט דאָס ברענגען נוצן די בילדער, נישט מיר. איך האָב בלויז איין ברירה: זיין אַ גוטער מאָלער, אָדער אַ שלעכטער. איך וויל אוים דאָס ערשטע. אָבער די פאָדערונגען פון דער מאָלעריי זענען ווי פון אַ רואינירנדיקער געליבטער, מען קאָן גאָרנישט טון אָן געלט..."

דורך אַלע וואַן גאָגס בריוו גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, דער געשריי נאָך געלט. אָבער נישט פאַר זיך. „אויב מען פילט זיך גוט, דאַרף מען קאָנען לעבן מיט אַ שטיקל ברויט און דערביי אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, און נאָך האָבן די קראַפט... צו שפירן די שטערן און דעם אין־סוף... דאַן איז דאָס לעבן, נישט געקוקט אויף אַלץ, כמעט באַצויבערנדיק".

דאָס זענען נישט קיין טעאָרעטישע געדאַנקען. דאָס איז אויך נישט קיין גייסטיקער הערואיזם פון איין אָדער צוויי געבענטשטע מינוטן, — דאָס איז די פּראַקטיק פון אַ גאַנצן לעבן, אָן אַ איבעררייס, אָן דער באַלוינונג פון רום, פון אָנערקענונג, וואָס וועט בלויז אַ ווייטן שמייכל טון צו אים פאַרן סאַמע סוף.

וואַן גאָג האָט געהונגערט אפילו דאַן, ווען ער פלעגט האָבן געלט — אַלץ פלעגט גיין אויף לייוונט און פאַרבן. „די אידייען פאַר מיין אַרבעט קומען צו מיר שפעדיק, און דערפון נעמט זיך, וואָס הגם איך בין איזאָלירט, האָב איך פונדעסטוועגן נישט קיין צייט נישט צו טראַכטן, נישט צו שפירן, איך באַוועג זיך ווי אַ לאָקאָמאָטיוו — צו מאָלן..."

ער רואינירט זיין געזונט דורך סיסטעמאַטישן נישט־דערעסן, אַבי צו אַרבעטן. אָבער נישט נאָר עס לויכט אים נישט אַלס ציל רייכקייט און באַרימטקייט, נאָר דאָס לאָקט אים אויך נישט. ער האָט אַמביציעס, אָבער גאָר פון אַן אַנדער מין. אין איינעם פון זיינע בריוו באַקומט די דאָזיקע אַמביציע זיינע אַ שיינעם און אָפּגעקלערטן אויסדרוק:

„וואָס בין איך דען אין די אויגן פון דער מערהייט מענטשן — אַ זעראָ (נול), אָדער אַן עקסצענטריקער, אָדער אַן אומאָנגענעמער מענטש — איינער, וואָס פאַרנעמט נישט קיין אָרט אין דער געזעלשאַפט... איך וואָלט וועלן ווייזן דורך

מיין אַרבעט, וואָס עס פאַרמאָגט דאָס האַרץ פון אַזאַ עקסצענט־ריקער, פון אַזאַ גאָרנישט. אָט דאָס איז מיין אַמביציע, וואָס איז ווייניקער באַזירט אויף שנאה, ווי אויף ליבע, נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס איז מער באַזירט אויף אַ געפיל פון אָפּגע־קלערטער רו, ווי אויף ליידנשאַפט. הגם איך געפין זיך תמיד אין נויט, איז פונדעסטוועגן דאָ אין מיר האַרמאָניע און אַ רואיקע און ריינע מוזיק...״

בלויז דער קאָן אַזוי שיין ליידן, ווער עס פילט, אַז ער ליידט אין נאָמען פון טרייִשאַפט צו דאָס בעסטע אין זיך, צו דאָס בעסטע, וואָס איז גלייכצייטיק דאָס העכסטע אין לעבן, דער העכסטער זין, וואָס מענטשן האָבן צוגעגעבן דעם לעבן אָדער אַרויסגעפילט אין אים.

וואַן גאָג האָט געליטן און געאַרבעט ווי אַ באַזעסענער אין רואיקייט, — דאָס איז צענפאַך העראָאישער ווי אין ליידנשאַפט. וואַן גאָג האָט געליטן און געאַרבעט נישט אונטערן שוץ פון שנאה, און דאָס איז הונדערט־פאַך שטאַרקער...

אין דער רייכער געשיכטע פון שעפערישע פערזענלעכקייטן איז נישט לייכט צו געפינען אַזאַ פולקאָמענעם ביישפּיל פון גייס־טיקער אוממיטלבאַרער גרויסקייט.

* * *

עס וואָלט אָבער פאַלש געווען זיך פאָרצושטעלן וואַן גאָגן אַלס מענטש, וואָס האָט פאָרגעלייגט דעם לעבן זיין דינסט, ווייל ער האָט געוואָלט זיין גוט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, און ווען דאָס לעבן האָט אים נישט געקאָנט פאַרדייען (עס איז פאַר אים געווען אַ צו גרויסער פאָרוואורף), איז ער אַוועק און זיך אָפּגעשלאָסן אין דער קונסט פון פאַרבן אַלס כהן פון דער ריינער, לעבנס־פרעמדער קונסט.

איך קאָן כמעט נישט וואַן גאָגס בילדער און איך וויים נישט ווי אַזוי וואַן גאָגס פערזענלעכקייט קומט צום אויסדרוק אין זיי, אָבער אין זיינע בליקן אויף דער קונסט — ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין זיינע בריוו — האָבן מיר פאַר זיך נישט בלויז אַ אינטואיטיוון קינסטלער, נאָר אַ באַוואוסטזיניקן

קינסטלער, אַ מאָדערנעם אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, אַן אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישער קונסט אין איר בעסטן, מענטשלעכסטן אויסדרוק, דאָס הייסט, אויף וויפיל זי ציט ווייטער, אַלס דירעקטער יורש, דעם גאָלדענעם פאָדים פון מענטשנס קאַמף מיט זיך גופא, פאַר אַ טיפערן הור־מאָניזם.

ס'איז באמת אינטערעסאַנט צו ברענגען כאָטש איין שטע־לע פון וואַן גאָגס בריוו וועגן אַ וויכטיקן ענין, וואָס קלינגט היינטיקע צייט אַזוי היימיש:

„איך פרעג דיך, צי קענסטו אין דער אַלטער האָלענדישער שולע כאָטש איין־איינציקן אַקערער, כאָטש איין זייער??? האָט מען דען ווען אַמאָל זיך באמיט צו מאָלן אַן ארבעטער?... אין די אַלטע בילדער אַרבעטן נישט די פּערסאָנאַזשן. איך חזר איבער: אויסדריקן דעם פּויער אין זיין טע־טיקייט, איז אַ דורך־און־דורך מאָדערנע פיגור, דאָס איז דאָס הארץ גופא פון דער מאָדערנער קונסט, אַ זאַך, וואָס נישט די גריכן, נישט דער רענעסאַנס, נישט די אַלטע האָלענדער האָבן דאָס נישט געטון".

און בלויז אַ דאַנק די דאָזיקע בליקן וואַן גאָגס אויף דער קונסט ווערן אונז קלאָרער אַזוינע אויסדרוקן זיינע, ווי דער פאָלגנדער:

„עס איז דאָ און עס בלייבט און עס קערט זיך תמיד אום מאָמענטנווייז, אין סאַמע מיטן פון קינסטלערישן לעבן, די בענקשאַפט נאָכן אמתדיקן אידעאַלן לעבן, וואָס קאָן ,נישט רע־אַליזירט ווערן'."

ווי שטאַרק וואַן גאָג האָט נישט ליב געהאַט די קונסט, איז זי דאָך געווען פאַר אים בלויז אַ סימבאָל פון אַ אידעאַלן לעבנס־טרוים, וועלכן דעם מענטשן איז אפשר קיינמאָל נישט באַשערט צו פאַרווירקלעכן און איבערלעבן, אָבער וואָס דער מענטש דאַרף תמיד זען אין זיין וויזיע און בענקען צו דעם, כדי צו זיין אַן אמתער קינסטלער. און צום דאָזיקן עכטסטן קינסטלערישן צושטאַנד פון וואַן גאָג קאָן מען אפשר אָנווענדן זיינע שטאַרקע ווערטער וועגן דעם געצערטלטן יאוש, וואָס איז אפשר גלייכצייטיק אויך די גרעסטע האָפנונג (ווייל אַנישט

וואָלט מען דאָך אים נישט געצערטלט): „אָלד באָי, — שרייבט וואַן גאָג צו זיין ברודער, — דערווייל באַטראַכט איך פּראָווי־זאָריש דעם דאָזיקן ,קיינמאָל, ניין, קיינמאָל׳, ווי אַ שטיק אייז, וואָס איך דריק אויף מיין הארצן, כדי ער זאָל צעגיין״.

* * *

ווען מען לייענט וואַן גאָגס בריוו, וואָס זענען פול מיט געדאַנק, דיכטונג און גרויסער מענטשלעכער ביאָגראַפיע; ווען מען לויפט דורך אין געדאַנק די פּאַסירונגען פון זיין לעבן אַלס מענטש און קינסטלער, הויבט זיך אָן צו דאַכטן, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז פאַר אים געווען, ווי אַ שטיק אייז, וואָס ער האָט אָן אויפהער געדריקט צו זיין גרויסן ווארעמען הארצן. ער האָט דעם וועלט־אייז נישט ביינעקומען, אָבער יענער אים — נאָך ווייניקער. דאָס אייז האָט קיין איין הארץ־שלאָג וואַן גאָגס נישט אָפּגעקילט, ער האָט אויף קיין איין גראַד נישט אַראָפּגע־דריקט די מענטשלעכע ווארעמקייט זיינע; אָבער ער אויף דעם וועלט־אייז האָט יאָ געלאָזן צעשמאָלצענע שפּורן.

אויב די גייסטיקע אייז־תקופה פון דער וועלט וועט ווען נישט איז פארשווינדן, וועט אויך וואַן גאָג האָבן דערין אַ גרויסן חלק. דער קינסטלער וואַן גאָג אויך מסתמא. דער מענטש וואַן גאָג — זיכער.

ווארשע, אָגוסט 1939.

די פסיכאָלאָגיע פון נייעם יידן

דער נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר איז זייער פּאָפּולער, — איז ער דאָך געוואָרן די פאָן פון אַ באַשטימטער פּאָליטישער פּאַרטיי אין יידישן לעבן.

אָבער גראָד דאָס האָט געפירט צו דעם, וואָס טרומפּעלדאָרן קאָן מען זייער וויינִיק: געוואָרן אַ פאָן פון איין פּאַרטיי, איז ער געוואָרן פרעמד די איבעריקע טיילן פון פאָלק. דער שאָטן פון קליינלעכער קאָנקורענץ פון די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן, פון פּאַרטייאישע ביוראָקראַטן, איז געפאַלן אויך אויף טרומפּעלדאָרן, וועלכער האָט אָן ספק פאַרדינט אַ בעסערן גורל.

די פּשוטקייט פון טרומפּעלדאָרס לעבנס־ליניעס האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַלץ־אַרומנעמענדיקס, ווי די פּשוטע ליניע פון אַלץ־אַרומפאַסנדיקן האָריזאָנט. טרומפּעלדאָר האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַ פאָלקס־פאָר־שטייערשאַפט. ער האָט אַזוי ווי פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם ערשטן אָפּגוס פון עפּעס נייעס, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין יידישן פאָלקס־כאַראַקטער. די פּסיכאָלאָגיע פון יידן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש דורך דער היפּערטראָפיע פון אינדיווידואַליזם, האָט אין אים, אין טרומפּעלדאָרן, געמאַכט אַ ראַדיקאַלן קער צום קאָלעקטיוויזם. ווי דורך אַ נס האָט אין אים אָפּגעלעבט מיט אַ געוואַלטיקער קראַפט און נאַטירלעכקייט דאָס געפיל פון פאָלקהאַפטיקייט, דאָס געפיל פון אחריות פאַרן פאָלק.

אין מענדעלעס דראַמע „דער פריזיוו" איז כאַצקעלע גליקלעך, וואָס מען שיקט אים אָפּ אהיים מיטן טראַדיציאָנעלן „פאַשאָל וואָן, דו קרעציקער זשיד!" כאַצקעלע באַציט זיך מיט אַזאַ פאַראַכטונג צו די גויים, אַז ער באַליידיקט זיך אפילו נישט אויף זייערע זידלערייען. דער דאָזיקער עפּיזאָד פון מענדעלעס דראַמע שפּיגלט וואונדערבאַר אָפּ אין זיין מאַקסימאַלער שאַרפ־

קייט די סאַמע פאַרבאָרגענע פּרוזשינע פון דער יידישער גלות־פּסיכאָלאָגיע. נישט אומזיסט האָט אחד־העם פאַרגעוואָרפן מאַקס נאָרדוין, אַז זיין דאָקטאָר קאָן איז פרעמד דעם יידישן גייסט, ווייל ער גייט אויף אַ דועל בלויז דערפאַר, כדי דער קעגנער זאָל נישט קאָנען זאָגן, אַז יידן זענען פּחדנים.

ווי אַלץ אין לעבן, קאָן מען אויך ד אָ ס צווייפאַך אויס־טייטשן. פון איין זייט קאָן מען דאָס אויסטייטשן מיטן מינ־דערוועדטיקייטס־קאָמפּלעקס: דער ייד האָט פאַרלוירן די זיכער־קייט אין זיין פולווערטיקייט און ער שרייבט צו דעריבער צו פיל באַדייטונג די גרינגשעצנדיקע מיינונגען פון די אַרומיקע פעלקער; אָבער פון דער צווייטער זייט קאָן מען דאָס דערקלערן מיט דעם, וואָס דאָס געפיל פון פולווערטיקייט האָט געביטן זיין צענטר: אַנשטאָט צו קאָמפּענסירן זיין אויסערלעכע דערנידע־ריקונג דורך אַ היפּערטראָפיע פון אינערלעכן געפיל פון זעלבסט־חשיבות (וואָס דאָס איז טאַקע דער רעזולטאַט פונם מינדער־ווערטיקייטס־קאָמפּלעקס), וויל ער לאָזן אויסווירקן דאָס געפיל פון זיין פולווערטיקייט אויך אויף אויסן.

אויב דער העלד פון מענדעלעס דראַמע איז אַנטציקט דערפון, וואָס מען יאָגט אים אַרויס פונם „פּריזיוו"־ביוראָ, ווי אַ קרעציקן הונט, ווייל דער באַליידיקער איז ביי אים קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט, ווייל עס גייט אים נישט אָן די אויסערלעכע דערנידעריקונג, בעת ער האַלט זיך אינערלעך אַ סך העכער פאַרן באַליידיקער, איז שוין דער העלד פון בערדי־טשעוועסקים דערציילונג „מיליטער־דינסט" גרייט אונטערצורייסן זיין געזונט, אַבי נישט צו געבן די זעלנער־שונאים אַ געלעגנ־הייט אָפּצולאַכן פון זיין יידישער נישט־פולווערטיקייט.

„לויט זייער אויסזען, — זאָגט דער דאָזיקער העלד, — בין איך זיי שוין דערעסן". און דאָס דערדריקט אים, אין קעגנ־זאַץ צו מענדעלעס העלד כאַצקעלע, וואָס איז גליקלעך פון דעם, וואָס דער עקל צו אים באַפרייט אים פון מיליטער־דינסט. בערדיטשעווסקים העלד איז גרייט אויף אַלץ, אויף אַלץ, אַבי נישט צו הערן, ווי ער זאָגט, זייער באַמערקונג: „אַ ייד וויל נישט אַרבעטן — אַ ייד איז שטאַרק פויל".

און ווען ער איז נישט בכוח צו קריכן אויפן גימנאַסטישן

ליטער, זאָגט ער: „איך וואָלט אָפּגעגעבן אַ צען יאָר פון מיין לעבן, אַבי צו זיין אימשטאַנד אויפצוהויבן זיך העכער כאָטש אויף אַ דריי־פיר טרעפּלעך". דאָס איז די ספּעציפישע יידישע נעוראַסטעניע, אָבער אין איר איז דאָ עפּעס געזונטעס, — דער געזונטער אומרו פון מאָדערנעם יידן. דאָס איז שוין נישט כאַצקל, נאָר אַ גאַנץ אַנדער ייד. ער איז נאָך צו נעוראַסטעניש, ער איז צו פול מיטן געפיל פון מינדערווערטיקייט, אָבער אין אים רייפט שוין עפּעס אַ ניי געפיל. די דאָזיקע קרענקלעכקייט איז די קרענקלעכקייט פון אַ פּסיכאָלאָגישער מעטאַמאָרפאָזע.

פאַרן העלד פון מענדעלעס דראַמע איז דער עיקר אין זיין פּערזענלעכן וואוילזיין — נישט צו גיין צו די זעלנער; פאַר בערדיטשעווסקיס העלד עקזיסטירט אויך אַזאַ געביט פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אויסגעברייטערט צום פאָלקס־פאַרנעם: ער פילט זיך אַלס פאָרשטייער פון זיין פאָלק נישט אַבסטראַקט, נאָר קאָנקרעט, אוממיטלבאַר. ער פילט דאָס, וואָס עס פילט ד״ר קאָן, דער העלד פון נאָרדויס דראַמע; ער איז באַרופן פריווויליק צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זיין פאָלק, ווייל דער דאָזיקער כבוד איז אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין אייגענעם כבוד. אחד העם איז נישט גערעכט, ווען ער באַטראַכט ד״ר קאָנס האַנדלונג אַלס נישט יידיש, — אחד העם איז דאָך אַליין אויך וויט פון געדאַנק, אַז די יידישע פּסיכיק איז עפּעס סטאַבילעס אויף דור־דורות, ער ווייס דאָך אַליין אויסגעצייכנט, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון אַ פאָלק ענדערט זיך.

און אָט־אָ־די געענדערטע פּסיכאָלאָגיע איז סקיצירט סיי אין בערדיטשעווסקיס דערציילונג, סיי אין „ד״ר קאָן" פון מאַקס נאָרדוי, סיי אין יוסף טרומפּעלדאָרן, ווען ער חזרט איבער אויף אַלערליי אופנים אין זיינע בריוו און טאָג־ביכער: „אַ יידישער אָפיציר שרעקט זיך נישט פאַר קיין שום סכנה..." און גראָד אין יוסף טרומפּעלדאָרן, ד. ה. אין אונזער לעבן, האָט די דאָזיקע רייף־ווערנדיקע ענדערונג פון דער יידישער פּסי־כאָלאָגיע באַקומען אַ סך אַ פולערן און טיפערן אויסדרוק, ווי אין אונזער ליטעראַטור. אויך אין דאָזיקן פּונקט האָט זיך אונזער ליטעראַטור אַרויסגעוויזן אַ סך אָרעמער פאַר אונזער

לעבן: זי האָט נישט נאָר נישט אַרויסגעשפּירט די דאָזיקע איבערברוך־טענדענץ אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע און נישט געשאַפן קיין ליטעראַרישע געשטאַלט, לויט וועלכער דאָס לעבן זאָל זיך גלייכן, נאָר טרומפּעלדאָר, וועלכן דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט אַלס רייפן גייעם טיפּ פון אַ יידן, האָט נישט געפונען קיין אָפּשפּיגלונג אין אונזער קינסטלערישער ליטעראַטור; נישט נאָר אונזער ליטעראַטור גייט נישט אין פראָנט פון אונזער לעבן, נאָר זי באַווייזט נישט צו האַלטן שריט מיט איר אפילו אַלס אַריעגאַרד.

* * *

די ווערטפולסטע אייגנשאַפט אינם כאַראַקטער אָדער אין דער געשטאַלט פון טרומפּעלדאָרן (איך בין זיך מודה: בעתן לייענען טרומפּעלדאָרס בריוו און טאָג־ביכער, פאַרגעס איך אָפט, אַז איך האָב פאַר זיך אַ מענטשלעכן דאָקומענט, און מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז איך לייען אַ ליטעראַריש ווערק, אַז איך האָב פאַר זיך אַן אָפּגערונדיקטע ליטעראַרישע געשטאַלט), איז די גאַנצקייט פון דאָזיקן מענטשן. דערמיט וויל איך נישט זאָגן, אַז טרומפּעלדאָר איז אָרעם אין גייסטיקע ניואַנסן, — פאַרקערט: טרומפּעלדאָרס גייסטיק לעבן איז פילקאַנטיק, איז פול מיט די דינסטע ניואַנסן, אָבער אין זיין נשמה הערשט נישט קיין אַנאַרכיע, אַלע פאַרשידנאַרטיקע געפילן און איבערלעבונגען וואַרפן זיך אונטער דער אַלגעמיינער, דער עיקרדיקער מעלאָדיע פון דער דאָזיקער נשמה; טרומפּעלדאָר איז אַ גאַנצע נאַטור, וואָס פאַרלירט נישט ביי איר גאַנצער גאַנצקייט דעם רייכן גייסטיקן ליכט־ און שאָטן־שפּיל. טרומפּעלדאָר איז אַ זעלטן (פאַר אַ יידן!) געזונטע נאַטור, וואָס פאַרלירט נישט נישט איר איינהייט, נישט איר פילזייטיקייט. טרומפּעלדאָר איז נישט קיין טיפּ פון אַ הפקר־יונג, פון אַ זעלנער אַן אַוואַנטוריסט, וואָס זיין עיקר מעלה באַשטייט אין אַ גרויסער דאָזע היהשער דרייסטקייט, אין דער חיהשער (אומבאַוואוסטזיניקער) פאַראַכטונג צום טויט און אין דעם חיהשן זיך פאַרשיכורן מיט געפאַרן; טרומפּעלדאָר איז נישט קיין געוויינלעכער טיפּ פון אַ העלד אַ קריגער, ביי וועמען די גאַנצקייט פון כאַראַקטער באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אָרעם, — טרומפּעלדאָר איז

דער טיף פון א באוואוסטזיניקן העלד אין נאָמען פון דער־קענטער פליכט, אין נאָמען פון א אידייע. טרומפעלדאָרס זעל־נעריש לעבן איז דער גרעסטער קרבן, וואָס ער האָט געבראַכט אויפן מזבח פון ליבע צו זיין פאָלק. וויפיל מאָל זיין יידישע נשמה ציטערט אויף פון זיין בלוטיקן פאך; וויפיל מאָל זיין נשמה רייסט זיך אוועק פון שלאַכט־פעלד צו די אינטימע ווינקעלעך פון מענטשלעכן לעבן — אָבער קיין איין געפיל זיינעם געלינגט נישט דורכצורייסן זיך דורך דעם צוים פון זיין פליכט־באוואוסטזיין, דורך דעם צוים פון דער אידייע פון דינען זיין פאָלק, — פון דער אידייע, וואָס הערשט אומבאַגרענעצט איבער טרומפעלדאָרס אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן, ווי דער האָריזאָנט הערשט מיט א פשוטער, אומבאַגרע־נעצטער ליניע איבער דער פארשידנארטיקייט, איבער דעם פארשידנארטיקן כאָאָס פון ערדישן לעבן.

„מיר דערוואַרטן א גרויסע שלאַכט... אויב איך וועל איצט פאַלן טויט, טאָ ווייסט: פאַר מיין סוף האָט מיך אויסגעפילט, — גלייכצייטיק מיטן געדאַנק וועגן מיין פאָלק און וועגן פאַ־לעסטינע, פאַר וועלכע איך גיי צום טויט, — אויך דער געדאַנק וועגן אייך...

„...איך גיי מיט פרייד און מיט א לייכט האַרץ צום טויט פאַר דאָס סאַמע טייערע און ליבסטע. צי דען איז נישט קיין גליק מקריב צו זיין דאָס לעבן פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר פאַלעסטינע?...

„אָבער וואָס שרייב איך דאָ? יאָ, איך וועל זיך דאָך דאַרפן שעמען, אויב כ'וועל היינט נישט דערהרגעט ווערן...” (זייט 223 פון דער דייטשער איבערזעצונג).

דאָס שרייבט טרומפעלדאָר צו זיין כלה, צו זיין „פרינצע־סין”, וואָס מוז אָפּטרעטן איר אָרט (און ס'אַרא ריזיקן אָרט זי פאַרנעמט אין טרומפעלדאָרס האַרץ און נשמה!) דעם יידישן פאָלק און זיין היימלאַנד, פאַר וועלכן טרומפעלדאָר איז געצוואונגען — פ ר י י ו ו י ל י ק! — צו פאַרבייטן זיין רייך אינערלעך לעבן אויפן פאַרהאַסטן שווערד.

„די שרעק פאַרן פאַרלירן די ערע איז גרעסער, ווי די שרעק פאַרן טויט; די ערע און דער שטאָלץ (באַזונדערס —

דער נאַציאָנאַלער) זענען העכער פאַרן לעבן. מיר זענען גיכער גרייט צו שטאַרבן מיט אַ שטאָלצן און מוטיקן טויט, איידער געבן די אַנדערע אַ גרונט פאַר נייע פאָרוואורפן קעגן אונזער פאָלק, — נישט אמת, מיין געליבטע?" (זייטן 38, 237 פון דער דייטשער איבערזעצונג).

ווי אַ ציטאַט פון „ד"ר קאָן"!

און נאָך אַ ציטאַט:

„וו. האַט באַקומען אַ וואונדערבאַרן בריוו פון זיין פרוי; זי איז באמת אַ מערקווירדיקער מענטש. אויב איר וועט זי זען, דריקט איר, כ'בעט אייך, די האַנט אין מיין נאָמען. זאָגט איר, אַז יעדע יידישע פרוי וואָלט באַדאַרפט זיין אַזוי שטאָלץ און מסירת־נפשדיק, ווי זי. באַזונדערס איצט, אין אונזער צייט, ווען מיר שטייען, קאָן זיין, בייםווענדפּונקט פון דער יידישער געשיכטע און ווען אַלע כוחות פון פאָלק דאַרפן איצט זיין געשפּאַנט אין דער העכסטער מאָס. אויב אַ ליבנדיקע פרוי און אַ מוטער פון אַ נאַר וואָס געבוירן קינד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען זיין פאָטער, קאָן אַזוי שרייבן צו איר מאַן, דאַן ווייס איך, אַז אין איר לעבט אַן עכטע יידישע נשמה און אַן עכטער יידישער שטאָלץ. די דאָזיקע פרוי פאַרשטייט און — דער עיקר — פילט: עס איז דאָ עפּעס העכערס פאַר פּערזענלעך גליק, עפּעס ווערטפולערס, ווי אַ געליבטער מאַן און אַ פאָטער פון איינציקן קינד..." (ז"ז 243־244 פון דער דייטשער איבערזעצונג).

און טרומפּעלדאָר שאַצט דאָס זייער הויך נישט נאָר ביי אַנדערע, נאָר ער מעסט אויך זיין אייגן לעבן מיט דער דאָזיקער גרויסער מאָס.

און ער מעסט נישט פּרינציפּיעל, נאָר אינסטינקטיוו. דאָ קאָן מען ברענגען זיינע אייגענע ווערטער, וואָס ער האָט גע־זאָגט ביי אַן אַנדערן, אָבער ענלעכן פאַל: „...ווען איך בין אַהער געקומען צו פאָרן (דינען אין לעגיאָן), האָב איך זיך נישט קיין עצה געהאַלטן מיט די גראָבע פאַליאַנטן, נאָר מיט מיין אייגן האַרץ. מיין דינסט איז מיין ערע און מיין חוב לגבי מיין פאָלק".

טרומפּעלדאָר האָט אַריינגעקוקט אין זיין גרויס האַרץ

און געליינט אין אים אַ קלאָרן, פּשוטן און אַלץ פאַרענט־פערנדיקן ענטפער אויף אַלע קאָמפּליצירטע פראַגן, וואָס עס שטעלט יעדעס לעבן פון אַ מענטשן מיט אַ פיינפיליק האַרץ און מיט אַ דורכדרינגענדיקן שכל.

דער דאָזיקער ענטפער איז געווען — ליבע צום פאָלק, אַ גרענעצלאָזער, פלאַמיקער פאַרלאַנג זען אים אַ פרייען אויף אייגענער ערד, זען אים אָן אויסגעהיילטן פון זיין פאַרקריפּל־טער פסיכאָלאָגיע.

* * *

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז ביים לייענען טרומ־פעלדאָרס בריוו און טאָג־ביכער דאַכט זיך מיר אָפט, אַז איך האָב דאָ צו טון מיט אַ פּאָעטישער פיקציע, אַז פאַר מיר איז נישט קיין לעבעדיקער מענטש, נאָר אַ ליטעראַרישע געשטאַלט, ווייל דאָס דאָזיקע לעבן איז אַזוי גלייכליניק, אַזוי גרויס אין זיין גראַנדיעזער פשטות.

שוין אין 1906, אַלס 27־יאָריקער יונגער מענטש, זעט טרומפעלדאָר פאָראויס זיין לעבן מיט מאַקסימאַלער קלאָרקייט אין זיינע הויפּט־ליניעס. אין אַ בריוו צו זיין ברודער שרייבט טרומפעלדאָר: „...איך זאָג זיך גערן אָפּ פונם כבוד צו זיין אַן אָפיציר פון דער רוסישער אַרמיי. דערפאַר טראַכט איך אַ סך וועגן אונזער צוקונפטיקער קאָלאָניע. אָבער אויב עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה, ווען איך וועל זיין אין פּאַלעסטינע, וועט מען מיך זיכער מאַכן פאַר אַן אָפיציר, הגם דאָרט וואָלט איך געדינט מיט פרייד אויך אַלס פּראָסטער זעלנער. דאָס וועט זיין ביי זיך אין דער היים. און צי ווייסטו דען, וואָס עס באַדייט ,זיין אין דער היים' פאַר דעם, ווער עס קלאַפּט אייביק און אומזיסט אין די טירן פון פרעמדע הייזער און אָנשטאָט צו געפינען ליבע און פריינטלעכקייט, באַקומט ער פוטער־קלעצ־לעך און זידלערייען. און איך גלויב: עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך — אפשר אַ מידער דורך שווערער אַרבעט — וועל מיט אַ פריידיקן בליק באַטראַכטן מיינע פעלדער אין מיין אייגן לאַנד. קיינער וועט מיר נישט וואַרפן אין פּנים אַריין: ,אַוועק, דו פאַראַכטעטער — דו ביסט דאָ אַ פרעמדער!' און אויב עמיצער וועט דאָס פאָרט זאָגן — וועל איך זיך אויפהויבן;

מיט אַ שווערד אין דער האַנט צו פאַרטיידיקן מיין רעכט און מיין באָדן. זאָלן זיי קומען! הינטער מיין פּלייצע איז מיין לאַנד, ביי מיין זייט — מיינע חברים..., און אויב איך וועל פאַלן, וועל איך שטאַרבן אַ גליקלעכער, וויסנדיק פאַרוואָס כ'האָב פאַרגאָסן מיין בלוט..."

אין די דאָזיקע פּשוטע ווערטער, ווי אין אַ סך ענלעכע אין אַנדערע בריוו און אין די טאָג־ביכער, — איז דאָ אַן איינגעהאַלטענער, פאַרבאָרגענער פּאַטאָס, וואָס אַנטפּלעקט ווערט בלויז דעמאָלט, ווען ער אָביעקטיוויזירט זיך אין טרומפּעל־דאָרס ביאָגראַפיע. דאָס איז דער פּאַטאָס נישט פון וואָרט, נאָר פון לעבעדיקן לעבן. די דאָזיקע ווערטער — באַקומענדיק זייער גרויסע באַדייטונג אינם ליכט פון טרומפּעלדאָרס לעבן — איבערראַשן נישט מיט זייער שיינקייט, נאָר מיט זייער גראַנ־דיעזער קלאָרקייט פון דער לעבנס־ליניע. דער יידישער אינטע־ליגענט פאַרלירט דאָ זיין אומזיכערקייט, זיין צעבראָכנקייט, זיין צעריסנקייט און ער טרעט אַרויס פאַר אונז אַ גאַנצער, אַ זיכערער אין זיין אויסגעוויילטן וועג.

ווי כאַראַקטעריסטיש עס זענען פאַר טרומפּעלדאָרס איג־טימען מהות זיינע פאָלגנדיקע ווערטער (אין יאָר 1908): „מיר וועלן אַרבעטן אין דער שטיל, אָן טומל, כדי אונזער לעבעדיקע, געזונטע אידייע זאָל נישט געטויט ווערן דורך קלינגענדיקע ווערטער". טרומפּעלדאָר האָט באַזיגט אין זיך די שוואַכקייט פון מאָדערנעם יידן זיך פאַרשיכורן מיט ווער־טער, — אים פאַרשיכורן בלויז מעשים. און דערביי איז אוי־סערסט אינטערעסאַנט דאָס, וואָס אין טרומפּעלדאָרן לעבט אָן ספק אַ טרוימער, אָבער אַ טרוימער אַ געזונטער, וואָס שטערט נישט צו האַנדלען. און טאַקע גראָד דערפאַר איז ער אַ גאַנצער מענטש. ער איז אי אַ טרוימער, אי אַ מענטש פון טאַט; ער איז אַן עקסטרעמער אידעאַליסט, אָבער גלייכצייטיק אַ פּראַק־טיקער. ער האָט אַלע אייגנשאַפטן אויף צו ווערן אַ פּובליציסט אינם נאַציאָנאַלן לאַגער, אָבער ער צעוואַרפט נישט די גייס־טיקע זוימען אויפן ווינט, — ער גרייט זיך ערנסט צו פאַר־קערפּערן זיינע אידייען אין לעבן, און ער גרייט זיך צו דעם נישט נאָר פּסיכיש, עמאָציאָנעל, נאָר אויך פּראַקטיש. אַלץ

ווערט דיקטירט דורך דעם הויפּט־ציל פונם דאָזיקן לעבן: דעם דאָזיקן ציל ווערן אונטערגעוואָרפן אַלע זיינע טרוימען און געפילן, ער אונטערוואַרפט אים אַלע זיינע לעבנס־טעטיקייטן. ער לערנט זיך דאָס, וואָס קאָן אים צונויץ קומען פאַר זיין צו־קונפטיקער נאַציאָנאַלער טעטיקייט סיי אין גלות, סיי אין פּאַ־לעסטינע. טרומפּעלדאָר איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער העלד נישט אַ דאַנק דער אינספּיראַציע פון אַ געבענטשטער מינוט, נישט אַ דאַנק אויסערלעכע באַדינגונגען, וואָס רופן אַמאָל אַרויס אין אַ מענטשן אַ הערויִשן קורצשלוס, — טרומפּעל־דאָר איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער העלד באַוואוסטזיניק, ער האָט זיך געגרייט דערצו אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. און די דאָזיקע צוגרייטונג צו זיינע מעשים זענען אפשר אַ גרעסערע העלדישקייט, ווי די מעשים גופא.

טרומפּעלדאָר גרייט זיך באַוואוסטזיניק צו זיין לעבנס־אויפטו, — און ער טרעט נישט אָפּ אויף אַ האָר, אויף אַ רגע פון דעם הויפּט־וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין לעבן. אָבער די דאָזיקע באַוואוסטזיניקייט איז נישט ענג, נישט געקוקט אויף איר רירנדיקער מאָנאָגאַמער טרייקייט.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז טרומפּעלדאָר שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין טיפּ פון מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן, וואָס ליידט געוויינלעך אויף אַ ענגן האָריזאָנט צוליב דעם, וואָס די היפּערטראָפיע פון זייער ווילן האָט פאַרשלונגען אַלדאָס איבעריקע. טרומפּעלדאָרס זעלישע אָרגאַניזאַציע איז זייער דין. אויב זיין זעלנערישע קאַריערע איז אַ קרבן, אַ געוואַלט־אַקט, אין נאָמען פונם נאַציאָנאַלן חוב, איבער די איידעלערע באַדערפענישן פון זיין נשמה, פאַרשלינגען נישט נישט זיין פלאַמיקער פּאַטריאָטיזם, נישט זיין אומבאַדינגטער נאַציאָנאַליזם די אַלגעמיינע מענטשלעכע באַדערפענישן זיינע. די נאַציאָנאַלע יווירונג אינם נייעם יידן, וואָס טרומפּעלדאָר איז געווען זיין גלענצנדיקער מוסטער, האָט זיך ביי אים געפּאָרט מיט אַ יווירונג פון אוניווערסאַליזם, וואָס איז טאַקע כאַראַק־טעריסטיש פאַרן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָבער נאָך מער — פאַר דאָס טיפּיש יידישע (און דערפאַר טאַקע האָט די יידישע יוגנט גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל אין דער

אוניווערסאליסטישער באוועגונג פון דאזיקן יארהונדערט־אנהויב).

„סוף־כל־סוף, — שרייבט טרומפעלדאר (1908) אין א בריוו צו צבי שאצן, וואס איז אומגעקומען אין איין טאג מיט יוסף חיים ברענערן פון די הענט פון אראבישע מערדער, — טארט איר נישט פארגעסן, אז מיר לאזן זיך אין וועג אריין נישט צוליבן קליינעם הייפל אידעאליסטן, נאר מיר ווילן לייזן צוזאמען סיי די יידישע פראבלעם, סיי די אלמענטשלעכע פראבלעם (הגם בלויז טיילווייז). עס איז נויטיק א גרויסע פראפאגאנדע, אבער נישט פון ווערטער, נאר פון מעשים, — אבער פון אזא מין, וואס זאל קלאר זיין פאר יעדן איינעם" (אונטערגעשטראכן דורך מיר — י. ר.).

דער דאזיקער מענטש פון טאט, דער דאזיקער מוטיקער זעלנער, פארמאגט אין זיך עפעס (ווי דאס זאל נישט זיין מאדנע!) פון אחד העמען. אין דאזיקן מענטשן, אין וועלכן עס איז אזוי בולט דער איבערברוך אין דער יידישער פסיכאלאגיע, איז געבליבן אומבארירט (הגם אין א שטארק געענדערטער פארם) די יידישע מענטאליטעט, די יידישע עטיק. נאך מער, אויך טרומפעלדארס עקסטרעמע נייגונג צו קאלעקטיוויזם איז דאך, אין תוך גענומען, אן אומקער צום אלטן יידישן קאלעקטיוויזם, וואס האט אזויפיל געליטן פון גלות, וואס האט אונז פארוואנדלט אינם סאמע אינדיווידואליסטישן, אינדיווידואליסטיש־אנארכיסטישן פאלק אויף דער וועלט. און הגם טרומפעלדארס מענטאליטעט זעט פון אויבנאויף אויס צו זיין אנטיפאדיש צו אחד העמס, פונדעסטוועגן קאן מען מיט זיכערקייט זאגן, אז אין טרומפעלדארן איז דא עפעס אחד־העמיסטישעס. איך מיין דא נישט, נאטירלעך, די פראזעאלאגישע קרובהשאפט — ווען טרומפעלדאר פארטיידיקט זיין אידייע פון גרינדן א חלוצישע קאלאניע אין רוסלאנד, זאגט ער: „דא געפינט זיך דער גייסטיקער צענטער און דער וועג פאר א קאנטאקט מיט אייראפע", — איך מיין דערמיט די אינערלעכע ארגומענטאציע, וואס ליגט אין גרונט פון דאזיקן פלאן, וואס

איז אַן עכט אחד־העמישער. און נישט נאָר לויט זיין אידייע, נאָר אויך לויט זיינע פּראַקטישע מאָטיוון.

דער גרויסער בריוו פון 22־טן סעפּטעמבער 1908 צו זיינע חברים, וועגן דער אידייע איינצואָרדנען אַ קאָלאָניע, איז לויט זיין גייסט אַן עכט אחד־העמישער. די אַרגומענטאַציע איז לאָגיש און פּראַקטיש, אָבער די דאָזיקע פּראַקטישקייט האָט אין זיך אויך אַ וווייטן אידעאַל.

„...מיר ווילן פאַרקערפּערן אין לעבן אַ גרויסע, ערנסטע אידייע. אָבער כדי צו טון אונזער זאַך באמת גוט, כדי אויך מיר זאָלן זי נישט דיסקרעדיטירן, ווי דאָס האָבן געטון אַ סך פאַר אונז, מוזן מיר זיין זייער פאָרזיכטיק, מיר דאַרפן אויסמיידן אַלע פעלערן פון אונזערע פאָרגייער. מיר דאַכט זיך, אַז צום לייכטסטן וועט זיין אויסצומיידן די דאָזיקע פעלערן אין אַ קאָלאָניע אויפן רוסישן באָדן...

„אויב מיר וועלן אָרגאַניזירן די דאָזיקע קאָלאָניע אין פּאַלעסטינע, וועט איר אויסקומען צו פירן אַ טאָפּלט שווערן לעבנס־קאַמף אין דאָזיקן עקאָנאָמיש־אומאַנטוויקלטן לאַנד. מעגלעך, אַז גלייך ביים ערשטן קריזיס אָדער ביי דער ערשטער אומגערעטעניש וועט זי אומקומען אָדער זי וועט געצוואונגען זיין צו בעטן הילף ביי מענטשן, מיט וועלכע זי האָט נישט קיין שום אַלגעמיינעס (געוויינלעך גייט מען דאַך צו די רייכע). אָבער ווי נאָר די קאָלאָניע וועט באַקומען הילף פון דרויסן, וועט זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „שנאָרער". זי וועט פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך און וועגן הילף פאַרן יידנטום — איך רעד שוין נישט פאַר דער מענטשהייט — וועט שוין קיין רייד נישט קאָנען זיין. אויב אָבער אַזאַ קריזיס וועט פאָרקומען אין אַ רוסישער קאָלאָניע, וועלן אירע מיטגלידער (אָדער דער גרעסטער טייל זייערער) קאָנען גיין אין שטאָט אויף טאָג־אַרבעט. און די דאָזיקע עקאָנאָמישע זעלבסטעטיקייט, דאָס דאָזיקע שטאָלצע באַוואוסטזיין פון אונזער זעלבשטענדיקייט וועט במילא פאַרצענפאַכן אונזערע כוחות און וועט אונז פאַרשאַפן די סימפּאַטיע פון אַ סך מענטשן.

„די פיזישע אַרבעט אין אַ רוסישער קאָלאָניע וועט זיין לייכטער, ווייל דער רוסישער באָדן איז מער צוגעפּאַסט צו ערד־

אַרבעט. און היות מיר וועלן ווייניקער זיין באַלאַסטעט מיט פיזישער אַרבעט, וועט אונז בלייבן מער צייט אויף צו פאַרנע־מען זיך מיט קולטור־אַרבעט...

„אַ רוסישע קאָלאָניע קאָן דינען אַלס בעסערער אַגיטאַציע־מיטל (און דאָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג) ווי אַ פּאַלעסטינער קאָלאָניע. מיר וועלן זיך מוזן ווענדן נישט צו איינצלנע העלדן, נאָר צו די פאָלקס־מאַסן, ווען מיר וועלן, — נאָך אונזער ערשטן דערפאָלג, — וועלן גרינדן נאָך קאָלאָניעס. מיר וועלן זיי רופן נישט צו העראָאישע טאַטן, נאָר צו אַ בעסער לעבן. מיר קאָנען נישט זאָגן: ,וואַרף אַלץ אַוועק און גיי אין דיין געליבט פּאַלעסטינע, וועגן וועלכער דו האָסט קיין אַנונג נישט, פּונקט ווי דו ווייסט נישט, ווי אַזוי דו וועסט דאָרטן לעבן און אַרבעטן׳. מיר דאַרפן זאָגן צו זיי: ,קום אין אונזער רוסישער קאָלאָניע, דאָס איז נאָענט און לייכט׳. און ווייטער: ,גיב אַ קוק, ווי אַזוי מען לעבט דאָרט און פּרוביר אויך צו לעבן אַזוי. און אויב דאָס געפעלט דיר, וועסטו דערנאָך פאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווייל די רוסישע קאָלאָניע איז נאָר אַן עטאַפּ אויפן וועג צו פּאַלעסטינע׳.״

דער, וואָס איז באַקאַנט מיט אחד העמען, וועט דאָ תיכף דערפילן אַן אינערלעכע קרובהשאַפט. אויך אחד העם איז אַ פּראַקטישער אידעאַליסט, ווייל ער קען די שוואַכקייט פון בשר־ודם ביי זיין אַרויספלי צו די אידעאַליסטישע הימלען. און אַזאַ איז אויך טרומפּעלדאָר. ווי ער צוימט זיין היים־בלוטיקן פריינט צבי שאַץ:

„איר זייט אַן אויסטערלישער מענטש... לויט אייך, גרישאַ, קומט אויס, אַז איך וואָלט באַדאַרפט תיכף ומיד פאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווייל אַנישט וועט מיין וואָרט נישט האַרמאָנירן מיט מיינע מעשים. אָבער וואָס טוט מען אויב פּאַלעסטינע איז אַ וויסטע? אויב איר וועט מיט אייער פאָרן אַהין בלויז שאָדן ברענגען פּאַלעסטינע און דער גאַנצער זאַך?״

„איך בין באמת צוגעבונדן צו רוסלאַנד און כ׳האָב זי ליב... אָבער אַ סך, אַ סך מער האָב איך ליב מיין אידייע וועגן דעם קומענדיקן זעלבשטענדיקן לעבן פון די יידן אין פּאַלעסטינע, ווייל אין מיינע אָדערן פליסט יידיש בלוט. אין

מיר זענען לעבעדיק אי ליבע צו נאַציאָנאַלער און מענטשלעך־בער פרייהייט, אי פאַרוואונדעטער שטאָלץ. נישט שוין־זשע מיינט איר, אַז איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון רוסלאַנד? איר האָט אַ טעות!... איך האָב נישט מורא אָפּגעריסן צו ווערן פון רוסלאַנד — איך האָב מורא פאַר אַ פאַלשן שריט, פאַר אַריינ־פאַלן אין תהום... נישט מיין גורל איז דאָ וויכטיק — איך באַאומרואיק זיך פאַר אַנדערע, וואָס וועלן קומען נאָך מיר. די דאָזיקע וויל איך נישט פירן צום אונטערגאַנג. דעריבער וויל איך זיין פאַרזיכטיק און גיין פאַראויס לאַנגזאַם. מיר דאַרפן צוימען אונזער פייער..."

צוימען דעם אייגענעם פייער פון אחריות־געפיל פאַרן אידעאַל — אָט־אָ־די פעאיקייט (זייער אַ שווערע און זעלטענע) איז אַ סוד פון די פּראַקטישע אידעאַליסטן, צו וועלכע עס האָבן געהערט סיי אחד העם, סיי יוסף טרומפּעלדאָר.

און גראָד אין דאָזיקן פּראַקטישן אידעאַליזם מערקט זיך די אינטערעסאַנטע טראַנספאָרמאַציע פון דער פּסיכאָלאָגיע פונם נייעם יידן.

דער ייד פונם אַלטן טיפּ איז געווען אַ מענטש פון עקסטרעמען: אָדער אַ באָדנלאָזער אידעאַליסט, אָדער אַ נשמה־לאָזער, כאַראַקטערלאָזער מאַטעריאַליסט.

דער נייער ייד ווייזט אַרויס אין זיין לעבעדיקן מוסטער — אין טרומפּעלדאָרן — אַ גאַנץ נייע פּסיכאָלאָגיע פון זעלי־שער האַרמאָניע: ער איז נישט אָן אַ באָדן אונטער די פיס, אָבער אויך נישט אָן אידעאַלן. זיין גלויבן איז נישט ענג, נישט פּרוכטלאָז־אַבסטראַקט, אָבער אויך זיין סקעפּטיציזם איז נישט ציניש.

און די דאָזיקע נייע פּסיכאָלאָגיע האָט אויפן בולטסטן און דערהויבנדיקסטן אופן באַקומען איר אויסדרוק אין טרומ־פּעלדאָרס פּאָלגנדיקן קרעדאָ (אַ קרעדאָ, וואָס סיי לויט זיין אינהאַלט, סיי לויט דער קראַפט פון זיין אויסדרוק באַווייזט ער, אַז טרומפּעלדאָר איז באַשאָנקען געווען מיט פעאיקייטן פון אַ דענקער און מיטן סטיל פון אַ גוטן פּובליציסט):

„איך גלויב אין מענטשן, — שרייבט טרומפּעלדאָר צו צבי שאַצן, — איך גלויב, אַז ער וועט אויסוואַקסן (ער קאָן

דאָס), אָבער דערווייל שאַץ איך אים נישט זייער הויך (פּונקט ווי זיך)... איך פּאָדער עפּעס גרויסעס. איך גלויב אין מענטשן — אָבער דעם מענטשן געטרוי איך נישט".

דער דאָזיקער ציטאַט פון אַ בריוו דעקט אָפּ פאַר אונז די טיפערע שיכטן פון טרומפּעלדאָרס רייכער נשמה. ער איז נישט געווען קיין בלינדער אידעאַליסט, — ער האָט געספּקט אין מענטשן, און אפילו אין זיך אַליין. און פּאָדערנדיק גרויסעס, האָט ער געוואוסט דעם ווערט פון קלייניקע מעשים. און נישט יאָגנדיק זיך אומבאַדינגט נאָך גרויסעס, האָט ער געטון גרויסעס מיט דער זעלבער אוממיטלבאַרקייט, מיט וועלכער אַ שפּין וועבט זיין נעץ, מיט וועלכער אַ בין מאַכט האָניק, מיט וועלכער אַ פויגל בויט אַ נעסט און זינגט. טרומפּעלדאָר — דאָס איז אַ פּשוטע, אָבער אַ גראַנדיעזע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער אַלטער און דער נייער יידישער פּסיכאָלאָגיע. דערביי פאַרמאָגט נישט די דאָזיקע דעמאַרקאַציע־ליניע קיין שום ביליק־אַרויספאָדערנדיקס, קיין שום ביליק־שרייאיקס.

שאַנכיי, 22 אַפּריל, 1944.

דער ערשטער אַרטיקל אין האָנקיו, נאָכן אַריבערגיין אין געטאָ, נאָך עטלעכע וואָכן גייסטיקער פּאַסיוקייט. דורכגעבראָכן די געליימטקייט, אָבער אַרויסגעקומען נישט לויטן פּלאַן פון פריער, אין „פרענטש" (צושריפט צום אַרטיקל אין אָריגינאַל).

שכל און אינטואיציע

אָנרי בערגסאָנס ראָל אין דער היינטיקער וועלט־טראַגעדיע

דער, וואָס זוכט אין פילאָזאָפישע סיסטעמען דעם ענד־גילטיקן אמת וועגן וועלט און לעבן, וועט האָבן אַלס שכר בלויז אַנטוישונג. אָבער דער, וואָס זוכט אין זיי די געשיכטע פון מענטשנס טראַגישן קאַמף פאַרן אמת וועגן וועלט און לעבן, וועט באַקומען אַ טיפן אַריינבליק אינם גאַנג פון דאָזיקן אינער־לעכן קאַמף.

אין יעדער פילאָזאָפישער סיסטעם געפינט מען וועגן וועלט און לעבן קליינע טיילעכלעך אמת; אָבער וועגן דעם מענטשנס רייסן זיך צום אמת — געפינט מען דעם גאַנצן, גרויסן אמת.

די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע איז נישט ענלעך אויף דער געשיכטע פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. די נאַטור־וויסנ־שאַפטן האָבן אַ געשיכטע, וואָס באַוועגט זיך כסדר פאָראויס, בעת די געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע בלייבט אין אַ געוויסן זין אויף איין אָרט: אָט געווינט זי, דאַכט זיך, אַ שטיקל אמת־באָדן און אָט פאַרלירט זי אים ווידער. די נאַטור־וויסנשאַפטן באַוועגן זיך אויך דורך מפּלות, אָבער זייער רעזולטאַט איז ווייטערדיקע געווינסן, בעת אין דער פילאָזאָפיע איז אָפטמאָל דער רעזולטאַט פון אַ געווינס — אַ טריט צוריק.

פאַרוואָס? ווייל די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן צו טון מיט די קאָנקרעטע דערשיינונגען פון דער וועלט, וואָס לאָזן זיך וועגן און מעסטן, בעת די פילאָזאָפיע האָט צו טון מיט אינפאָנ־דעראַביליען: פון איין זייט מיטן עצם וועזן פון וועלט און לעבן און פון דער צווייטער — מיט דעם עצם וועזן פון פסי־כישן מענטשן, וואָס פּרוּווט לייזן די פּראָבלעמען פון וועלט און לעבן לויטן אייגענעם טעמפּעראַמענט, לויט דער אייגענער, אומבאַוואוסטזיניקער איינשטעלונג צו וועלט און לעבן.

דערפון נעמט זיך דאָס כסדרדיקע הין־און־צוריק, די אי־בערהזרונגען אין די עיקר־פּראָבלעמען: וואָס איז פריער: גייסט צי קערפּער? וואָס איז מיטן מענטשנס ווילן: איז ער פריי, צי נישט? וואָס איז דאָמינירנדיק: שכל צי אינטואיציע?

היות די דאָזיקע פראַגן לאָזן זיך נישט לייזן סיסטעמאַטיש, עקספּערימענטאַל, טעכניש־פּראַקטיש, ווערן זיי געלייזט אין הסכם מיטן מענטשנס טעמפּעראַמענט (וואָס באַווירקט אויך די אורטיילס־קראַפט). דערביי, נאַטירלעך, ווערט די לייזונג פון טעמפּעראַמענט אונטערגעשטיצט מיט אַלץ, וואָס דער מענטש ווייס אויף זיכער, און מיט אַלץ, וואָס דער מענטש אַנט און פילט אַלס אמת (אַמאָל מיט רעכט און אַמאָל מיט אומרעכט, אויב דאָס לאָזט זיך פעסטשטעלן).

אַנרי בערגסאָן האָט אין דאָזיקן אייביקן קאַמף פאַרנו־מען אַ באַדייטנדיקע פּאָזיציע: זיין סיסטעם האָט איבערגעלעבט סיי אַ פּעריאָד פון אַ גרויסן טריאומף, סיי אַ פּעריאָד פון אַ גרויסער מפּלה.

* * *

אַנרי בערגסאָן איז אַ גרויסער שרייבער, מיט אַ בילד־לעכקייט־קראַפט פון אַ באַדייטנדיקן דיכטער. זיינע ווערטער זענען נישט ווי קאַנטס, וואָס מען דאַרף זיי כסדר האַלטן אין איין אַראָפּרייסן פון די געדאַנקען, כדי צו קאָנען צוקומען צו זיי (צו די געדאַנקען); זיינע ווערטער זענען אַזוי דורכזיכ־טיק, אַז זיי שטערן נישט צו זען דעם געדאַנק. זיי מאַכן זיינע געדאַנקען דורכזיכטיק, פּלאַסטיש און פאַרבנרייך. און די רייכ־קייט פון די אויסערלעכע מיטלען גייט נישט דערביי אויפן חשבון פון אינהאַלט. מען האָט נישט איינמאָל פאָרגעוואָרפן בערגסאָנען, אַז ער איז אַ מאָדע־פילאָזאָף, אַ פילאָזאָפישער סאַלאָן־לייב. נישטאָ קיין מער פאַלשערע באַשולדיקונג. בערג־סאָן איז געווען מאָדערן נ י ש ט ג ע ק ו ק ט אויף זיין טיפן ערנסט און אויף דער רייכקייט פון זיין געדאַנקען־וועלט. זיין סאַלאָן־באַרימטקייט האָט ער צו פאַרדאַנקען נישט זיין פּוסט־קייט, נאָר פון איין זייט זיין גלענצנדיקן שרייבער־טאַלאַנט, און פון דער צווייטער — דאָס, וואָס זיין פילאָזאָפיע איז, צו

אונזער אומגליק, אין אַ צו גרויסער מאָס געווען אין הסכם מיט אונזער צייט. צום אומגליק דערפאַר, ווייל די דאָזיקע טענדענץ פון אונזער צייט, די רעאַקציע קעגן דעם גלויבן אין דער אַליינהערשנדיקער אַלמעכטיקייט פון שכל, קעגן דער מאָנאָפּאָל־רעאַלקייט פון מאַטעריע, האָט אָנגענומען די פאָרמען פון אַ פּאָליטישער רעאַקציע, וואָס אירע רעזולטאַטן זענען נאָך אוממעגלעך פאָראויסצוזען און אפילו פאָראויסצוזאָגן.

* * *

„קאָגיטאָ ערגאָ סום" (איך דענק, הייסט עס, אַז איך עקזיסטיר), — דעקאַרטס דאָזיקער אויסרוף איז דער באַגייסטערטסטער הימן פאַרן באַוואוסטזיין, פאַרן שכל. אין אַלץ קאָן מען ספקן, אָבער נישט אין דעם, אַז איך דענק. דאָס שטייט העכער פון יעדן ספק און במילא איז דאָס דער אויסגאַנגס־פּונקט פון לעבן, פון דער וועלט. דאָס אינערלעכסטע וועזן פון דער וועלט איז דער דענקנדיקער שכל, דער באַוואוסטזיין, און במילא קאָן דער שכל קיין טעות נישט האָבן. דער שכל קאָן תופס זיין די גאַנצע וועלט אין איר אינערלעכסטן קערן, ווייל ער דאַרף בלויז אַריינקוקן אין זיך, כדי צו וויסן, וואָס די וועלט איז, פּונקט ווי עס איז גענוג אויסצופאָרשן דעם וועזן פון אַ ברענענדיק שוועבעלע, כדי צו דערגיין דעם וועזן פון פייער בכלל.

דער דאָזיקער פּרינציפּ פון „קאָגיטאָ ערגאָ סום" האָט געפייערט אַ סך טריאומפן: קאָן מען דאָך נישט לייקענען, אַז דער צוטרוי צום אייגענעם שכל האָט דער מענטשהייט אַ סך געגעבן, סיי אויפן געביט פון מאַטעריעלער, סיי אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור. אָבער מאַכט, בפרט זעלבסטהערשערישע, פאַרדרייט דעם קאָפּ (אפילוביים שכל) און נישט צופרידן מיט די געפייערטע טריאומפן, האָט דער שכל־זעלבסטקולט גענומען פראַווען אָרגיעס.

דער מאָדערנער מענטש האָט גענומען פאַרלייקענען און איגנאָרירן אַלע כוחות, וועלכע לאָזן זיך נישט באַהערשן דורכן שכל אָדער לאָזן זיך נישט דערקלערן דורך אים. פון אַ באַלעבנדיקן קוואַל, וואָס האָט באַפרוכפּערט אַזוי פיל געביטן

פון מענטשלעכן וויסן און דענקען, איז דער שכל־קולט געוואָרן א פאַרוויסטנדיקער דיקטאַטאָר. אַלדאָס איררעציאָנעלע, אַלדאָס אינטואיטיוו־אומדערקלערבאַרע האָט ער פאַרשריגן נישט נאָר אַלס מיסטיציזם, נאָר אפילו אַלס מיסטיפיקאַציע. די רעליגיע האָט מען גענומען דערקלערן אַלס באַוואוסטזיניקע אויס־טראַכטעניש פון מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט דערצו אַ מאַ־טעריעלן אינטערעס; קונסט איז געוואָרן א ראַציאָנעל־דערפונ־דענער הילפס־מיטל פאַר פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע. מען האָט נישט געזען און נישט געפילט דעם וויסטן אָרט, וואָס דאָס פאַרשווינדן פון רעליגיעזן גלויבן לאָזט אין דער נשמה פון מאָדערנעם מענטשן, — און מען האָט אויסגעלאַכט דעם טרויער נאָך דער רעליגיע, הגם דער טרויער איז דאָס איינציקע, וואָס קאָן באַטויען, אַלס ערזאַץ, די נשמה, ווען זי הויבט אָן צייטנ־וויז צו שמאַכטן נאָך איר נויטווענדיקער גלויבן־איבערלעבונג; הגם די דאָזיקע בענקשאַפט און דער געפיל פון פאַרלוסט זענען די איינציקע זאַלבן, וואָס קאָנען צייטווייליק לינדערן דעם ווייטיק און נישט צולאָזן צו קיין גאַנגרענע, ביז דער מענטש וועט דורכמאַכן די שווערע איבערגאַנגס־צייט, די גייסטיקע פּובערטעט־צייט.

מיט איין וואָרט — פון א פּראָגרעסיווער קראַפט איז דער שכל־קולט געוואָרן א רעאַקציאָנערע. פון א צוגאָב־קראַפט לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער לעבנס־פולקייט, איז דער שכל־קולט געוואָרן אַ שטערונג פאַר דער לעבנס־פולקייט, ווייל ער האָט גענומען אויספּרעסן די וועלט פון אירע לעבעדיקע זאַפטן, כדי צו קענען זי, אָן אויסגעטריקנטע, אַריינפּרעסן אין דעם סדום־בעטעלע פונם פאַרהייליקטן, זעלבסטצופרידענעם „קאָגיטאָ ערגאָ סום", — „איך דענק, הייסט עס, אז איך עקזיסטיר", און אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט לאָגיש דענקען — עקזיסטירט נישט און דאַרף נישט עקזיסטירן. לויטן כלל: אויב אַ פאַקט פּאַסט זיך נישט אַריין אין דער טעאָריע, איז אַ טויט דעם פאַקט. און די אַזוי גערופענע איררעציאָנעלע וועלט איז דאָך אַ פאַקט.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אַרויסגערופן, ווי געוויינלעך, אַ רעאַקציע. און די באַרעכטיקטסטע רעאַקציע ווערט אָפט רעאַק־ציאָנער דערפאַר, ווייל זי נעמט איבער די ירושה פון טויט־

געשלאָגענעם קעגנער. אָנשטאָט אויסצורופן: „אויך איך עקזיסטיר!" און פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט אַ דעה צו זאָגן אין די ענינים פון וועלט און לעבן, האָט דאָס איראַציאָנעלע איבערגענומען דעם שלאַכט־רוף פון שכל־קולט און אים איבערגעניצעוועט פאַרן אייגענעם געברויך: „איך פיל, הייסט עס, אַז איך עקזיסטיר".

דעם פולסטן, סיסטעמאַטישסטן, באַרעדעוודיק־צוציענדיקסטן אויסדרוק האָט די דאָזיקע רעאַקציע פון די איראַציאָנעלע כוחות באַקומען ביי בערגסאָנען. דער שכל איז בלויז אַ קליין אינזעלע אינם ים פון אינטואיציע, וואָס איז דאָס אינערלעכסטע וועזן פון וועלט און לעבן. דער שכל איז בלויז אַן אונטער־שמש, וואָס די אינטואיציע האָט אויסגעטיילט פון זיך פאַר דער שמוציקער אַרבעט פון פּראַקטישן לעבן, פאַר וועלכער די אינטואיציע איז צו איידל. אָבער צו דער פיינערער אַרבעט פון באַגרייפן די וועלט און דאָס לעבן, טאָר מען דעם שכל נישט צולאָזן. דאָס איז נישט זיין פאַך, נישט לויט זיינע פעאיקייטן. דער שכל באַוועגט זיך פריי איבער דער אויבערפלאַך פון גראָב־פּראַקטישן לעבן, אָבער ווי אַזוי קאָן ער אַריינדרינגען אין אַ געביט, וואו ער איז לחלוטין פרעמד, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, וואָס זאָל זיין אינערלעך־קרוביש מיט אים?

מיט איין וואָרט — די אינטואיציע האָט איבערגעחזרט אַלע אַרגומענטן, וואָס דער שכל האָט פריער אַרויסגערוקט קעגן איר. און צוזאַמען מיט די אַרגומענטן האָט זי, נאַטירלעך, איבערגעחזרט אויך די אומגערעכטיקייט און דעם פאַטאַלן טעות.

פונקט ווי דער שכל האָט פריער נישט איינגעזען מיטן שכל, אַז ער איז נאָר אַ טייל פונם באַוועגנדיקן כוח פון וועלט און לעבן, און זייט ביי זייט מיט אים זענען דאָ נאָך כוחות, איראַציאָנעלע, אויסערלעך קעגנזעצלעכע צו אים, אָבער נישט אַ טייל איז געגעבן די קראַפט און דער רשות צו אורטיילן וועגן אומגעהייער קאָמפּליצירטן וועזן פונם גאַנצן, וואָס לאָזט זיך גאָר מיט קיין שום טייל נישט משיג זיין, אַזוי האָט איצט די אינטואיציע נישט אַרויסגעפילט מיט דער אינטואיציע, אַז זי איז נאָר אַ טייל פון דער אומגעהייער־איר־

ראַציאָנעלער דערשיינונג פון וועלט און לעבן, — אַ דערשיי־נונג, וואָס איז אויף אַזוי ווייט איראַציאָנעל, אַז זי דערלויבט זיך אפילו צו פאַרמאָגן אין זיך אַן עלעמענט פון שכל, פון ראַציאָנאַליזם.

זיי האָבן ביידע נישט פאַרשטאַנען אין זייער שכלדיקער און אינטואיטיווער באַגרענעצטקייט, אַז זייער פאַנאַנדערגעבלאָ־זענע גרויסקייט, כדי צו פאַרנעמען דאָס גאַנצע אָרט פאַר זיך, מוז מיאוס פּלאַצן, אַז זיי מוזן באַגרייפן און דערשפּירן זיי־ער באַשיידענע טייל־ראָלן און מיט געמיינזאַמע כוחות, — צוהעלפנדיק זיך ווי דער לאָמער מיטן בלינדן, — פּרואוון אַרויסשפּירן און באַגרייפן דעם אמת וועגן זייער געמיינזאַמען אָפּשטאַם.

* * *

דער קאַמף פאַר אַליינהערשאַפט צווישן שכל און אינטו־איציע האָט געהאַט שלעכטע רעזולטאַטן נישט נאָר אויפן טעאָרעטישן געביט, נאָר אויך אויפן געביט פון פּראַקטישן לעבן. אויב די אויבערהאַנט פונם שכל־קולט, וואָס האָט גע־הערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, האָט אָרעם געמאַכט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער מענטשהייט, האָט עס פאַרמאַטעריאַליזירט, אומפּרוכטבאַר געמאַכט, האָט דער אינ־טואיציע־קולט, וואָס איז געקומען נאָך אים, כמעט אינגאַנצן חרוב געמאַכט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער מענטשהייט, עס פאַרחיהשט.

דער דאָזיקער פּראָצעס, ווי אַלע פּראָצעסן פון לעבן, איז געווען נישט קיין פּלוצלונגדיקער; נישט בערגסאָן האָט אים אַרויסגעצויבערט פון היינט אויף מאָרגן. פאַר בערגסאָנען האָבן נישט געפעלט אויך קיין אַנדערע אַפּאָסטאָלן פון אינטואיציע. צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך געלאָזט הערן דער סטימולירנדיקער הימן פון ניטשען פאַר די אינטואיטיווע כוחות, פאַר דער וויטאַלער קראַפט, וואָס האָט אין זיך כלומרשט מער פאַרשטאַנד ווי דער שכל. בערגסאָן איז בלויז דער סיסטעמאַ־טיזירנדיקער אָפּשלוס פון אַ גאַנצן פּראָצעס. און דער קולט פאַר בערגסאָנען פאַלט כמעט צונויף מיטן בולטן אומגליק,

וואָס די דאָזיקע שיטה האָט געבראַכט, יעדנפאַלס טעאָרעטיש סאַנקציאָנירט, פאַר אונזער צייט.

* * *

מען איז געוואוינט צו וואַרפן די שולד פאַרן פאַשיזם אויף דער פריערדיקער וועלט־מלחמה מיט איר ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך. דאָס דערמאָנט מיך יענעם פויער, וואָס נאָכן אָפּעסן עטלעכע זעמל, אין רעזולטאַט, איז ער ענדלעך זאַט געוואָרן פון אַ בייגל און ער האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער האָט גלייך נישט געקויפט דעם בייגל. מען כאַפּט זיך תמיד אָן אין דער סאַמע לעצטער סיבה פון אַ גאַנצער קייט, ווייל זי לאָזט זיך אָנטאַפּן מיט דער האַנט.

די מלחמה און דער ווערסאַלער טראַקטאַט זענען בלויז געווען דער לעצטער שטויס צום פאַשיזם (און אפשר דער ווירטשאַפטלעכער וועלט־קריזיס? און אפשר די רעאַקציע צו דער רוסישער רעוואָלוציע?), אָבער די מלחמה האָט דאָך אויך געהאַט סיבות, וועלכע האָבן געפירט צו איר און וייטער געווירקט אויך נאָך איר. און חוץ דעם: צי דען ווירקן אויף אונזער געשיכטלעכן לעבן בלויז ממשותדיקע געשעענישן, וואָס לאָזן זיך אָנטאַפּן? מענטשן און פעלקער ווערן באַאיינפלוסט אין זייערע מעשים אויך דורך אידייען, נישט ווייניקער, און אפשר נאָך מער, ווי די אידייען ווערן באַאיינפלוסט דורך ממשותדיקע געשעענישן.

און די אידייען וועגן דער הייליקייט פון די טונקעלע איררַאַציאָנעלע כוחות, וועגן זייער סופּער־קלוגשאַפט און אומפעלערהאַפטיקייט האָבן געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף אונזער צייט. ביים טריאומף־מאַרש פונם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם האָט אין אַ סך מוחות פאַר אַמאָל, אומאָפּהענגיק פונאַנאַנדער, אויפגעלויכטן דער געדאַנק: אַנרי בערגסאָנס טראַגישער טריאומף! אין די בלוט־גיריקע לידער פון די מאַרשירנדיקע היטלער־באַנדעס, האָבן פאַר מיר געקלונגען, ווי אַ אונטערטאָן, די סענטימענטאַלע לידער פון דער דייטשער יוגנט־באַוועגונג, פונם „וואַנדער־פאָגעל". אָט וואו עס איז געלעגן איינס פון די וואָרצלען! אָבער עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען

קלוג געווען איידער דער קרוג איז צעבראָכן געוואָרן. צו די דאָזיקע האָט געהערט זשול בענדאַ, דער יידיש־פראַנצויזישער פילאָזאָף, איינער פון די אומדערשראָקנסטע ריטער פונם שכל־קולט אינם פעריאָד פון בערגסאָנס גרעסטע טריאומפן. ער האָט נישט נאָר באַקעמפט די פילאָזאָפישע סיסטעם פון בערג־סאָנען, נאָר אויך געזען און געשפּירט די פאַטאַלע רעזולטאַטן פון דאָזיקן אינטואיציע־קולט. זיין ביכל „דער פאַרראַט פון די גייסטיקע" איז אַ מעכטיקע עלעגיע אויפן פאַרשטויסענעם שכל־קולט, אויפן פאַרטריבענעם ראַציאָנאַליזם, אַ מעכטיקע עלעגיע און אַ נאָך מעכטיקערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונ־זער גייסטלאָזער, שכללאָזער צייט.

* * *

אויב דער העכסטער פּוסק איז דער אינסטינקט, אויב די אינטואיציע איז דער קוואַל פון ריינעם אמת, פון העכסטער גערעכטיקייט, דער איינציקער קאָמוניקאַציע־מיטל מיטן העכסטן פּרינציפּ פון וועלט און לעבן, איז דאָך דער העכסטער קרי־טעריום אין מיין געפיל, אין מיין ליבע און אין מיין האַס, וועלכע טאָרן נישט געצוימט ווערן, ווייל ווער וועט האָבן די העזה צו צוימען דאָס געטלעכע? ווער וועט האָבן דעם טרויעריקן מוט צו פאַרשטאָפּן דעם ריינסטן קוואַל פון לעבן?

אויב איך פיל, אַז מיין פאָלק, אַז איך גופא זענען העכער פאַר אַלעמען, הייליקער פאַר אַלעמען, — איז נישטאָ קיין שום קאָריגירנדיקער פאַקטאָר פאַרן דאָזיקן געפיל, ווייל דאָס גבית־עדות פונם שכל איז גאָרנישט ווערט, — דער אינטעלעקט האָט נישט קיין חלק אין דער העכערער אָנפירונג מיטן לעבן.

אויב איך פיל, אַז מאָרד, ליגן און פאַרראַט זענען הייליק, שיין, לעבן־באַרייכערנדיק, — געהער ווידער דאָס ערשטע און לעצטע וואָרט דעם געפיל.

פּונקט ווי דעקאַרט האָט נישט געפילט די געפאַר פון זיין שטאָלצן אויסרוף „קאָגיטאָ ערגאָ סום", ווען ער וועט באַהערשן די מוחות און דערנאָך די מעשים פון די דורות, אַזוי האָט אויך בערגסאָן נישט געפילט די פּראַקטישע געפאַר פון זיין טעאָרעטישן פילאָזאָפירן.

דערביי איז זיין טעאָריע נישט נאָר נישט אינגאַנצן פאַלש, נאָר זי פאַרמאָגט גרויסע, באַפרוכפּערנדיקע אמתן, וואָס זענען בכוח צו באַזייטיקן די שאָדנס, וואָס דער דיקטאַטאָרישער שכל־קולט האָט געשאַפן.

די אינטואיציע שפּילט אַ גרויסע ראָל אין אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן. איגנאָרירן זי הייסט אַ סך פאַרלירן. די אינטואיציע האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס אפילו צו אַ סך וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען און דערפינדונגען. עס זענען באַקאַנט פאַלן, ווען די פאָרשטעלונג וועגן אַ דערגרייכונג איז געקומען אַ סך פריער איידער מען האָט געקאָנט צוטרעטן ראַציאָנעל צו פאַרווירקלעכן זי. עס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז דער סאַמע ראַציאָנאַליסטישער וויסנשאַפטלעכער געביט איז אַ סך פרוכטבאַרער, ווען ער האָט די אונטערשטיצונג פון אינטואיציע.

די צוויי כוחות, וועלכע בערגסאָן זעט אין דער וועלט — דעם Elan Vital — דעם לעבנס־שטראָם, וואָס איז אינטואיציע, גייסט, לעבן, און די מאַטעריע, וועלכע רייסט זיך צו דער נידער און דער לעבנס־שטראָם מוז אין כסדרדיקער אָנשטרענגונג זי טרייבן אין דער הויך, — דער דאָזיקער נייער דואַליזם, וועלכן בערגסאָן אָנערקענט, איז אפשר וויסנשאַפטלעך נישט ריכטיק און איז פילאָזאָפיש אָפּצופרעגן, ווייל די ביידע כוחות זענען אפשר אָן איינס, וועלכן אונז איז שווער אויפצונעמען אין זיין איינהייט, אָבער דאָס דאָזיקע גלענצנדיקע, דיכטעריש־אינספּירירטע בילד גיט אַ ריכטיק געפיל פון לעבן, וואו מיר זעען אויף טריט און שריט, וואו מיר שפּירן אין זיך און אַרום זיך, אַז עס איז דאָ אַ שטייגנדער גייסט און אַ מאַטעריע, וואָס רייסט צו דער נידער. און די דאָזיקע פילאָזאָפישע דיכטונג פון בערגסאָנען איז אינספּירירנדיק, באַלויכטנדיק, דערהויבנדיק. אַלס פּראַקטישע דערציאונגס־היפּאָטעזע קאָן זי האָבן אַ גוטע ווירקונג.

און צולעצט — אחרון אחרון חביב — דאַרף דערמאָנט ווערן בערגסאָנס וויטאַליסטישע לעבנס־אָנשויאונג אַלס קעגנזאַץ צו דער מעכאַניסטישער. דאָס דאָזיקע וויטאַלע, וועלכע בערגסאָן ווייזט אויף סיסטעמאַטיש אין דער ביאָלאָגיע, קאָן

לייכט אַריבערגעטראָגן ווערן אויך אין דער סאָציאָלאָגיע. און דער זיג איבער דעם פאַטאַלן מאַטעריאַליסטישן און מעכאַניסטישן צוגאַנג צו סאָציאַלע פראַגן וועט אַ סך האָבן צו פאַרדאַנקען בערגסאָנס וויטאַליסטישער איינשטעלונג.

דאָס זענען די וויכטיקסטע פּונקטן פון בערגסאָנס שיטה, וואָס זענען לעבעדיק און דאַרפן לעבן, אָבער דערצו איז נויטיק, מען זאָל זיי אָפּטיילן פון דאָס טויטע ביי אים און אין דער ערשטער ריי פון דער שכל־פאַראַכטונג, פון דער שכל־דערניעדריקונג, וועלכע ער פּרעדיקט אַזוי פאַרפירעריש, אַזוי היפּנאָטיזירנדיק.

זיין רעאַקציע קעגן אַליינהערשערישן שכל־קולט איז געווען אַ גערעכטע און אַ פּרוכטבאַרע, אָבער כדי זי זאָל נישט ווערן פּונקט אַזוי פאַטאַל, ווי דער שכל־קולט — און אפשר נאָך פאַטאַלער — איז נויטיק געווען, אַז די רעאַקציע פון דער פאַריאָגטער אינטואיציע זאָל נישט פאַריאָגן דעם אינטעלעקט. זי האָט געדאַרפט איינזען, אַז אויב דעם שכל פעלן אָפּט פליגלען, איז זי גופא אָפט בלינד. דעם שכל זענען טאַקע נויטיק די פליגלען, דער שוואונג פון אינטואיציע, אָבער דער אינטואיציע זענען נישט ווייניקער נויטיק די אויגן פונם אינטעלעקט.

„כבדהו וחשדהו" איז דאָ צוגעפּאַסט פאַר ביידע הויפּט־כוחות פון מענטשלעכן גייסט. ביים גאַנצן רעספּעקט צו יעדן כוח באַזונדער, מוז יעדער פון זיי קאָנטראָלירט ווערן.

מיין פולער רעספּעקט פאַרן שכל, אָבער מען מוז שטיין אויף דער וואַך, ער זאָל זיך נישט צו פיל אָפּרייסן פונם וואָרצל, פון אינסטינקט, און זיך איינשליסן אין די אייגענע גרענעצן, צערנדיק צוערשט פון די אייגענע זאַפטן און דערנאָך טאַקע זויגנדיק דעם אייגענעם פינגער.

דער שכל האָט זיך דערטראַכט צו פרייהייט פון וואָרט, צו דער אומבאַרירלעכקייט פון מענטשלעכן יחיד, אָבער געבן פרייהייט פון וואָרט דעם וואָרט, וואָס פאַדערט די פאַרניכטונג פון דער דאָזיקער פרייהייט, וואָס פאַדערט די פאַרשקלאַפונג

פון דעם יחיד, דאָס איז אַ מיסברויך פון גראָדליניקן שכל, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון געזונטן אינסטינקט.

מיין פולער רעספּעקט פאַר דער אינטואיציע, אָבער מען מוז שטיין אויף דער וואַך, זי זאָל זיך נישט צו פיל אַרויס־רייסן פון אונטער דעם ליכט־קרייז, וואָס עס וואַרפט אויף אונזער פאָראויס־וועג דער שכל, און נישט אַוועקפירן אונז צוריק אין איר טונקעלן, געדיכטן וואַלד, פון וועלכן דער שכל האָט זי קוים גענומען אַרויספירן.

* * *

בערגסאָן איז געשטאָרבן אין צעשמעטערטן פראַנקרייך, אינם אָקופּירטן פראַנקרייך (אָקופּירט אָדער דורך נאַציסטן, אָדער דורך ווישיסטן). דער פילאָזאָפישער צוגרייטער פון דער אַקטיווער בלאָנדער בעסטיע האָט נאָך געקאָנט באַוויזן אַליין צו שפּירן די רעזולטאַטן פון דער אינטואיציע־אַליינהערשאַפט. צי האָט ער אָבער באַגריפן זיין פעלער? צי האָט ער כאָטש איינגעזען די עוולה פון דערנידעריקן דעם אינטעלעקט, פון אָפּ־נעמען ביי אים די גלייכע רעכט מיטן אינסטינקט (וועמענס אַוואַנגאַרד ער איז), פון אָפּנעמען ביי אים די וועטאָ־רעכט, ווען די אינטואיציע שמעקט צו פיל מיט אור־וואַלד? צי האָט ער כאָטש באַוויזן צו לאָזן אַ צושריפט צו זיינע ווערק, אַז די אינטואיציע איז גוט, ווען זי ווערט באַלויכטן דורכן שכל, און דער שכל איז גוט, אויב ער ווערט באַפרוכפּערט מיט אינטואיציע?

אַ פראַנצויזישער שרייבער, אַ ייד, האָט אַמאָל פאַרמסרט בערגסאָנען: ער האַלט זיך פאַר אַן אָנהענגער פון ציוניזם, אָבער אונטערשרייבן אַ ציוניסטישן אויפרוף קאָן ער נישט, וויל — וואָס וועלן זאָגן די פראַנצויזן וועגן זיין פראַנצוי־זישקייט?

דער אינספּירירנדיקער דיכטער פון אינטואיציע האָט זיך אין איינענעם לעבן געפירט נישט לויט זיין אינסטינקט, נאָר לויט דער סאַמע אויבערפלעכלעכסטער קאַלקולאַציע פון פּראַק־טישן שכל.

ביים איינציקן פאַל, ווען ער האָט זיכער באַדאַרפט פאָלגן זיין אינסטינקט — פּראָקלאַמירן זיין יידישקייט — האָט אים פאַרפעלט מוט. מיט זיין טעאָריע האָבן זיך אַנדערע באַדינט צום שלעכטן.

זיי, צום באַדויערן, פעלט שוין נישט קיין מוט.

שאַנכיי, 1941.

פּ. ס. ווי אַ סך אַרטיקלען, געשריבענע אין שאַנכיי, איז אויך דער דאָזיקער אַ רעקאָנסטרוקציע פון זכרון פון אַן אַרטיקל „שכל און אינטואיציע”, וואָס איז פאַרבליבן אין וואַרשע.

הלל צייטלין

זיין טרויעריק און צאַרנענדיק פּנים, זיין גרויסע באָרד, זיינע לאַנגע האָר זענען געווען גוט באַקאַנט אין פּוילן. זיין דאָזיקע פּאָפּולאַריטעט האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער טעגלעכער צייטונג „דער מאָמענט", אין וועלכער ער האָט געאַרבעט עטלעכע צענדליק יאָר און וועלכע פלעגט אָפט אונ־טערטראָגן אירע לעזער די פאָטאָגראַפיעס פון די הויפּט־מיט־אַרבעטער.

און הלל צייטלין איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַר־בעטער פון „מאָמענט", די צייטונג פון די יידן פון אַ גאַנץ יאָר, פון די יידישלעכע יידן, פאַר וועלכע ער, צייטלין, האָט געהאַט אי אַ יידישן זיפץ, אי אַ יידיש־מגידישן סטיל, אי יידישן מוסר, אי אַ נביאיש־שטראָפנדיק וואָרט.

הלל צייטלינס אַרטיקלען אין „מאָמענט" זענען געווען זייער פּאָפּולער, הגם זייער אַ סך יידן פון די יונגע האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייט זייער צוציען־דיקע קראַפט: זיי זענען דאָך אַזוי נודנע, איינער איז ענלעך צום צווייטן, אָן אַ באַזונדערן אינהאַלט. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע אַרטיקלען פאַנגען די הערצער פון די יידישלעכע יידן מיט דעם, וואָס זיי זענען אָפּקלאַנגען פון דער יידישער מוסר־ליטעראַטור, פון דער יידישער עטיש־שטראָפנדיקער ליטעראַטור.

אין דעם איז געווען דער צויבער פון די צייטלינשע אַר־טיקלען פאַר די יידן פון אַ גאַנץ יאָר, אָבער אין דעם איז אויך געווען זייער שוואַכקייט פאַר די נייע, פאַר די יונגע יידן, גע־וואוינטע צו דער אייראָפּעאישער פאָרם פון פּובליציסטיק.

פאַר די דאָזיקע איז הלל צייטלין דער פּובליציסט געווען אַן אַנאַכראָניזם, פאַר די דאָזיקע האָט דער דאָזיקער „מאָמענט"־צייטלין פאַרשעמט מיט זיין עלטער זיין יוגנט.

און די דאָזיקע זענען נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט אין זייער אָפּשאַצונג פון צייטלין דעם פּובליציסט פון „מאָ־מענט”. עס איז געווען אין דעם אַ גרויסע דאָזע לעכערלעכקייט: צייטלינס נביאישער טאָן און נביאישער צאָרן האָבן אַזוי ווייניק הארמאָנירט מיטן אַלגעמיינעם פּנים פון „מאָמענט”!

צי האָט צייטלין געפילט די דאָזיקע לעכערלעכקייט אָדער נישט — ווייס איך נישט, אָבער אַז אַנדערע האָבן זי געפילט — קאָן איך עדות זאָגן.

אָבער צום גליק פאַר הלל צייטלינען איז זיין רום, וואָס איז געווען באַגרינדעט אויפן „מאָמענט”, בלויז אַ לאַנגער, אָבער נישט דער עיקרדיקער מאָמענט אין זיין שריפטשטעלערישער ביאָגראַפיע.

און די דאָזיקע ביאָגראַפיע איז זייער אינטערעסאַנט, אפילו אינערלעך דראַמאַטיש. אָנגעהויבן האָט ער די דאָזיקע ביאָגראַפיע אַלס אָנהענגער און פּרעדיקער פון ניטשעאַנישע אידייען, און געענדיקט האָט ער זי אַלס פייערדיקער אָנהענגער און קאָמענטאַטאָר פון „זוהר”.

* * *

די שריפטשטעלערישע געשטאַלט פון הלל צייטלין איז פול מיט עקסטרעמען, מיט ליכט־ און שאָטן־שפּיל. ביים לייענען זיין אָפּהאַנדלונג וועגן ברענערן און גנעסינען, זיינע נאָענטע יוגנט־חברים, האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז דער זעלבער צייטלין פון „מאָמענט”. און דערביי דער זעלבער צייטלין אפילו נישט פון צוויי פאַרשידענע פּעריאָדן פון זיין לעבן, נאָר דער זעלבער אַלטער צייטלין פון „מאָמענט”. אין די דאָזיקע דעראינערונגען זיינע וועגן קרייז, אין וועלכן ער האָט פאַרקערט אין דער יוגנט, טרעט פאַר אונז אַרויס אַ מענטש מיט אַן אַנטוויקלטן ליטעראַריש־עסטעטישן געשמאַק, אַ מענטש מיט אַ גרויסער שריפטשטעלערישער קולטור, אַ דינער פּסיכאָלאָג, — שיעור נישט אַן אייראָפּעער פון דעקאַדענטישער ראַפינירטקייט; און אין „מאָמענט” האָבן מיר פאַר זיך אַ יידישן מגיד סיי לויטן

סטיל, סיי לויטן אינהאַלט, סיי לויט די תנועות, וואָס דרינגען דורך יעדעס וואָרט.

* * *

הלל ציטלין איז אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. ער איז געקומען אַן אָנגעזאַפּטער מיט יידישער קולטור און פול מיט דורשט נאָך דער אייראָפּעאישער. דאָס איז געווען אַ צייט פון צוזאַמענשטויס צווישן בערדיטשעווסקים נעאָ־פּאַגאַניזם מיט אחד העמס נעאָ־יודאַאיזם, און הלל ציטלין איז געווען נענטער צום ערשטן שטראָם פון דעמאָלטיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. ער איז געווען אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון ניטשעס אידייען און ער האָט באַקענט די יידישע יוגנט מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. קיינער האָט דאַן אין דאָזיקן ציטלין נישט געקאָנט פּאָראויסזען איינעם פון די גרונט־לייגער פון טעאָרעטישן נעאָ־חסידיזם (פּרץ איז געווען זיין ליטעראַרישער גרונט־לייגער) און איינעם פון דיליידנשאַפטלעכסטע קאָמענטאַטאָרן פון „זוהר״.

ציטלין איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ ראַדיקאַלע מעטאַמאָרפאָזע: אפילו בערדיטשעווסקי גופא איז אַוועק פון ניטשען און פונם נעאָ־פּאַגאַניזם און האָט זיך פאַרטיפט אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. אויב אָבער בערדיטשעווסקים מעטאַמאָרפאָזע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, נאָר אַן עמאָציאָנעל־ליטעראַרישע, איז הלל ציטלינס מעטאַמאָרפאָזע געווען טיפער, ראַדיקאַלער: הלל ציטלין האָט זיך אומגעקערט נישט נאָר צום גייסט פון דער אַלט־יידישער קולטור, נאָר אויך צום אות פון אַלט־יידישן געזעץ; ער האָט זיך אומגעקערט צו דער יידישער טראַדיציע, ווי צו אַן אומבאַדינגטן טייל פון דער יידישער קולטור, פון יידישן גייסט.

הלל ציטלין דער ניטשעאַנער, דער פילאָזאָף־פּאָפּולאַריזאַטאָר, דער פייערדיקער נאַציאָנאַלער פובליציסט, איינער פון די טעאָרעטיקער פון טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, — דער דאָזיקער ציטלין דער אייראָפּעער האָט זיך צוריקגעקערט אין שוים פון אַלטמאָדישן יודאַאיזם, זיך טובל זייענדיק נישט נאָר

אינם וועלט־געפיל פון חסידיזם, ווי פּרץ, נישט נאָר אינם מיסטישן וועלט־בילד פונם „זוהר", נאָר אויך אין דער רעלי־גיעזער פּראַקטיק פון יידנטום.

הלל צייטלין איז נישט געווען דער ערשטער אין אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צו דער יידישער טראַדיציע, צו דער תורה שבכתב און צו דער תורה שבעל פּה, ווי צום איינציקן קוואַל, וואָס גאַראַנטירט אונזער לעבן, ווי צו דער איינציקער לעבנס־פירונג, וואָס איז ווערט די מי, געלעבט צו ווערן. פאַר אים האָט דעם דאָזיקן וועג דורכגעמאַכט, נאָך שטורמישער, נתן בירנבוים (מתתיהו אחר), פאַר וועלכן דער דאָזיקער וועג איז געווען אַ לענגערער ווי פאַר הלל צייטלינען, ווייל ער איז געווען נענטער, ווי יענער, צו דער אייראָפּעאישער קולטור, און נישט אַזוי נאָענט, ווי יענער, צו דער יידישער.

* * *

הלל צייטלין האָט געהאַט אַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט, אַ ריזיקן יידישן וויסן און איז פול געווען מיט די העכסטע אַלמענטשלעכע אידעאַלן. און ער האָט פאַרקערט אין איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע קרייזלעך פון ליטעראַטן־פּערזענלעכ־קייטן אין אונזער ליטעראַטור פון אָנהויב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט: אינם קרייז פון ברענער, גנעסין, שאָפּמאַן. און ער, צייטלין, האָט אַריינגעטראָגן אין דאָזיקן פיל־פאַרביקן קרייז זיין אייגענעם ניואַנס פון זוכן אמת און שיינקייט. אַלע אָנגע־זעענסטע, אויבן אָנגערופענע מיטגלידער פון דאָזיקן קרייז זע־נען שפּעטער אַוועק מיט נישט פאָראויסגעזעענע וועגן: שאָפּמאַן איז געוואָרן דער העברעאישער אַלטענבערג, דער זינגער פון עראָטיק, דער גויאישסטער שרייבער אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור; גנעסין האָט אין זיין פּראָזע דערגרייכט די דינסטע שיינקייטן פון פּאָעזיע און מוזיקאַלישקייט פון וואָרט; ברענער איז געוואָרן דער געוויסן פון דור, אַ ניי־וועלטישער צדיק, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער נייער ליטעראַטור דעם עטישן ספּעציפישן געוויכט פון דער אַלטער; און צייטלין האָט אויך דורכגעמאַכט אַ מאָדנע מעטאַמאָרפאָזע, דערביי

נאָך א טאָפּלטע: פון איין זייט האָט דער דאָזיקער זוכער פון א נייעם אַלמענטשלעכן אמת זיך אומגעקערט צו די טפילין און זוהר, וועגן וועלכן ער האָט אָנגעשריבן א גאַנץ בוך, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער „התקופה"; און פון דער צווייטער זייט האָט דער דאָזיקער נייער אַפּאָסטאָל פון אַלטן יודאאיזם אויפגעשטעלט זיין געצעלט אין „מאָמענט".

ברענער איז געוואָרן אן אומבאַפּלעקטער הייליקער; גנעסין איז געוואָרן דער זינגער פון נישט אויסגעלעבטער ליבע, וואָס שטייט אויף יענער זייט פון לעבן, ווייל זי קאָן נישט שלום מאַכן מיט זיין גראָבקייט; שאַפּמאַן איז געוואָרן דער זינגער פון דער אונטערוועלטישער ליידנשאַפט אינם מענטשן; און צייטלין איז געוואָרן א נביא אויפן וואָכעדיקן יאריד פון א „מאָמענט". דאָס וואַרפט, נאַטירלעך, א שאָטן אויפן גורל פון יידישן שרייבער (וויפיל פון זיי האָבן געקרעכצט אונטערן יאָך פון פאַרשקלאַפט זיין ביי דער טאָג־פּרעסע!), נאָר אויך אויפן כאַראַקטער פון צייטלינען גופא (וויפיל שרייבער זענען בייגע־שטאַנען דעם נסיון פון מאַטעריעלער פאַרזיכערטקייט!). עס רייצט דער געדאַנק, וואָס הלל צייטלין האָט געקאָנט אָטעמען מיט דער לופט פון „מאָמענט", אָבער עס באַרואיקט דער גע־דאַנק, וואָס גראָד אָט־אָ־די אינערלעכע סתירה האָט דעם דאָזיקן מענטשן געמאַכט אזוי טרויעריק, אזוי היסטעריש־וויינענדיק. דאָס שטאַרקע אין אים (און צייטלין האָט פאַרמאָגט קראַפט) האָט זיך געבונטעוועט קעגן דאָס שוואַכע אין אים, און אויב צייטלין דער שרייבער האָט געליטן פון דאָזיקן קאָמפּראָמיס, האָט צייטלין דער מענטש געליטן דערפון אפשר נאָך מער. נישט געמאַכט זענען געווען די, וועלכע האָבן שוין צו פּשוט דערקלערט צייטלינס אויפפירונג מיט פּשוטער צביעות און האָבן נישט געגלויבט נישט זיינע וויינענדיקע מוסר־אַרטיקלען אין „מאָמענט", נישט זיין רעליגיעזע מעטאַמאָרפאָזע; צייטלין איז געווען אן עכטע רעליגיעזע נאַטור, און זיין צוריקקער אין דער שוים פון טראַדיציאָנעלן יידנטום איז געווען דער רעזולטאַט פון א טיפער אינערלעכער נויטווענדיקייט און פון א לאַנג־יאָריקער גייסטיקער ארבעט. דער שאָטן, וואָס פאַלט אויף הלל צייטלינען פון „מאָמענט" דאַרף נישט פאַרטונקלען די

ליכט, וואָס ער שטראַלט אויס. צייטלין איז נישט געווען קיין הייליקער, אָבער אויך נישט קיין צבועק, — ער איז געווען אַן עכטע רעליגיעזע נאַטור, אָבער נישט אָן די פסולת פון אַ שוואַכ־לעכן כאַראַקטער.

* * *

ערשט מיט אַ זעקס יאָר צוריק האָב איך אים געזען אין אַ שפּעטן אָוונט אין שטוב פון זלמן מייזנערן אין וואַרשע: זיין באָרד איז געווען אויסגעקרומט אין אַ זייט; זיין פּנים איז געווען אויסגעקרומט־פאַרשפּיצט; די שטים איז געווען דורכגע־זאַפּט מיט כראָנישער פאַרוויינטקייט; און דער דאָזיקער זקן, וועלכער האָט אַליין ווי אונטערגעשניטן זיין הויך, איז געזעסן איינגעבויגן, אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אויף זיין שטעקן און גערעדט מיט צאַרן, מיט באַליידיקונג, און די ווערטער זענען ליידנשאַפטלעך־צאַרנדיק אַרויסגעפלויגן פון זיין מויל עפּעס ווי צוגעשפּיצט־אויסגעקרומט:

— יאָ, איך בין אַלט, אָבער די נאָז איז נאָך ביי מיר גוט, ווי ביי אַ שפּיר־הונט, און איך שפּיר שאַרף, איך שפּיר שאַרף...

און ער האָט געוויזן מיט דער נאָז, ווי אַזוי ער שפּירט...

— איך שפּיר דעם אומקום, וואָס רוקט זיך אָן, — האָט ער ווייטער גערעדט, — איך שפּיר דעם אומקום, אָבער קיינער הערט נישט מיינע רייד, קיינער הערט נישט...

און שטיל איז געוואָרן אין צימער. און דער וואָוילער מייזנער (דער איינציקער געזעלשאַפטלעכער טוער, פון אַלע, וועל־כע איך האָב געקענט, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט אפילו אַ שאָטן פון פערזענלעכער אַמביציע, וואָס האָט פולשטענדיק מקריב געווען זיין „ווילן צו מאַכט״ צוליב דער אידייע, וואָס איז אים געווען טייער), — דער דאָזיקער וואָוילער מייזנער האָט מיט שווייגעוודיקער נערוועזיטעט אַראָפּגענומען און אָנ־געטון די פענסנע, און אין די צווישן־מאָמענטן האָבן זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויסגעדריקט אַזויפיל גוטמוטיקן טרויער! און איך האָב געקוקט אויף הלל צייטלינען, אויפן דאָזיקן דע־

קאַדענטישן נביא פון אַ דעקאַדענטישן פאָלק. און ס'איז געווען אַזוי טרויעריק...

ווי דאָס אַלץ איז ווייט! ווי דאָס אַלץ איז ווילד ווייט!

און איך באַמערק, אַז איך רעד וועגן דעם אַלעם אין דער פאַרגאַנגענער צייט...

נישט שוין־זשע איז דאָס אַלץ געוועזן, געוועזן, בלויז — געוועזן?

איך קוק זיך שאַרף איין אין מיינערם קורצזיכטיקע אויגן; איך הער זיך איין צו הלל צייטלינס שאַרפע און צאַרנדיקע ווערטער, — נישט שוין־זשע איז פון דעם אַלעם פאַרבליבן אומגעענדערט בלויז מיין טרויער, מיין אומלעשבאַרער אומעט?

צי וועסטו נישט אַנטשוויגן ווערן, ענדלעך, דו פאַרשאָלטענער טרויער?!

שאַנכיי, סעפּטעמבער, 1944.

* * *

ווען דער אויבן געדרוקטער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן אין אָנהויב האַרבסט 1944 (די כוואַליע פון ליטעראַרישע דער־אינערונגען, וועלכע האָט מיך געטראָגן און געהאַלטן מוטערלעך איבערן וואַסער אין משך פון פיר יאָר, האָט מיך דערטראָגן צו הלל צייטלינען), האָבן מיר נאָך אין שאַנכיי נישט געהאַט קיין פּרטים נישט וועגן אַלגעמיינעם גרויסן חורבן, נישט וועגן די איינצלנע קרבנות. די ידיעות וועגן חורבן פּוילן, וועגן חורבן פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, זענען געווען אַזוי נעפּל־האַפט, אַז אַ סך האָבן זיך נאָך געקאָנט טרייסטן: „מען טרייבט איבער, מען טרייבט אַ סך איבער".

דאָס, וואָס האָט טאַקע באַדאַרפט זיין אומגלויבלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אמת. און מיר דערוויסן זיך פּרטים וועגן אַלגעמיינעם חורבן, וועגן אומקום פון יחידים, וואָס זעען נאָך אויך איצט אויס אומגלויבלעך. דאָס, וואָס איז געשען, שטייגט אַריבער די מענטשלעכע פעאיקייט תופס צו זיין.

און צווישן די איינצלהייטן, וואָס מיר דערוויסן זיך, זענען אויך דאָ איינצלהייטן וועגן הלל צייטלינס קדושים־טויט.

די חיות זענען צו אים געקומען (מאַסקירט, ווי תמיד, אַלס מענטשן) און אים געוואָלט נעמען צו דער שחיטה. זיי האָבן הלל צייטלינען געטראָפן ביים לערנען. ער האָט זיי גע־זאָגט, אַז ער איז גרייט צום אומקום, אָבער אָן מורא, רואיק האָט ער גענומען טון אַ זאַך, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אויסזיכט אויף דערפאָלג: ער האָט גענומען רעדן צו זייער געוויסן, — אַ זאַך, וואָס זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט.

און ווי מען דערציילט, האָט די גלײַיטערטע קראַפט פון דאָזיקן זקן אַזוי געווירקט אויף זיי, אַז די געשטאַפּאָ־לייט זע־נען אַוועק אָן זייער רויב.

אויב מיר האָבן דאָ נישט קיין וואונדערלעכע לעגענדע*), — וועלכע שליסט אָפּ אַזוי הארמאָניש דאָס אין גייסטיקער ראַנגלעניש פאַרבראַכטע לעבן פון הלל צייטלין, — מוז מען אָנהויבן צו גלויבן אין נסים. וואָס איז דער נס פון ארויס־שלאָגן וואַסער פון אַ שטיין, פון ארויסגיין גאַנץ פון אַ קאַלך־אויוון, פון ארויסגיין גאַנץ פון אַ לייבן־גרוב, אַקעגן דעם נס פון אַרויסשלאָגן פון נאַצים אַ פונק מענטשלעכקייט? אַ נס איז דאָך אַ האַנדלונג, וואָס איז איבערנאַטירלעך, — וואָס־זשע אויף דער וועלט איז איבערנאַטירלעכער, ווי אַ שאָטן פון מענטשלעכקייט אין די היטלער־חיות?

וואָס איז אין פאַרגלייך מיט הלל צייטלינס דאָזיקער טאָט די טאָט פון אָרפעאוסן, וועלכער פלעגט מיט זיין זינגען פאַר־צויבערן חיות?

אָבער די מאָדערנע חיות זענען געצוימט געוואָרן נישט אויף לאַנג. אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי ווידער געקומען נאָך זייער רויב. הלל צייטלין, אָנגעטון אין טלית, איז זיי־אַנטקעגנגעגאַנגען, און אַזוי, אָנגעטון אין טלית, איז דער זקן

---

*) ווי איך ווייס שוין היינט, איז דאָס אַ לעגענדע, — דאָך לאָז איך דעם אַרטיקל, ווי ער איז געשריבן געוואָרן אין שאַנכיי. די לעגענדע איז דאָ, ביי הלל צייטלינען, ווירקלעכער פאַר דער ווירקלעכקייט.

מאיעסטעטיש געגאַנגען צו דער עקידה דורך די גאַסן פון געטאָ.

די דאָזיקע געשטאַלט פון הלל צייטלין, געליטערט אין פייער פון היטלערס קאַלך־אויוון, שטראַלט אַרויס צו אונז, ווי איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, ווי איינער פון די אומצאָ־ליקע הרוגי מלכות.

קאָן דען באמת אומקומען אַ פאָלק, וואָס גיט אַרויס ביים אומקום אַזוי פיל גייסטיקע העלדישקייט, וואָס לעבט אויף ביים אומקום די בעסטע טראַדיציעס פון זיין טויזנט־יאָריקער מאַרטיראָלאָגיע?

6 יאַנואַר, 1946.

אַנטלאָפן פון אונטערן יאָך...

(וועגן די „פינף" פון וו. זשאַבאָטינסקי)

איך וועל נישט אָנרעכענען אפילו קיין פינף אַרטיקל־זאַמלונגען, וואָס האָבן אויף מיר אין דער פריער יוגנט גע־מאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך האָב זיי פאַרגעדענקט אויפן גאַנצן לעבן, — מיט אַלע אייגנאַרטיקייטן פון זייער סטיל און אפילו מיט אַ טייל פון זייער קאָנקרעטן אינהאַלט.

צווישן די דאָזיקע ווייניקע זאַמלונגען פאַרנעמט נישט דאָס לעצטע אָרט זשאַבאָטינסקיס זאַמלונג „פעליעטאָנען" — פון 1912.

איך בין געווען אַזוי באַצויבערט פון דער דאָזיקער, נאָך ביז איצט לעבעדיקער אַרטיקל־זאַמלונג, אַז צוליב איר האָב איך ביזן יאָר 1928 אָנערקענט נאָר זשאַבאָטינסקין דעם זשורנאַ־ליסט און עסייאיסט און דעם — ביאַליק־איבערזעצער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין בעלעטריסטיק איז, וואַרשיינלעך, בלויז אַ קאַפּריז פון אַ טאַלאַנט, וואָס וויל באַווייזן, אַז אויך דאָס „יכולט" ער.

ערשט אין 1928, ביים לייענען „שמשון הגבור", האָב איך באַגריפן, אַז זשאַבאָטינסקי דער זשורנאַליסט דערנערט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויפן חשבון פון זשאַבאָטינסקי דעם דיכטער, און נישט פאַרקערט... ווייל „שמשון הגבור" איז נישט קיין ראָמאַן פון אַ געשיקטן זשורנאַליסט, וועלכער „יכולט" אויך דאָס; דאָס איז אַ ראָמאַן פון אַ דיכטער, וועלכער לעבט אין פרעמדן לאַנד פון דער זשורנאַליסטיק האַלב־פרייוויליק, ברענגענדיק אַלס קרבן זיין פּאָעטישן טאַלאַנט אויפן מזבח פון זיין פּאָליטיש־זשורנאַליסטישער ליידנשאַפט, פאַר־גוואַלדיקט דורך דער יידישער ווירקלעכקייט, וואָס אייפערט יעדן, וואָס האָט זי ליב, צו די זאַרגלאָזע מוזעס...

איצט האָב איך זיך באַקענט מיט זשאַבאָטינסקיס אַ

צווייטן בעלעטריסטישן בוך, מיט זיין גרויסער דערציילונג „די פינף". און נאָכן איבערלייענען דאָס דאָזיקע בוך, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זשאַבאָטינסקי האָט פאַרמאָגט אַ נישט־דורכ־שניטלעכן דערציילערישן טאַלאַנט. און ער האָט, וואַרשיינלעך, צייטנווייז ווייטיקדיק, שטאַרק ווייטיקדיק געשפּירט די האַרטע נויטווענדיקייט אָפּצורייסן זיך פון זיין אינטימער נייגונג.

און דאָס איז נישט סתם אַזוי זיך אַ השערה. ערשטנס, — זשאַבאָטינסקי אַליין באַמערקט וועגן דאָזיקן בוך, אַז ער שרייבט עס אין אַ צווישן־מאָמענט פון אָפּרו, אַז עס איז זיין גייסטיקער אָפּרו: דער דיכטער אין אים, הייסט עס, מוז פון צייט צו צייט אָן אָטעם טון די לופט פון זיין היימלאַנד, כדי צו האָבן כוח ווייטער צו טראָגן די לאַסט פון זיין קרבן; און צווייטנס — יעדע שורה פון דאָזיקן ווערק און דאָס בוך אַלס גאַנצעס זענען לעבעדיקע עדות פון דאָזיקן פאַקט: מען פילט, ווי דער שרייבער פאַרכלינעט זיך מיט דער פרייער היימישער לופט, ווי ער אָטעמט פריי אָפּ.

כמעט אַלע פּערסאָנאַזשן פון דאָזיקן בוך זענען אויס־טערליש לעבעדיק: זיי בלייבן שוין אייערע גוטע באַקאַנטע אויפן גאַנצן לעבן, — אָבער צו די לעבעדיקסטע פיגורן פון דאָזיקן בוך געהער דער מחבר גופא. ווי גוט מיר דערקענען אים, ווי מענטשלעך ער איז, ווי האַרציק און רירנדיק ער איז ביים בולט מאַכן זיינע פּשוטע און אפילו באַנאַלע איבערלע־בונגען און צוגעבונדנקייטן! אין דאָזיקן בוך זעען מיר דעם שרייבער אין צושטאַנד פון פאַרטרוימטן אָפּרו: ער גיט פריי־הייט זיינע דעראינערונגען און טרוימען; ער שמייכלט באַגליקט, דערמאָנענדיק זיך וועגן דער הימלישער הנאה ביים פאַרזינקען מיטן גאַנצן פּנים (און אַלס צוגאָב — מיט דער גאַנצער נשמה!) אין דער ליידנשאַפטלעכער עבודה פון אויסנאָגן דעם זיסן זאַפט פון אַ שטיק אַרבוז; ביים אַראָפּלאָזן די פיס אינעם וואַסער פון שוואַרצן ים; ביים קאָנטאַקט מיט אָדעס, וואָס איז פאַר אים, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש א. א. וו., א. אַ. וו., ווי דאָס איז אָפן און צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם, וואָס קאָן לייענען אפילו נישט צווישן די שורות, נאָר פּראָסט־פּשוטע שורות, אין וועלכע עס צאַפּלט אַן אָפּרוענדיקע נשמה.

* * *

איך בין זיך מודה: ווען באַקאַנטע האָבן מיר געזאָגט, אַז מען קאָן באַקומען זשאַבאָטינסקיס בוך „די פינף“, אַ געשיכטע וועגן פינף קינדער פון אַ יידישער משפחה, וועלכע גייען מיט פאַרשידענע וועגן צו זייער אומקום, בין איך זיכער געווען, אַז איך וועל געפינען אַ „יידישן“ ראָמאַן, וואו פינף קינדער געהערן צו פאַרשידענע יידישע פּאַרטייען און דורך זייערע ברידער־קאַמפן סימבאָליזירן זיי די גאַנצע צעריסנקייט פון יידישן לעבן, זיין גאַנצן גייסטיקן צעפאָרענעם כאַאָס.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַנדערש.

מאַרוסיאַ, וואָס פאַרמאָגט דעם טאַלאַנט אויסצודריקן דאָס טיפסטע און פאַרפּלאָנטערטסטע לייכט און גראַציעז, — די וואונדערלעכע מאַרוסיאַ בעט — אויף אַ שטעלע אין בוך — דעם מחבר צו פאָרן מיט איר אין הויז פון איר קריסטלעכן באַקאַנטן, כדי אָפּצורוען זיך כאָטש איין אָוונט פון די רייכע און פון די אָרעמע יידן.

אָט־אָ־דער פאַרלאַנג אַרויסצוקריכן פון דער אייגענער הויט (אַ געפיל, וואָס קומט אויף צייטנווייז ביי אַ סך פון אונז) האָט געהאַט זשאַבאָטינסקי גופא, ווען ער האָט געשריבן דאָס דאָזיקע בוך: דעם פאַרלאַנג צו פאַרגעסן דעם אייגענעם יידישן הויקער, פילן בלויז אַלס מענטש, דורכלעבן פולבלוטיק אַ שטיק לעבן נישט אונטערן אַספּעקט פון דער יידישער פראַגע, נאָר אונטערן אַספּעקט פון האָמאָ סאַפּיענס. זשאַבאָטינסקי פאַרזינקט אינגאַנצן, מיט אַלע חושים, ווי אין אַן אָרגיאַזם, אינם פּרישטיק אויפן שיפל, אינם באַשרייבן דעם הויף־שומר כאָמאַ, אינם באַשרייבן די יפה־פיה — אָדעס. ער געפינט אפילו אין זיין נשמה לירישע טענער פון גרויסער ריינקייט, ווען ער טרויערט אויף דעם, וואָס ער וועט שוין מער נישט זען זיין אָדעס, דאָס גן־עדן־וויגעלע פון זיין קינדהייט און יוגנט. עס ווילט זיך מיר זאָגן (און כ'וועל זאָגן, הגם כ'האָב מורא!), אַז די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך אָדעס האָט מיר — כ'ווייס נישט פאַרוואָס! — דערמאָנט די ציון־עלעגיעס פון ר' יהודה הלוי.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ ווידוי פון אַן אַפּרוענדיקער נשמה, — אַ נשמה, וואָס האָט כשר פאַרדינט איר אָפּרו. און דער דאָ־

זיקער ווידוי איז ערלעך און מוטיק דערפאַר, ווייל ער האָט קיין מורא נישט אויסצוזען באַנאַל די קליינבירגערלעכע נשמה־לעך. דער, וואָס פילט נישט אין דער באַשרייבונג פונם פרישטיק אויפן שיפל אַ צניעותדיקע תפילה צום לעבן, — צום שרעק־לעכן און זיסן, צום געהיימניספולן און פיזיש־נאָענטן לעבן, — דער, וואָס פילט דאָס נישט, יענער האָט קיינמאָל נישט געלעבט אינטענסיווער און דערהויבענער פאַר בהמות. אין דער דאָזיקער סצענע, אין דער דאָזיקער סטאַנדאַרד־סצענע פון גאַנצן בוך, מאַכט זשאַבאָטינסקי אויף דער שוועל פון עלטער אונזער יידישן „שהחינו" איבערן לעבן מיט דער זעלבער פרישקייט פון געפיל און גייסט, מיט וועלכער דער ערשטער גלויביקער האָט געמאַכט די ערשטע ברכה איבער אַ כוס וויין, איבער אַ שלוק קוואַל־וואַסער.

און יענער, וועט עס וועט נישט דערפילן די גאַנצע צניעות פון דער לייכטזיניקער מאַרוסיאַ, האָט קיינמאָל גאָרנישט געגאָסן, אַ חוץ נידעריקע ליידנשאַפטן.

אָבער צו וואָס זיך פאַרלירן אין פּרטים? פאַר מיר איז דאָס דאָזיקע בוך אַן אָריגינעלער הימן צום לעבן מצד אַ מענטשן, וועלכער איז פּעאיק געווען איבערצולעבן די וועלט צניעותדיק, ווי דער ערשטער פילאָזאָף און דער ערשטער דיכ־טער, וועמען עס איז נאָך נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען קאָן דעם אויפגעבליצטן געדאַנק און דעם אויפגעבליצטן געפיל פאַרמויערן אין אַ טראַקטאַט אָדער אין אַ פּאָעמע און פאַרקויפן דאָס דעם פאַרלעגער.

זשאַבאָטינסקי האָט אין דאָזיקן בוך געוואָלט אַנטלויפן פון די אָרעמע און פון די רייכע יידן צו אַ ריין־מענטשלעכער איבערלעבונג.

און דאָס איז נישט קיין צופעליק געפיל. אין זשאַבאָטינ־סקין איז תמיד געווען לעבעדיק דער דאָזיקער פאַרלאַנג און ער האָט אָפט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר זיך. (און צי דען שטויסט נישט דאָס דאָזיקע געפיל אַזעלכע מענטשן, ווי זשאַ־באָטינסקי, צו אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, כדי צו באַפרייען זיך און זייער פאָלק פון דער אינערלעכער יידישער פראַגע, וואָס שטייט צווישן זיי און דעם צניעותדיקן אויפנעמען די

וועלט און דאָס לעבן?) זיין שמשון גייט צו די פּלשתים, כדי צו שפּאַטן און לאַכן, טרינקען ווײַן און ליב האָבן פרויען — ד. ה. טון דאָס, וואָס שמשונען דעם נזיר איז פאַרבאָטן אין דער היים. אים ווילט זיך נישט צוריקקערן צו זיינע ברידער פון שבט דן, אים ווילט זיך פאַרבלייבן ביי דלילהן. און נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט ליב די דאָזיקע פרוי, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זשאַבאָטינסקיס שמשון וויל, ווי זשאַבאָטינסקיס מאַרוסיא, אָפּרוען זיך אביסל פון די רייכע און פון די אָרעמע יידן.

אינם בוך „די פינף" זאָגט דער מחבר דרך אגב, אַז אין דער פאַמיליע פון די דאָזיקע פינף קינדער האָט ער קיינמאָל נישט אַגיטירט, קיינמאָל נישט געפירט קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אידייען, — ווי מען זעט, פלעגט ער שוין אויך דאַן גערן אָפּרוען זיך פון פּראָפּאַגאַנדע.

און דאָס זעלבע טוט ער אין „די פינף", — ער פּראָפּאַגאַנדירט נישט. נישט נאָר ער שאַפט נישט קיין נאַציאָנאַלן מוסר־ראָמאַן, נאָר ער פּראָפּאַגאַנדירט נישט אפילו דאַן, ווען די דערציילונג לאָדט ממש איין דערצו. למשל:

מאַרקאָ, איינער פונם „פינפטל", זאָגט צום מחבר:

— פאַרוואָס קאָן נישט אַ מענטש נעמען און דערקלערן זיך אַלס אַ גרוזינער?

דער מחבר ענטפערט אים:

— אגב אורחא, מאַרקאָ, אויב שוין יאָ זוכן פאַר זיך אַ נאַציע, פאַרוואָס־זשע זאָלט איר נישט צושטיין צו די ציוניסטן?

און דער מחבר איז מוסיף:

— ער האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט זיינע קיילעכדיקע אויגן אין פולער שטוינונג; פון דאָזיקן בליק איז קלאָר געווען, אַז אפילו אין שפּאַס, פינף אַזייגער פאַרטאָג, קאָן זיך אַ נאָרמאַלער מענטש נישט דעררעדן צו אַזאַ אומענדלעכן אומזין.

דער מחבר גייט פאַרביי די דאָזיקע „יידן־פראַגע", וואָס דער גורל גופא האָט אים פּראָוואָקאַטאָריש אונטערגערוקט, ווי אַ פילאָזאָף, וועלכער פאַרשטייט בלויז, אָבער נישט ער ווײַנט

און נישט ער לאַכט, נישט ער האַלט רעדעס און נישט ערליידט פון איר.

נאַטירלעך, פון דאָזיקן בוך קאָן מען מאַכן אַ סך „יידישע״ אויספירן. איך מיין דאָ נישט מיט דעם נישט די אויבן געבראַכטע סצענע מיט מאַרקאָן, און אויך נישט די פאָלגנדיקע קולטור־היסטאָרישע שטעלע פון „די פינף״: „אַסימילאַציע הויבט זיך אָן דווקא פון דער אָפּשוואַכונג פון די אַלע אָבערגלויבנס; אַז אַן אָבערגלויבן איז אַ הייליקע זאַך, וועגן דעם האָט נאָך באַראַטינסקי געזונגען: „ער (דער אָבערגלויבן. — י. ר.) איז אַ שטיקל ברוך פון אַן אור־אַלטן אמת״. ס׳קאָן זיין, אַז דער גאַנצער אמתער אינהאַלט פון מאָראַל, אפילו דער אינהאַלט פונם באַגריף גופא פון קולטור באַשטייט פון אָבערגלויבנס, נאָר מער נישט — אין יעדער קולטור זענען זיי אייגענע, אייגנטימלעכע, און ביים איבערגיין פון איין קולטור צו דער צווייטער באַקומט זיך אַ גרויסע הפסקה: די פריערדיקע זענען געפאַלן, און די נייע זענען נאָך נישט פאַראייגנט; אַ זייער לאַנגע הפסקה, אפשר נישט איין דור, און נישט צוויי דורות, נאָר מער. און איר ווייסט וואָס? אָבער ווערט נישט אין כעס, איר זענט ביי אונז אַ גרויסער מוניציפּאַלער פּאַטריאָט... און דאָך איז דאָס אמת: נישטאָ אין גאַנץ רוסלאַנד קיין מער בולטרע פּאַנאָראַמע פון אַזאַ הפסקה אין דער קולטורעלער המשכדיקייט, ווי... אָדעס. נישט נאָר וועגן די יידן רעד איך: דאָס זעלבע איז מיט די גריכן, מיט די איטאַליענער, מיט די פּאָליאַקן, אפילו מיט די „רוסן״ — ווייל אויך זיי זענען דאָך על פי רוב געבוירענע כאַכאַלעס, נאָר... נאָר צום בולטסטן, נאַטירלעך, האָט זיך דאָס אָפּגערופן אויף די יידן״.

פון די דאָזיקע זעלטענע (אַגב־אורחאַדיקע) „יידישע״ שטעלן קאָן מען, נאַטירלעך, מאַכן אַ גאַנצע ריי אויספירן וועגן דער יידן־פראַגע, הגם דער מחבר גיט נישט צו די דאָזיקע שטעלן קיין באַזונדערע באַדייטונג. אָבער איך האָב דאָ אין זינען נישט די דאָזיקע „יידישע״ שטעלן, נאָר דאָס בוך אַלס גאַנצעס. אויב זשאַבאָטינסקי האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַן אויסגעצייכנטן יידישן פעליעטאָן „די פיר בנים״, טאָ קאָן מען אויך די דאָזיקע „פינף״ לייכט איינשפּאַנען אינם רייטוואָגן פון

דער יידן־פראַגע און באַווייזן, ווי זינלאָז עס קומען אום די יידישע כוחות צוליבן מאַנגל אין אַ נאַציאָנאַלן באָדן פאַר זייערע וואָרצלען, פאַר זייער אויסלעבן זיך.

מען קאָן, נאַטירלעך קאָן מען: דער מחבר גיט דאָך אונז סוף כל סוף אַ שטיק יידיש לעבן, דעם גורל פון אַ יידישער פאַמיליע, הגם אונטערן אַספּעקט פון אַ שטיק לעבעדיקן אַל־מענטשלעכן לעבן און גורל. אָבער דאָס איז נישט געווען דעם מחברס מיין. פאַרקערט, אין דאָזיקן בוך אַנטלויפט ער פון די דאָזיקע פאַרשאָלטענע פראַגן, און דאָרט, וואו זיי וואַקסן אויס אינם פאַרבייגיין, ווי פון אונטער דער ערד, איז ער פאַר זיי נישטאָ אין דער היים: זיינע אויגן פירן זיי נישט אַריין טיפער, אין דער נשמה, — זיי פאַלן אַריין אין זייער זע־פעלד בלויז אָפּטיש, אָבער נישט פסיכיש. ער גליטשט זיך אַרום פון אונטער זייער יאָך...

* * *

ביי ביאַליקן איז דאָ אַ נישט־פאַרענדיקטע אויטאָביאָגראַ־פישע דערציילונג אונטער אַ טיטל, וואָס איז שווער צו איבער־זעצן: „ספיח" („ווידערוואוקס" — ד. ה. דאָס, וואָס בלייבט אויף אַ נישט־צעאַקערטן און נישט־פאַרזייטן פעלד פון פאַראַ־יאָריקן פאַרזיי; ער, ביאַליק, ווי אַ סך אַנדערע „נסים" פון אונ־זער שעפערישער אינטעליגענץ, איז אויך אַ מין „ספיח" — ער איז אויפגעגאַנגען אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן פעלד נאָר אַ דאַנק די זוימען פון דער פאַרגאַנגענהייט). אין ערשטן קאַפּיטל פון דער דאָזיקער דערציילונג־פּאָעמע, — דער שענסטער פון די אַלע פופצן קאַפּיטלעך, — אונטערן טיטל „דאָס היימישע דאָרף און מיין חלום", זינגט ביאַליק אַ וואונדערלעכן הימן צו זיין קינדהייט־גן־עדן (ווי זשאַבאָטינסקי צו אָדעס), דעם וואונ־דערלעכן דאָרף, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און צו ערשט געטרוימט (אויך אין זיינע פּאָעמעס בענקט ער נאָך אים אַ גאַנצן לעבן, ווי אדם הראשון, וועלכער איז פאַריאָגט געוואָרן פון גן־עדן), און דערנאָך דערציילט ער זיין סימבאָלישן חלום:

ביאַליקן האָט זיך געחלומט אַ לאַנגער, זאַמדיקער וועג. דער וועג איז פול מיט גרופּעס מענטשן, וועלכע קערן זיך צוריק

פון אַ יאַריד. און ער, ביאַליק, געפינט זיך צווישן די דאָזיקע גרופּעס... אַ שטויב, אַ היץ. אַ טויט־מידקייט. אַלע זענען דער־שלאָגן. ער, ביאַליק, איז צווישן זיי, הגם ער ווייס נישט פאַר־וואָס. וואָס האָט ער דאָ צו טון צווישן זיי? וואָס גייען זיי אים אָן? אָבער ער גייט, ווי קענגן אייגענעם ווילן.

און מיטאַמאָל דערזעט ער אַ וואַנט פון בלושטש, — פון פרישן, פון גרינעם. דער דאָזיקער בלושטש טיילט אָפּ די וואַנדערנדיקע פון אַ וואונדערלעכן בחור, וועלכער זיצט אויפן ברעג פון אַ טייכל. ער, ביאַליק, שלעפּט זיך נאָך נאָך דער אומגליקלעכער סטאַדע, אָבער איצט ווייס ער: „דאָרט, אויף יענער זייט פונם בלושטש־פּאַרקאַן, איז דאָ אַן אַנדערע וועלט, אַ ליכטיקע, אַ פולע מיט רו, — און נאָר איך ווייס וועגן איר, קיין שום אַנדערער ווייס נישט וועגן דעם".

אויף יענער זייט בלושטש, ביי אַ קלאָרן טייכל, זיצט אַ וואונדערלעכער בחורל און קוקט אין וואַסער, אין ליכטיקן און שטילן וואַסער. דער טומל פונם המון אויפן וועג דער־גרייכט אים נישט, ער איז איינגאַנצן אַריינגעטון אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ ווייטער. אָבער וויפיל ער, ביאַליק, זאָל זיך נישט דערווייטערן, — ער זעט תמיד דעם דאָזיקן בחור אויף יענער זייט, הינטערן בלושטש.

„ווער איז אָט דער וואונדערלעכער? כ'האָב אים דאָך גע־קענט! כ'בין דאָך געווען מיט אים! ער איז דאָך נאָענט מיר און מיין נשמה! איך מוז זיך דאָך, פאַר יעדן פּרייז, אַרויס־רייסן פון דאַנען און זיך ראַטעווען אין דער ריינער און רואי־קער וועלט, וואָס הינטער דעם גרינעם פּאַרקאַן!... און דאָך שלעפּ איך מיך נאָך די גרופּעס און כ'גיי מיטן וועג אַלץ ווייטער, ווייטער. וואָלקנס שטויב דעקן מיך צו... וואו איז דער בלושטש פונם טייכל? ער איז געווען און נישטאָ אים מער! איך האָב אים געלאָזן הינטער זיך, אים און זיין ריינע וועלט..."

„און פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט און מיין נשמה האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אין מיין קערפּער: דער דאָזיקער וואונדערלעכער איינזאַמער בחור, וועלכן איך האָב געלאָזן הינטער זיך אויפן ברעג פונם טייכל — דאָס בין איך דאָך, איך! איך און נישט קיין אַנדערער!"

יעדער איינער, וועלכער איז באַקאַנט מיט ביאַליקס שאַפן, דערקענט אין דאָזיקן קאַפּיטל און אין דאָזיקן חלום איינעם פון זיינע עיקרדיקע קאָמפּלעקסן: ער בענקט נאָכן גן־עדן פון זיין קינדהייט, פון וועלכן דער שטויביקער וועג פון יידישן לעבן האָט אים אָפּגעריסן. ער דערקענט זיך קוים אין יענעם גליק־לעכן, וועלכן ער זעט אַמאָל אין חלום.

אָבער צי דען איז דאָס נאָר ביאַליקס אַ קאָמפּלעקס? דאָס איז דאָך דער קאָמפּלעקס פון יעדן יידן באַזונדער, פון גאַנצן יידנטום בכלל!

און אויך זשאַבאָטינסקי האָט זיך אין „די פינף" אַרויס־געריסן פון אונטערן יאָך פון אַ פאָלק, וואָס גייט מיט אַ שטויביקן וועג, און אויף אַ קורצער צייט איז ער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין יענעם וואונדערלעכן, וועלכער זיצט הינטערן בלושטשביים קלאָרן, פרישן טייכל און פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט זיין און אונזער טרוים...

שאַנכיי, אָגוסט 1943.

אַ וואָרט וועגן טויטן צו די לעבעדיקע

(צו מיכאל נאַטישעס פּריציייטיקן טויט)

אין היינטיקע צייטן — ווען דאָס לעבן איז אַזוי שרעקלעך און דער טויט אַזוי אומנאַטירלעך אכזריותדיק — האָט דער נאַטירלעכער טויט, דער פּריציייטיקסטער אפילו (איז דען דער טויט אַלעמאָל נישט פּריציייטיק פאַר אונזער לעבנס־דורשט, פאַר אונזער מעשים־דראַנג?) פאַרלוירן זיין איבערראַשנדיקן טראַגיזם. אין פאַרגלייך מיטן לעבן אונטער געוואַלט און מיטן טויט דורך געוואַלט, האָט דער נאָרמאַלער טויט באַקומען שיער נישט דעם אויסזען פון אַ אידיליע. און צי קאָן דען גאָר אַנדערש אויסזען אַזאַ ידיעה, פאַרלוירן צווישן טעלעגראַמעס פון מאַדרידער פראָנט, פון מאָסקווער פּראָצעס, פון די דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און עקזעקוציע־פּלעצער?

און דאָך האָט אַ שניט געטון ווי מיט אַ פּראָסטיק־שאַרפן צוויי־שניידיקן מעסער דאָס שוואַרצע רעמל אַרום די באַקאַנטע קלאַנגען: מיכאל נאַטיש.

און עס איז מיר שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ שאַרף עס האָט שאַרפער און פּראָסטיקער געשניטן: דער שאַרף פון דאָזיקן טראַגיש־יונגן טויט, אָדער דער שאַרף פון דאָזיקן טראַגיש־יונגן לעבן.

נישט דאָן איז דער טויט צום טראַגישסטן, ווען ער שניידט איבער אַ רייך פאַנאַנדערגעבליט לעבן, ווען ער מאַכט אַ שטריך איבער פאַרווירקלעכטע האָפנונגען, ווען ער וואַרפט אַראָפּ פון אַ שפּיץ באַרג אַ דערגרייכטן דורך פרײדיקער מי; צום טראַגישסטן איז דער טויט דאָן, ווען ער רייסט איבער נישט קיין פאַנאַנדערגעבליטע האָפנונגען — זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט פאַנאַנדערבליען! — ווען ער וואַרפט אום פון די פיס אויף אַ וועג, וואָס איז נישט דורכצוקריכן פון שטרויכלונגען — וועסט שוין קיינמאָל צום שפּיץ נישט דערקריכן!

נאַטישעס טויט איז טראַגיש מיטן גרעסטן טראַגיזם דער־פאַר, ווייל זיין לעבן איז געווען דאָס טראַגישע לעבן פון אַ יונגן יידישן דיכטער.

* * *

דער וועג פון אַ יונגן יידישן דיכטער!

אַ צוויי־פראַנטיקער קאַמף: פאַר פיזישער און גייסטיקער עקזיסטענץ.

איך הער, דאַכט זיך, נאָך איצט נאַטישעס פאַרביטערט־סאַרקאַסטישע שטימע אין די ערשטע האָניק־וואָכן פון זיין אינ־טימער באַרירונג מיטן וואַרשעווער ליטעראַרישן צענטר. און ווי דאַן, איז מיר אויך איצט שווער צו באַשטימען, וואָס האָט אים געדריקט מער — דער פאַקט, וואָס קיין שום רעדאַקטאָר דאַרף נישט זיינע לידער, אויב נישט אומזיסט, אָדער דער באַוואוסטזיין, אַז אַזאַ גליקלעכער מענטש, ווי ער, וואָס פאַר־מאָגט בלויז אַ האַלבן מאָגן, קאָן אים אויך נישט אָנזעטיקן פון צוויי גייסטיקע פאַכן: לערעריי און דיכטונג.

נישט נאָר דער הונגער איז שרעקלעך; שרעקלעכער נאָך איז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ אין דער וויסטעניש פון יידישן וואָרט.

נישט נאָר דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז שרעקלעך, שרעקלעכער נאָך איז דער גדאַנק פאַר וואָס פאַר אַ עקזיס־טענץ דער קאַמף ווערט געפירט: פאַרן גליק צו דרוקן יעדע וואָך, יעדע צווייטע וואָך אַ ליד פאַר פינף אָדער צען זלאָטעס און אין משך פון אַ יאָר פאַרדינען (פאַרדינען?) אויסבעטלעןביים רעדאַקטאָר, ביי די זעצערס, אויסכאַפּן ביי דער לאַנגער ריי חברים; אויסבעטלען ביים צערבער פון פראָפעסיאָנעלן ראַט ביים זשורנאַליסטן־סינדיקאַט אַ פאַר נעכט קאָרעקטור) וואַסער אויף קאַשע.

נישט נאָר דאָס געפיל פון מאַטעריעלן הפקר איז שרעק־לעך; שרעקלעכער נאָך איז דאָס געפיל, אַז מען איז אומנויטיק פאַר די, צו וועמען מען רעדט, צו וועמען מען זינגט.

נישט נאָר די מאַטעריעלע נויט איז שרעקלעך, נישט דער ערך שרעקלעכער איז די גייסטיקע נויט: נישטאָ קיין טריבונע,

נישטאָ קיין קאָנטאַקט, נישטאָ קיין באָדן וואו צו שלאָגן וואָרצ־לען און נישטאָ קיין רוים וואו פאַנאַנדערצואוואַרפן צווייגן.

* * *

איז אַ וואונדער, אַז מען ווערט פּעסימיסטיש? איז אַ וואונדער, וואָס מען שפּרינגט קעגן יעדן אָפּטימיסטישן וואָרט ווי אַ האָן, וואָס איז גרייט צום קאַמף?

שאַפן אַ פאַרלאַג פאַר יונגע שרייבער? ווער דאַרף עס האָבן! שאַפן אַ טריבונע? ווער וועט קויפן! באַדעקן מיט שוואַרץ־ערד די פּעלזיקע, אָפּגעשווענקטע שיפּועס פון אונזער שטיל־זינקענדיק לעבן? אומזיסט די הערצאַישסטע אָנשטרענ־גונגען!

יאָ, נאַטיש איז געווען זייער פּעסימיסטיש, אַגרעסיוו פּע־סימיסטיש (יעדנפאַלס אין זיין וואַרשעווער פּעריאָד), דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ געררייצטע רעאַקציע אויף דער דירעקטער באַרירונג מיט אונזער לעבן. קיין טיפע וואָרצלען האָט דער דאָזיקער פּעסימיזם נישט געהאַט.

קיינער דאַרף נישט קיין יידישע ביכער? אָבער מיט די דאָזיקע ווערטער אין מויל מאַכט ער די פאַרצווייפלטסטע אָנ־שטרענגונגען, כדי אַרויסצוגעבן זיין בוך „מוליער הירש"; קיי־נער וועט דעם זשורנאַל נישט קויפן? אָבער אין די אויגן ברענט שוין אַ פאַרביסענע האָפנונג: ווען דערשיינט דער ערש־טער נומער? אפשר וועט נאָך אַ געדיכט אַרויסגעשיקט ווערן אין דער וועלט, ווי נוחם טויב פון דער תיבה, אפשר וועט עס געפינען אַ שטיקל גרינעם צווייג, אַ שטיקל טרוקענע יבשה?

ווי שיין זי איז די דאָזיקע שעמעוודיקע האָפנונג, וואָס שפּראָצט אַרויס אין דעם פּעסימיסטישן מדבר! ווי ליב זי איז מיר: טויזנט מאָל מער ווי דער געדאַנקענלאָזער אָפּטימיזם פון געשעפטן־ און טומל־מאַכער.

* * *

ביים פּריצייטיקן טויט פון מיכאל נאַטיש האָב איך נאָכ־אַמאָל איבערגעלעבט דעם גרויל פון זיין יונגן לעבן, וואָס

איז מער ווייניקער ענלעך צום דורכשניטלעכן לעבן פון יעדן, אפילו נישט נאָר דורכשניטלעכן, יידישן יונגן דיכטער.

ווי אזוי קאָן מען טרויערן בלויז אויפן טויט, וואָס האָט פאַרשניטן זיין לעבן, בעת זיין לעבן גופא איז פאַרשניטן געוואָרן פון זיין העכסטן זין — פון אויסלעבן זיך?

איז דען מעגלעך א פולע אויסלעבונג אָן דעם קאָנטאַקט מיטן ברייטן לעבן פון א גרויסן, נאָרמאַל פונקציאָנירנדיקן קאָלעקטיוו? איז דען מעגלעך א פולע פאַנאַנדערוויקלונג פון די כוחות אין די ענגע ראַמען בלויז פון א קאָלעגן־קרייז?

נישט נאָר זיין האַלבן מאָגן האָט נאַטיש נישט געקאָנט אַנזעטיקן; אויך זיין גאַנצער גייסט איז געבליבן הונגעריק נאָך אַנטוויקלונג, מעשים, ווירקונג.

גרויס צי קליין, יעדע עכטע באַגאַבונג קאָן זיך אויסלעבן בלויז אין דער פולער אַנטוויקלונג פון אירע כוחות, אין דער פולער ווירקונג פון אירע מעגלעכקייטן.

און דאָס האָט געפעלט נאַטישן. און דאָס פעלט דעם יונגן יידישן דיכטער בכלל.

לאָמיר זיך דערמאָנען אין דעם ביים טויט פון א יונגן דיכטער, כדי עס נישט צו פאַרגעסן ביים נישט אויסגעלעבטן לעבן פון די לעבעדיקע.

וואַרשע, 27 יאַנואַר, 1937.

אין געפאַנגענשאַפט ביי דער פּאָעטישער ליידנשאַפט

דאָס איז געווען אין יאָר 1924. איך האָב געאַרבעט אין ריגע, אין דער טעגלעכער צייטונג „דאָס פאָלק". ס'איז געווען ווינטער־צייט. ס'איז פרי צוגעפאַלן דער אָוונט. די אַרבעט איז שוין געווען פאַרענדיקט און איך האָב געפירט אַ לייכטן שמועס — איך געדענק נישט וועגן וואָס — מיט מיין רעדאַק־ציע־קאָלעגע י. ווינים. מען קלאַפּט אין טיר. זיצנדיק אויפן קאַנט פון שרייב־טיש, זאָג איך נאָכלעסיק „אַריין". די טיר עפנט זיך גלייך און אין צימער קומט אַריין די פאַרקערפּערטע געזונטקייט, אַ מוסטער פון זעלבסטצופרידנקייט אין דער גע־שטאַלט פון אַ געפּאַקטן, הויכן מאַנסביל מיט ראָזע קינדערישע בעקלעך, אין אַ צעעפנטן רייכן פוטער. דעם פּנים פון מיין באַ־זוכער קאָן איך געניו נישט באַשרייבן, אויב איך וויל זיין געטריי דערווירקלעכקייט, ווייל איך געדענק עס נישט. אָבער לויט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט ביי מיר איבערגעלאָזן, וואָלט איך אים באַשאָנקען מיט בלויע, לאַכעדיקע אויגן און אַן אייביק־לאַכנדיקן גוטמוטיקן מויל.

איך האָב אים געבעטן זיך זעצן און געפרעגט מיט וואָס איך קאָן אים דינען.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מיט גאָרנישט. געקומען קיין ריגע פון קאָוונע געשעפטלעך (ער איז אַ פאַבריקאַנט), איז ער סתם אַזוי זיך אַריינגעקומען אין רעדאַקציע פון אַ יידישער צייטונג.

זיין ענטפער האָט ביי מיר אַרויסגערופן שעלמישע חשדים: אַ פאַבריקאַנט פאָרט געשעפטלעך און פאַלט אַריין אין אַ יידי־שער רעדאַקציע? נו, נו, דערציילט עס דער באָבען! און דער חוש הריח פון אַ רויב־קריטיקער האָט דערשפּירט רויב. אמת, דאָס רויב האָט זיך נאָך נישט געלאָזט כאַפּן מיט די ציין, עס האָט זיך נאָך געווערט מיט שפּאַס און געלעכטער: צי דען

קאָן מען נישט סתם אַזוי אַריינקומען אין אַ יידישער רעדאַקציע? ער האָט ליב די יידישע פּרעסע, די יידישע שפּראַך, יידישע ביכער. אים איז אָנגענעם צו באַקענען זיך מיט יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער...

איך געדענק נישט גענוי דעם פאַרלויף פון אונזער שמועס. דאָס איז אָבער געווען איינער פון די אומגעצוואונגענסטע שמועסן, וואָס מיר איז ווען עס איז אויסגעקומען צו פירן מיט מענטשן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. מיטן דאָזיקן גוטמוטיקן און פריילעכן חברה־מאַן האָט מען נישט געדאַרפט שטיין אויף דער וואַך — וויצן און וואָס־אויף־דער־לונג דאָס־אויף־דער־צונג האָבן זיך ממש געבעטן מ'זאָל זיי פאַרווענדן. און שפּאַסן זענען געפלויגן, — אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון געלעכטער, — פון טיש צום שטול און פאַרקערט. אָבער באַשעפּטיקט צו דער זעט מיט דער פריילעכער שטימונג, האָבן מיר אויך נישט פאַרגעסן, דרך אגב, ערנסט אָנצוטאַפּן איינער דעם צווייטן. ער האָט זיך עפּעס דערוואוסט וועגן מיר און איך — וועגן אים. ער האָט זיך געלערנט אין איטאַליע (אין אַ פּאָליטעכניקום, ווי מיר שיינט), ער איז אַ פאַבריקאַנט (פון וואָס געדענק איך שוין נישט), ער האָט אַן אינטערעס פאַר ליטעראַטור און ער וויל זיך מיט מיר אַדורכשמועסן און אויך — נו, פאַרשטייט זיך, ווייזן עפּעס אַ פּאָר אָנגעשריבענע זאַכן. צי קאָן איך נישט גיין מיט אים אין האָטעל אַריין? אָבער תיכף. ער פאָרט מאָרגן אַוועק.

איך האָב מסכים געווען. דער דאָזיקער מענטש האָט מיך פאַראינטערעסירט מיט זיין עקספּאַנסיוויקייט. און חוץ דעם: איך האָב צום ערשטן מאָל געזען אַן אָנפאַנגער־שרייבער אין אַ פוטער, מיט אַן אויסגעגלאָליעט פּנים, מיט אַ פאַבריק און אַ קאַפּיטאַלעכל אין דער באַנק.

היידאַ צו דער נאָרע פון אַזאַ אינטערעסאַנטער, זעלטענער חיה.

* * *

אויפן וועג אין האָטעל אַריין האָב איך זיך נישט ווייניק דערוואוסט וועגן דאָזיקן מענטשן. ער האָט קיינמאָל נישט גע־

שריבן און ער האָט נישט געטרוימט וועגן אַ שרייבערישער קאַריערע, אָבער מיט אַ צוויי יאָר צוריק, אין זעניט, אַזוי צו זאָגן, פֿון זיין לעבן, פֿון זיינע כוחות און פֿון מאַטעריעלן דערפֿאָלג, האָט ער דערפֿילט אַזאַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג צו שרייבן פּערזן, אַז ער האָט קיין כוח נישט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן פֿאַרלאַנג. ער פֿאַרגעסט וועגן די געשעפֿטן, ער פֿאַרנאַכלעסיקט זיין קאָמערציעלע טעטיקייט און גאַנצענע נעכט שרייבט ער און שרייבט, ווי אין פֿיבער. ער באַהאַלט אויס זיין שוואַכקייט פֿון באַקאַנטע, אויך פֿון זיין ווייב, אויף וויפֿיל דאָס לאָזט זיך, — אָבער אָפּזאָגן זיך פֿון דער דאָזיקער פֿאַר אים נייער טעטיקייט — קאָן ער נישט. און ער וויל נישט. ער איז פֿאַרסמט מיט עפּעס אַ זיסן גיפֿט... און ער וויל הערן עמיצנס מיינונג וועגן זיינע פּערזן. הגם, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ באַצווייבערנדיקער אָפֿנקייט, — איך וועל סיי־ווי נישט אויפֿהערן צו שרייבן, וואָס פֿאַר אַ מיינונג איר זאָלט נישט האָבן וועגן מיין שרייבן.

מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ נישט־געמיטלעכן און שלעכט־באַלויכטענעם צימער פֿון אַ ריגער צווייט־קלאַסיקן האָטעל. דער אומבאַקאַנטער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכער סאָפֿע, אין וועלכער איך בין אומהיימלעך־הילפֿלאָז פֿאַרזונקען. ער האָט גענומען פֿון ווינקל אַ טשעמאָדאַן פֿון אַ גאַנץ גרויסן פֿאָרנעם און אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש. ביים דאָזיקן טיש האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, ווייזאַווי פֿון מיר, צעעפֿנט דעם טשעמאָדאַן און גענומען אַרויסשלעפּן און לייענען אַ מאַנוסקריפּט נאָך אַ מאַנוסקריפּט, אַ מאַנוסקריפּט נאָך אַ מאַנוסקריפּט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין ביי מיר קיין שום ספֿק נישט געווען, אַז איך בין אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּאַסטקע, אַז נישט ער איז געוואָרן מיין קרבן, נאָר איך — זיינער.

ווען איך האָב מסכּים געווען צו באַזוכן אים אין זיין האָטעל־צימער, בין איך זיכער געווען, אַז דער דאָזיקער אָנפֿאַנגער־דיכטער וועט אַרויסשלעפּן פֿון אַ בוזים־קעשענע אַ מאָגער העפֿטל ליבע־לידער, וועט איבערלייענען אַ צענדליק־צוויי

קורצע, אַסטמאַטישע גערידכטן, צווישן וועלכע מען וועט אין פלי, אַזוי צו זאָגן, דאַרפן אויפכאַפּן אַ סימן אָדער פון דערוואַכנ־דיקן פאַרשפּעטיקטן טאַלאַנט אָדער פון דערוואַכנדיקער פאַר־שפּעטיקטער גראַפאָמאַניע. האָבן דאָך אַ סך דיכטער און שריי־בער אָנגעהויבן שפּעט צו שרייבן! און עס טרעפט דאָך אויך, אַז אין רייפן עלטער ווערט מען קראַנק אויף מאַזלען! אָבער אָנשטויסן זיך אויף אַ גאַנצן טשעמאָדאַן מאַנוסקריפּטן פון לאַנגע סימבאָליש־לירישע געדיכטן, פון נאָך לענגערע, פּשוטע און דראַמאַטישע פּאָעמעס, — דערויף האָב איך זיך נישט געריכט. דערביי האָב איך זיך געפונען אין זייער אַ שלעכטער סטראַטעגישער לאַגע (צופעליק אָדער אַ דאַנק דער פאַראויס־זעעוודיקייט פונם פּראַקטישן דיכטער?): אויסער דעם, וואָס איך בין געווען פאַרזונקען אין דער צעקראַכענער סאָפע, פון וועל־כער עס איז שווער געווען זיך אויפצוהייבן, בין איך נאָך געווען צוגעשפּאַרט צו איר דורכן טיש, ביי וועלכן עס איז — פון דער צווייטער זייט — געזעסן דער אומדערמידלעכער דיכ־טער, שלעפּנדיק פלינק און לעבעדיק אַ מאַנוסקריפּט נאָך אַ מאַנוסקריפּט פון דעקלאַזן, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, טשע־מאָדאַן, און לייענענדיק־שלינגענדיק מיטן זעלבן אויפגערעגטן, ליידנשאַפטלעכן, אָבער נישט אויסדריקלעכן קול אי ליריק, אי עפּיק, אי דראַמעס. איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ מאָמענט צווישן דעם סוף פון איין מאַנוסקריפּט און דעם אָנהויב פון אַ צווייטן, כדי אַריינצושטעלן עטלעכע ווערטער, געבן אָנצוהערן וועגן דער שפּעטער שעה, זאָגן אַ ליגן, אַז מען וואַרט אויף מיר, אַז איך האָב אין רעדאַקציע נאַכט־אַרבעט, — אָבער אַלע מיינע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסט. אין די קליינע צווישן־פּויזעס פלעגט ער מיר אינסטינקטיוו נישט לאָזן קיין צייט צו קומען צו זיך, אָפּשאָקלען די באַטויבטקייט, — ער פלעגט שנעל־שנעל אָנאָנסירן דעם קומענדיקן מאַנוסקריפּט, פלעגט רעדן וועגן דעם, אַז ער האָט נישט ליב קיין קורצע זאַכן, אַז ער האָט ליב עפּיק, אַז דאָס אַלץ איז נאָך נישט מער ווי אַ פּראָבע פון זיין פען, אַז ער האָט גרויסע פּלענער, — מיט איין וואָרט, ער האָט מיך געהאַלטן אין צושטאַנד פון אוממאויפ־הערלעכער באַטויבונג.

איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער מאַכט פון אַ ביז איצט נישט פאַרזוכטער ליידנשאַפט, און זי האָט אים געצערט, און ער האָט זיך איר אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה.

איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ מענטש, וואָס פלעגט (ווי ער האָט מיר דערציילט) אָפט פאַרמאַכן די לאָדנס און טירן אין זיין צימער, כדי קיינער זאָל נישט זען, ווי ער שרייבט אין די פרייע טעג. דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אויסגעהונגערט נאָך אַ לייענער, נאָך אַ צוהערער, און ער וועט מיך אַזוי שנעל נישט אָפּלאָזן. דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט אַזוי גוט געקאָנט שפּאַסן און וואָס האָט נאָך בעסער פאַרשטאַנען אַ שפּאַס, האָט ווי פּלוצלונג פאַרלוירן דעם חוש פאַר הומאָר, — ער האָט גאָר נישט באַמערקט, ווי קאָמיש ער איז אין זיין פאָרלייענען־פיבער. דעם קעלנער, וואָס איז אַריינגעקומען פרעגן וועגן אָוונט־ברויט, האָט ער פּראָסט־פּשוט אַרויסגעטריבן, — ער האָט אפילו פאַרגעסן פאָרלייגן אַ גלאָז טיי אָדער פרעגן צי בין איך נישט הונגעריק; סוחרים, וואָס זענען געקומען צו אים, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז באַשעפטיקט, זאָלן זיי קומען מאָרגן פרי. עס האָט נישט געהאָלפן מיין אַריינמישן זיך, מיין העפלעכער פאָרשלאַג אים נישט צו שטערן, אַז בעסער וועל איך קומען מאָרגן. קיין שום זאַך האָט נישט געהאָלפן. די געשעפטן וועט ער באַווייזן ענדיקן מאָרגן, אָדער ער וועט אָפּלייגן דעם אַהיימפאָרן אויף אַ טאָג.

פינף־זעקס געשוואָלענע שעה בין איך אָפּגעזעסן אויף דער דענערווירנדיקער, אומאָנגענעם־נאָכגיביקער סאָפע מיט אַ קאָפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין שפּאַלטן פון דאָזיקן ליידנשאַפטלעכן פאָרלייענען. אָך, וואָלט כאָטש אין די ברייטע שורות פון די דאָזיקע לאַנגע לידער פאַרקערפּערט געווען אַ טייל בלויז פון יענער ליידנשאַפטלעכקייט, מיט וועלכער זיי זענען פאָרגעלייענט געוואָרן!

אָבער נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס: דער פאַבריקאַנט איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיינע „אויסאַרבעטונגען”, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ צו מיינע מיינונגען. ענדלעך האָב איך פאַרלוירן דאָס געדולד, זיך אַ ריס געטון פון אָרט און

אָפּגעשטופּט דעם טיש מיטן טשעמאָדאַן. און ווען דער דיכטער האָט מיך געוואָלט פאַרהאַלטן, כדי אויסצוהערן מיין מיינונג, האָב איך דאָס אַנטשלאָסן אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, אָפּזאָגנדיק זיך אפילו צו גיין עפּעס צובייסן, הגם איך בין געווען הונגע־ריק ווי אַ וואָלף און פּונקט אַזוי בייז ווי אַ וואָלף.

דער פאַבריקאַנט אָבער איז נישט נתפּעל געוואָרן. ער האָט אָפּגעלייגט דעם ווייטערדיקן לייענען און דעם מיינונגס־אויס־טויש אויף מאָרגן.

איך שלאָג זיך על חטא: איך האָב מיין וואָרט נישט גע־האַלטן און צומאָרגנס אין האָטעל צו אים נישט געגאַנגען. איך האָב זיך באַטראַכט אַלס פריי פון צוזאָג, וואָס איך האָב געגעבן אונטער דער דראָאונג פון ווייטערדיקן פאָרלייענען אָדער פון אַן אומפאַרמיידלעכן סקאַנדאַל.

דעם גאַנצן טאָג צומאָרגנס בין איך אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט אין איין שרעק — טאָמער באַגעגן איך מיין פּיי־ניקער; אין דער רעדאַקציע האָב איך געאַרבעט „אינקאָגניטאָ”, אָפיציעל בין איך נישט געווען. אויפן דריטן טאָג האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיטן פאָרלייענער פּנים אל פּנים אויף דער גאַס. ס'איז אונזביידע געווען אומאָנגענעם. ער איז נישט גע־ווען קיין נאַר. און איך האָב געפילט, אַז נישט געקוקט אויף די מילדערנדיקע אומשטענדן, האָב איך אים דאָך באַליידיקט. און מיין באַליידיקונג האָט אים געטראָפן אין זיין הייליקסטן, אינ־טימסטן פּונקט.

ער פאָרט אָפּ אין עטלעכע שעה אַרום. צי וועל איך נישט קומען אויפן וואָקזאַל אים באַגלייטן? איצט האָט ער קיין צייט נישט, אָבער אויפן וואָקזאַל וועט ער נאָך גערן כאַפּן אַ שמועס מיט מיר.

איך האָב מסכים געווען. וואָס קאָן מיר דען דראָען אויפן וואָקזאַל?

אויפן וואָקזאַל האָט ער מיך באַגעגנט אַ צערודערטער, אַ דענערוווירטער, מיט פאָרוואורפן פאַרן שפּעטן קומען, — ווי אַ פאַרליבטער. ער האָט אַ בילעט, דער באַגאַזש איז אין אָרדנונג, און ער וואַרט שוין אויף מיר נעבן זיינע טשעמאָדאַנעס און

ער קאָן זיך אויף מיר נישט דערוואַרטן. ער וויל מיר עפּעס פּאַרלייענען...

און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דער באַן? גאָרנישט, די באַן גייט אַוועק אין אַ האַלבע שעה אַרום. זי איז נאָך אפילו נישטאָ.

ווידער אַריינגעפאַלן. ער האָט מיך אָפּגענאַרט אויף אַ גאַנצער שעה.

איצט איז שוין מיין ריי צו דענערווירן זיך. ער נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע פּאַפּירלעך אויף פּאַפּירלעך און לייענט אויפן קול, מיט היץ, לחלוטין נישט געשטערט פונם וואָקזאַל־יאַריד. מיין נשמה הענגט אויף די גרויסע ווייזערס פונם גרויסן וואָקזאַל־זייגער און זי וויל זיי אונטעריאָגן, אָבער אָן דערפאָלג. ווי לאַנגזאַם זיי קריכן! מיין פּאַרלייענער בליט זיך פאַנאַנדער מיט יעדער מינוט און איך וועלק. עס דאַכט זיך מיר, אַז אַלע קוקן אויף אונז מיט פאַרוואונדערונג, מיט אַ געלעכטערל. ווען־זשע וועט אַמאָל אָנקומען די באַן?

ענדלעך גיט מען די באַן. איך וויל זיך געזעגענען, אָבער — אַ נעכטיקער טאָג.

— איין מינוטעלע, — שרייט מיין אומדערמידלעכער פאַר־לייענער, שפּרינגט אַריין מיט אַ בליץ־שנעלקייט אין וואַגאָן מיט זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס און שפּרינגט ווידער אַרויס.

קיינמאָל האָב איך אַזוי נישט מורא געהאַט טאָמער גייט די באַן אומגעריכט אַוועק, ווי אין יענעם מאָמענט. איך האָב אים צוגעאײלט אַריינצוגיין אין וואַגאָן, און ער — ווי נישט אים מיינט מען: „כ'וועל באַווייזן!" און לייענט ווייטער.

— אָט נאָך איין־איינציק געדיכט, היינט ביינאַכט אָנגע־שריבן...

ווען ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף די וואַגאָן־טרעפּלעך, האָט ער נאָך אויף אויסנווייניק דערלייענט די סטראָפע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען אויפן פּעראָן, און ווען די באַן האָט גערירט, האָט ער פון וואַגאָן־פענסטער אַרויס פאַרענדיקט צו לייענען זיין לעצט געדיכט.

* * *

אין צוויי יאָר אַרום, ווען איך בין שוין געווען אין ווארשע און רעדאַגירט די „באַפרייאונג—אַרבעטער־שטימע", האָב איך באַקומען וויאַ בערלין (צווישן ליטע און פּוילן איז דאַן נישט געווען קיין באַן־ און פּאָסט־פאַרקער) אַ בּיכל לידער פון איינעם ש. כּוכב (כּוכב הייסט אויף העברעאיש „אַ שטערן", און מיין ריגער דיכטער־פייניקער האָט געהייסן — שטערן) מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיך דערמאָנט אונזער ריגער באַגעגעניש און צוגעזאָגט צוצושיקן מיר נאָך ביכער, אויב איך וועל זיך אָפּרופן מיט אַ רעצענזיע. אין בּיכל זענען געווען עטלעכע געדיכטן, וואָס איך האָב געקענט פונם ריגער האָטעל...

איך האָב זיך אָפּגערופן מיט אַ רעצענזיע אין „באַפריי־אונג—אַרבעטער־שטימע" און זי אָפּגעשיקט וויאַ בערלין צום קאָוונער „שטערן", אָבער ווי עס שיינט, איז מיין רעצענזיע אויף זיין בּיכל נישט געווען אינגאַנצן אין געשמאַק פונם מחבר. און ער האָט מיר מער קיין ביכער נישט געשיקט. אפילו דער גוטמוטיקסטער מענטש, אפילו דער גרעסטער וויצלער קאָן נישט פאַרטראָגן קיין רעצענזיע, וואָס איז נישט אויף אַ פינף מיט אַ פּליוס!

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון זשורנאַל־נאָטיצן, אַז אין קאָוונע איז דערשינען די ערשטע טייל פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" אין אַ יידישער איבערזעצונג פון ש. כּוכב. איך האָב נישט געשפּאָרט קיין מי, כּדי צו באַקומען פון קאָוונע די דאָזיקע איבערזעצונג, — אָבער ס'האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. דער קאָוונער פּאָעטישער שטערן איז פאַר מיר ווי פאַרזונקען אין אַ תּהום פון נישט זיין.

ווען די מלחמה האָט מיך פאַרטראָגן קיין ליטע, האָב איך פאַנאַנדערגעפרעגט עטלעכע מענטשן וועגן כּוכבן אָדער שטערנען און זיין אַדרעס. דעם אַדרעס האָב איך נישט באַ־קומען, דערפאַר אָבער האָב איך אויסגעפונען, אַז ער האָט נישט קיין שום באַציאונגען מיט די קאָוונער ליטעראַטן, אַז ער איז אַ ציל־ברעט פאַר בייזע צינגער.

געווים, ביי אַ געוויסער אָנשטרענגונג וואָלט מעגלעך געווען אָפּצוגעפינען דעם דאָזיקן פאַראיינזאַמטן שטערן, אָבער גראָד־

די דאזיקע אנשטרענגונג האב איך זיך נישט געאײלט צו מאכן. ביי מיין יעדער וויזיט אין קאוונע (איך האב געוואוינט אין ווילנע) פלעג איך אפלייגן דעם דאזיקן וויזיט אויף אן אנדערש מאל: ער האט דאך פון די צייטונגען געוואוסט, אז איך בין דא, און אויב ער מאכט זיך נישט ווּיסנדיק, דארף מען אים אפשר נישט שטערן אין זיין איינזאמקייט...

און אין גיכן האב איך שוין נישט געקענט טראכטן וועגן אויפזוכן שטערנען, ווייל איך האב פיבערדיק געזוכט אן אויסגאנגס־טיר פון דער ליטע.

און איצט, ווען דער געדאנק יאגט זיך מיט אזא עקשנות איבער די שפורן פונם עבר, און עס ווילט זיך אזוי ארומנעמען — זאל זיין בלויז מיטן געדאנק! — אלעמען, אלעמען, אפילו די צופעליקע מיטגייער פון מיין לעבן, — איצט באדויער איך אויפריכטיק, וואס איך האב נישט אויפגעזוכט דעם דאזיקן מענטשן, וואס איך האב נישט אפגעגעבן נאך אן אוונט אויף צו פארלייכטערן די איינזאמקייט פון דאזיקן מענטשן, וואס ווערט פארצערט פון חבלי־שאפן, אויף צו געבן אים א צוהערער, — אים, וואס איז לײדנשאפטלעך פארליבט אין דיכטונג. א מענטש אין די פערציקער, א מאטעריעל פארזארגטער, א דערפאלגרייכער אין געשעפטן, וואס פארנאכלעסיקט זיינע געשעפטן צוליב פאעזיע אויף אזוי וויט, אז ער איז גרייט צו בלייבן אויפן פעראן אן טשעמאדאנעס, אבי נאר צו דערלייענען פאר אן אומפריינטלעכן צוהערער זיין געדיכט, — אזא מענטש פארדינט א בעסערע באציאונג מצד א ליבהאבער פון דיכטונג.

דער גרויסער יידישער דיכטער פון דער גאלדענער תקופה אין שפאניע, שלמה איבן גבירול, זאגט אין איינעם פון זיינע רעליגיעזע געדיכטן: „דיין כבוד ליידט נישט פון דעם, וואס א סך דינען אנדערע געטער, ווייל זיי רייסן זיך דאך בלויז צו ד י ר; זיי זענען אבער ווי די בלינדע, וואס מיינען, אז זיי גייען מיטן ריכטיקן וועג, אבער אין דער אמתן בלאנדזשען זיי".

אבער נאך בעסער האט דעם זעלבן וואונדערבארן געדאנק אויסגעדריקט דער גאט קרישנא:

„אַלע, וועלכע פאַרערן געטשן, פאַרערן מ י ך".

פאַראַן פאַלן, ווען דער גראַפאָמאַנישער שטאַמל קומט פון אַזעלכע ריינע ליפּן און פון אַזאַ ריינעם האַרץ, אַז מען דאַרף אים אויפנעמען אַזוי, ווי דער יידישער גאָט נעמט אויף אין אַשם דערציילונג דעם דאָרף-ייִנגלס תּפילה, וואָס באַשטייט בלויז פון אַ פּייף.

שאַנכיי, 1943.

װעגן דיכטונג

די שליחות פון װאָרט

די שעפער פון װאָרט זענען אַרומגערינגלט מיט אַ געװיסן אָרעאָל. דער דורכשניטלעכער מאַסן־מענטש, װעלכער נעמט דאָס לעבן ערנסט און איז נאָך נישט שיכור געװאָרן פון ביליקן װיין פון ציניזם, האָט אַ געפיל פון יראת־הרוממות, װען ער טראַכט װעגן דיכטער און שרייבער. װי װייניק די מערהייט שרייבער זאָלן נישט פאַרדינען די דאָזיקע פאַרערונג — און אַמאָל טאַקע ממש פאַרגעטערונג — איז דאָס דאָזיקע געפיל פונם מאַסן־מענטש, אין תוך גענומען, נישט פּראָװינציאַליסטיש, נאָר טיף־באַרעכטיקט. מען טויזנט אומבאַרעכטיקטע געניסן פון דאָזיקן כבוד — אין תוך גענומען גילט עס נישט פאַר זיי, נאָר פאַר די עכטע רעפּרעזענטאַנטן פון װאָרט.

מען קאָן דאָס װאָרט מיסברויכן, פאַרקויפן (װי מען האָט דאָס לעצטנס געטון אַנגראָ, נישט נאָר אין די טאָטאַליסטישע מלוכות, נאָר אויך אין די „דעמאָקראַטישע"), באַהאַנדלען, װי אַ בראַקאָװנע סחורה, װאָס מען מוז זי אַריינגנאַרן, — אָבער אויסלעשן די נשמה פונם װאָרט, װי אַזעלכן, קאָן מען נישט. תמיד געפינט זיך אַ מעדיום, דורך װעלכן עס קערט זיך אום צו זיין שורש, צו זיין אורשפּרינגלעכער נאַטור און באַשטימונג, װען דאָס װאָרט איז דאָס בלאַנקע כלי־זין פונם אמת־ריטער, װען דאָס װאָרט איז נישט קיין טראַנזאַקציע־אָביעקט צוליב פּערזענלעכן, אָדער קאָלעקטיװן עגאָאיזם (געװיינלעך פּאָרן זיך די דאָזיקע צװיי עגאָאיזמען), נאָר אַ שליחות, װען דאָס װאָרט איז נישט קיין אָנגענעמער, ריװוחדיקער באַרוף, נאָר אַ טויט־ערנסטע באַרופונג, אַרױפגעצװאונגען דורכן שטאַרקסטן — דורכן אינערלעכסטן צװאַנג, װען דאָס װאָרט ברענט, מאָנט דערלייזונג, און מען קאָן עס נישט איינהאַלטן אין זיך מיט

קיין שום לאָגישע אַרגומענטן פונם זעלבסטדערהאַלטונגס־טריב, ווי דאָס האָט וואונדערלעך אויסגעדריקט ירמיה: „און ווען איך זאָג, איך וועל אים מער נישט געדענקען און איך וועל מער נישט רעדן אין זיין נאָמען, פאַרוואַנדלט זיך עס אין מיין האַרץ ווי אַ ברענענדיקער פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך באַמי זיך עס איינצוהאַלטן און כ'קען נישט".

דער אָרעאָל, מיט וועלכן עס זענען אַרומגערינגלט און עס רינגלען זיך אַרום די אוזורפּאַטאָרישע וואָרט־אויסנוצער, שטאַמט פון יענעם הייליקן גלאַנץ, וועלכער שטראַלט אַרויס פונם וואָרט פון די וואָרט־דינער, דאָס אומקאָמפּראָמיסלעכע וואָרט, וואָס האָט איין באַפעלער איבער זיך: דעם אינערלעכן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו.

* * *

וואָס איז געווען צוערשט: דאָס וואָרט? די טאַט?

אַן אומזיסטער פּלפּול: דאָס עכטע וואָרט איז — טאַט.

אַ וואָרט, ווי אַ טאַט, ווערט דערקענט אין צייטן פון געפאַר. און אין אונזערע שווערע, געפאַרפולע צייטן, ווען טאַט איז אַזוי אָפט פאַרראַט, און וואָרט איז אַזוי אָפט — זנות, ערשט אין אונזערע געפאַרפולע צייטן הויבן מיר אָן צו דערקענען דעם חילוק צווישן פאַלשער און עכטער טאַט, צווישן פאַלשן און עכטן וואָרט. מיר הויבן אָן שטרענגער בודק צו זיין צווישן גאָלד און באַגילדיקטקייט, צווישן שטאָל און בלעך. און די זיכערסטע פּראָבע איז די קאָמפּראָמיס־פּראָבע: אויב דאָס וואָרט גייט מיטן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד, אויב עס גייט איין אויף קאָמפּראָמיסן, אויב עס איז דאָ אַ תהום צווישן געשריבענעם וואָרט און געלעבטן לעבן, איז עס נ י ש ט עכט, איז עס פּ אַ ל ש , איז עס אָן לעבנס־זאַפטן, אָן לעבעדיקן זאָמען. און ווען מיר גייען צו אָפּצושאַצן דעם ווערט פון אַ שרייבער — נישט אין פּרטים, נאָר אין זיין אַלגעמיינער דערשיינונג, — איז פאַר אונז צום וויכטיקסטן פּעסטצושטעלן

דעם רעזולטאַט פון דער אויבנדערמאָנטער פּראָבע: איז זיין וואָרט געווען איינס מיט זיין לעבן? איז זיין וואָרט נישט געווען אָפּגעריסן פון זיין לעבן? איז זיין וואָרט געווען עכט, דאָס הייסט — טאַט? וואָס מער אַ שרייבער שטעלט זיין לעבן הינטער זיין וואָרט, אַלץ מער ווערט דאָס דאָזיקע וואָרט דער צענטר פון זיין לעבן, פון זיין רום. ווייל דאָ דערנענטערט זיך דער שרייבער צום הייליקסטן שורש פון זיין וואָרט־אינסטרו־מענט, ווען דאָס וואָרט איז גלייך צו טאַט.

וואַרשע, 1938.

לייענער און שרייבער

דער שרייבער קוקט אויפן לעזער פון אויבן אראָפּ, דער לעזער אויפן שרייבער — פון אונטן ארויף. אָבער די קעגנזייטיקע באַציאונג פון די דאָזיקע צוויי איז נישט פון אַ שטערן צו אַ זעמדעלע, נאָר ווי פון אַ באַרג־צופוסנס צום באַרג־שפּיץ: דער באַרג־שפּיץ איז טאַקע אַ סך, אַ סך העכער פונם באַרג־צופוסנס, אָבער ער איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיטן צופוסנס, ער איז אַרויסגעוואַקסן פון אים, ער באַזירט אויף אים. רייסט איבער צווישן זיי די פאַרבינדונג, די איינהייט און — דער באַרג־שפּיץ וועט בלייבן הענגען אין דער לופטן אין משך פון אַ שאָטנדיקער רגע, נעמען פאַלן און ווערן אויס באַרג־שפּיץ. עס איז נאַטירלעך, וואָס דער שרייבער קוקט אַראָפּ און דער לעזער אַרויף, אָבער ביידע דאַרפן דערביי געדענקען דאָס זייעריקע: דער לעזער, אַז דער שרייבער גיט אים די מעגלעכקייט צו דערהויבן דעם בליק, און דער שרייבער, אַז דער לעזער האַלט אים אונטער אויף זיין הויך.

זיי דאַרפן ביידע וויסן און אויף קיין איין מאָמענט נישט פאַרגעסן, אַז זייער פאַרבינדונג איז נישט קיין צופעליקע, נישט קיין קאָנוועציאָנעלע, נאָר אַן אָרגאַנישע. נישט דערפאַר ווייל אַ שרייבער שרייבט ביכער שאַפט ער אַ לעזער, וואָס לייענט זיי צוערשט אויס נייגעריקייט, דערנאָך אויס געוואוינהייט, ווי דער טאַבאַק האָט געשאַפן רויכערער, צוערשט אויס נייגעריקייט, דערנאָך אויס לײדנשאַפטלעכער געוואוינהייט — נאָר דערפאַר, ווייל דער מענטש איז אָרגאַניש אַ פאַרברויכער פון געזאַנג און מעשהלעך, זענען דאָ שרייבער. „זענען דאָ שרייבער"; זאָג איך, און נישט „ער שאַפט שרייבער", ווייל פונקט ווי נישט דער מעכאַנישער אָנבאָט פון ביכער שאַפט לעזער, אַזוי שאַפט אויך נישט דער מעכאַנישער נאָכפרעג אויף ביכער — דעם שרייבער. דער נאָכפרעג אויף ביכער איז דאָ, אָבער דער שרייבער שאַפט זיי

דערפאַר, ווייל אויך ער געהער צום מענטשן־מין, און אויך ביי אים איז אָרגאַניש דער דאָזיקער אָרגאַנישער דראַנג צום שאַפן.

ביי אים נאָך אין אַ נישט דער ערך גרעסערער מאָס, ווי ביי אַנדערע מענטשן, און דעריבער — אָבער טאַקע בלויז דעריבער — איז ער נישט בלויז לעזער, נאָר אויך שרייבער. דער אונטערשיד צווישן שרייבער און לעזער איז בלויז אַ גראַדועלער — זיי ווילן ביידע דאָס זעלבע און זיי באַפרידיקן ביידע דאָס זעלבע, נאָר איינער — דער שרייבער — איז אין דאָזיקן פּראָצעס אַקטיווער און דער צווייטער — דער לעזער — פּאַסיווער.

דער באַרג־שפּיץ מיטן באַרג־צופוסנס זענען פון זעלבן ליים געקנאָטן; דער שרייבער מיטן לעזער אויך.

* * *

דער שרייבער קאָן נישט זאָגן צום לעזער: וואָס גייען מיך אָן דיינע פאָדערונגען און באַדערפענישן? איך שרייב אין לחלוטינדיקער פרייהייט, אין פולער אומאָפּהענגיקייט. און דו? ווילסט — לייען, ווילסט נישט — לייען נישט, ווי דיר געפעלט.

דער שרייבער קאָן דאָס און טאָר דאָס נישט זאָגן, ווייל זיין אַרבעט איז נישט קיין פערזענלעכער קאַפּריז זיינער, נאָר אַ פונקציע־דערפילונג. און ער דאַרף זען די דאָזיקע פונקציע — די באַפרידיקונג פון מענטשנס אַ נאַטירלעכער נויטווענדיקייט — גוט אויספירן: ער טאָר נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיטן „צופוסנס".

אָבער אויך דער לעזער טאָר נישט זאָגן: וואָס גייט מיך אָן דיין אינערלעכע וועלט? דו שרייבסט פאַר מיר, טאָ הער זיך צו צו מיין דיקטאַט, צו מיינע וואונטשן און פאַרלאַנגען.

דער לעזער קאָן נישט און טאָר דאָס נישט זאָגן, ווייל פונקט ווי־דער שרייבער טאָר נישט באַפרידיקן זיין אייגענעם קאַפּריז, אַזוי טאָר ער אויך נישט באַפרידיקן דעם לעזערס קאַפּריז. ער דערפילט אַ פונקציע, דעם מענטשנס אַ פונקציע, אָבער אויך ער איז אַ מענטש און די דאָזיקע מענטשלעכע פונקציע איז ביי אים שטאַרקער, ווי ביי אַנדערע מענטשן,

און ער טאָר נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט — נישט נאָר מיט דעם צופוסנס, נאָר אויך נישט מיטן האָריזאָנט, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אַ דאַנק זיין באַרג־שפּיץ־פּאָזיציע. דער שרייבער דאַרף נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיטן לעזער, אָבער אויך נישט דעם קאָנטאַקט מיט דער אייגענער אינערלעכער שטים, וואָס איז די זעלבע מענטשן־שטים, נאָר מיט אַ שטאַרקערן און ריינערן קלאַנג.

דאָס איז דער סינטעז פון פרייהייט און געבונדנקייט, פון אינדיווידועלעם און קאָלעקטיוועם, — אַ סינטעז, וועלכן עס באַמערקט יעדער שרייבער, וועלכער דערפילט די אָרגאַנישע פונקציע־אויפגאַבע פון זיין שרייבערישן פאַך.

* * *

אַ בוך אָן אַ לעזער איז אַ לעבעדיקער מת, ער ליגט אין אַ פאַרצויבערטן שלאָף, ווי די בת־מלכה אינם פאָלקס־מעשהלע, און וואַרט אויף זיין דערלייזער, דעם לעזער, וועלכער קומט און וועקט אים אויף צום לעבן, איז אים מחיה־מתים.

די ווירקלעכקייט, וועלכע דער שרייבער פאַרוואַנדלט אין אַ אידעאַלער וויזיע, ווערט דורכן לעזערס איבערלעבונג פאַר־וואַנדלט ווידער אין — ווירקלעכקייט. און וואָס קאָנקרעטער און ממשותדיקער עס איז די דאָזיקע צוריק־פאַרוואַנדלונג פון וויזיע אין ווירקלעכקייט, אַלץ פולער און אידעאַלער איז דער נאַטירלעכער בונד צווישן שרייבער און לעזער. ערשט ווען דאָס ווערק ווערט פאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט אין דער פּסיכיק און אין די מעשים פון לעזער, ווערט פאַרענדיקט דער צויבער־קרייז, וואָס הויבט זיך אָן אין מענטשן און ווערט פאַרענדיקט אין לעזער. ווי דער וואָלקן, וואָס ווערט פאָרמירט פון ים־אויסדאַמפונגען, קערט אום דעם ים דאָס זייניקע. אַן אייביקער קאָמפּליצירטער און דאָך איינהייטלעך־איינפאַכער (אין זיין טיפסטן תוך) פּראָצעס פון נעמען און געבן, אַן אייביקער לעבן־באַנייענדער און לעבן־באַפרייענדער קרייז־לויף פון פּסיכישער ענערגיע, פון גייסטיקער און מאָראַלישער עקספּאַנסיע.

וואַרשע, אויגוסט, 1939.

נישט לוקסוס, אַ נויטווענדיקייט!

צוואַנציק יאָר האָט מיך באַשעפטיקט — אונטער פאַר־שידנאַרטיקסטע פאָרמען — די פראַגע, צי דיכטונג איז אַ נאַטירלעכע נויטווענדיקייט פאַרן מענטשן, צי בלויז זיינע אַ לוקסוס־באַדערפעניש. האַרט פאַרן קריג האָב איך די דאָזיקע פראַגע טעאָרעטיש געלייזט — פאַר זיך, נאַטירלעך — אין אַ קליינער אַרבעט „דער מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע". אָבער אויף אַן אמת האָב איך זי געלייזט נישט אין דער טעאָרעטישער אַרבעט, וואָס איז פאַרבליבן ביי היטלערן, נאָר אין דער פראַקטיק פון לײדנס־וועג, וועלכן היטלער האָט אויף מיר אַרויפגעצוואונגען.

ס'איז געווען איינער פון די וואונדערלעכסטע סוף־זומער־טעג פון דער ערשטער העלפט סעפּטעמבער 1939 (דער עלפטער? דער צוועלפטער? דער דרייצנטער? ווער קאָן וויסן! איז דאָך די צייט געטיילט געווען פאַר אונז אויף נאַכט און טאָג בלויז קאָסמיש, אָבער נישט קאַלענדאַריש). דער נאַטירלעכער זאַפּאַס כוחות האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט אויסגעשעפּט, — עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף יענער פאַרבאָרגענער קוואַל פון לעבנס־כוח, וואָס ווערט אויפגעעפנט דורך אַ געהיימער האַנט בלויז אין צייטן פון העכסטער געפאַר, ווען דאָס פלעמל פון לעבן זוכט פיבערהאַפט נער־שטאָף, כדי נישט אויסגעלאָשן צו ווערן. די צעוואונדיקטע פיס האָבן מיט אַ רואיקן געוויסן זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו דינען — זיי האָבן באַוויזן וואונדער פון אויסהאַלטעוודיקייט; עס האָט זיי געקומט אורלויב, דעמיסיע. און ס'האָט אַזוי אוּמזיניק געלאָקט דאָס גליק פון אַ דאַכאַו, וואוהין עס באַגלייטן די בליקן און די געדאַנקען פון די נאָענטסטע און ליבסטע, וואו מען פילט זיך נישט אַזוי פאַרלוירן, ווי אויף די וועגן פון וואָלין, וואוהין דער שטורעם האָט מיך פאַרטראָגן און וואוהין עס קאָן מיר

נישט נאָכפאָלגן קיינעמס געראַנק, ווייל וואו זאָל ער מיך זוכן?

פאַרוואָס האָב איך פאַרלאָזן וואַרשע? מיין היים? די נישט פאַרענדיקטע ביכער? די פאַרענדיקטע און נישט פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן? ווי גוט עס וואָלט געווען צו קומען — אויף פליגלען אָדער אויף אַלע פיר — צוריק, אָנקניפּן ווידער דעם איבערגעריסענעם פאָדים מיט דער היים, מיט דער גייסטיקער אַטמאָספער פון מיין לעבנס־סביבה. קומען צוריק! צוריק! — כאָטש בלויז מיט איין שעה פאַר היטלערן... און מיטאַמאָל דערפיל איך, ווי עס נעמט קאָנטיק זיך ענדערן מיין שטימונג. דער קנויל ווייטיק, וואָס איך האָב מיט זיך פאַרגעשטעלט, דער קנויל ווייטיק, וואָס איז געווען בלינד אויף אינעווייניק און אויף דרויסן, הויבט אָן קומען אין קאָנטאַקט מיטן אַרום און מיט זיך גופא.

עס איז אַזוי איינזאַם אַרום און אַרום — אַלץ איז פאַר־בייגעפאָרן, פאַרבייגעלאָפן, פאַרבייגעקראָכן און מיך געלאָזן אַליין מיט די דעמיסיאָנירטע פיס, מיטן רעזיגנירטן געמיט. אָבער די איינזאַמקייט פילט מיך מער נישט אָן מיט פּאַנישער שרעק — איך פיל ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר, ווי עס וואַקסט אָן אין מיר דער טרייעסטער אָנשפּאַר: די אינערלעכע רו. דאָס דרויסנדיקע, דאָס הוצפּהדיק־צודרינגלעכע דרויסנדיקע פאַרלירט די השפּעה איבער מיר, אַפילו די עקלעכע שטאָלענע רויב־פויגל, וואָס קרייזן איצט איבער מיר, דערפירן מיך איצט נישט צו פאַרצווייפלונג מיט זייער נודנער זשומעריי: זיי זענען ווי די לעצטע טענער פון אַ זלידנער וועלט, וועלכע אַ מעכ־טיקער אָטעם פון אינערלעכער רו האָט אָפּגעיאָגט פון מיר. איך זוך נישט קיין באַהעלטעניש פאַר די שטאָלענע רויב־פויגל, איך בין ווי צום בעסטן באַשיצט אין מיין געמיט, וואָס ווערט באַפּאַנצערט מיט רו און זעלבסטבאַהערשטקייט.

עס איז שטיל און זוניק, וואַרעם און בלוי — ווי גוט און לויטער! אָבער וואו — אַרום מיר? אין מיר? ווער קאָן אָפּטיילן דעם „דרויסן" פונם „אינעווייניק", בעת זיי באַהעפטן זיך אין מאָמענט, ווען עס פאַלן אַראָפּ די לעצטע שאָלעכצן און עס אַנטפּלעקט זיך די ווירקלעכקייט? די זוניקע בלויקייט רייסט זיך אין מיין אויג, אָבער מיין אויג האָט געעפנט איר־

טיפֿן קאַנאַל צום געמיט, וואָס שטראָמט אַנטקעגן מיט נישט קיין קלענערער זוניקער בלויקייט. דער ווייטיק פֿון די צעוואונדיקטע פּיס איז ווי נישט מיינער — איך פֿיל אים יאָ, אָבער ווי אויפֿן ראַנד פֿון מיין וועזן, ער קלאַפּט אין מיין רו און קאָן אין איר נישט אַריינדרינגען; די שרעק איז פֿאַרשוואונדן, זי איז נאָך דאָ, דאַכט זיך, מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן, אָבער זי איז נישט ווירקזאַם, ווי אָפּגעשטאָרבן; די בענקשאַפֿט אַהיים איז פֿאַרענדערט — זי האָט פֿאַרלוירן די אומרואיקייט און די פֿאַרצווייפֿלונג, זי איז ווי אַ בלויע כוואַליע, וואָס ריזלט מיך דורך און וואַשט מיך אויס; און אפֿילו מיין שמוציקן קערפּער, וועלכן איך האָב געטראָגן די לעצטע וואָך, ווי אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט, הער איך אויף צו שפּירן ווי אַ משא.

ווי אַזוי איז דעם דרויסנדיקן צופֿאַל געלונגען אָפּצורייסן מיך אַזוי גרינטלעך פֿונם אינערלעכן קערן? דער שטורעם האָט מיך מיטגעריסן — אָבער ווי אַזוי איז אים געלונגען אויסצולעשן אַלע אינערלעכע פֿלאַמען, וואָס האָבן מיך אַזוי לאַנג געוואַרעמט און געלויכטן? וואָס הייסט! אָט זע איך דאָך ווידער זייער ליכטיקן פֿלאַם! אָט פֿיל איך דאָך ווידער זייער באַלעבנדיקע וואַרעמקייט! דער דרויסנדיקער שטורעם האָט נישט קיין קראַפֿט אויסצולעשן די אינערלעכע פֿלאַמען — עס געלינגט אים בלויז צו פֿאַרבלענדן מיט רויך און שטויב, מיט בלוט און שמוץ, עס איז אָבער גענוג איין מאָמענט פֿון קאָנטאַקט מיט זיך אַליין — דער בייזער כישוף זאָל פֿאַרגיין, דאָס דרויסנדיקע זאָל צעפֿאַלן ווי שטויב, אַלץ זאָל נעמען אויסזען ווי אַ בייזער חלום, ווי אַ האַפּטלאָזער בייזער חלום.

ווי אַ צוזאַמענגעדריקטע ספּרענזשינע, ווען דער דרוק הערט אויף, גיט זיך דאָס געמיט אַ צי אויס — עס כאַפּט אָפּ דעם אָטעם. זאַכן, וואָס האָבן נאָר וואָס אויסגעזען ווי ווילדפֿרעמד, ווי פֿון אַ אויספֿאַנטאַזירטער וועלט, ווערן ווידער היימיש, ווירקלעך, וויכטיק — די איינציק וויכטיקע. עס גיט אַ צי — נישט אויסצובאָדן דעם קערפּער, נישט איינצוזאַלבן און איינצובאַנדאַזשירן די פּיס, נישט אויסצוטרינקען אַ פֿרישן גע־

טראַנק, נישט אָפּצועסן געשמאַק און זאַט — עס גיט אַ צי צוצוגיין צום שרייב־טיש און פֿאַרענדיקן אַ נישט־פֿאַרענדיקטן אַרטיקל, צו ענדערן אין אַ פֿאַרענדיקטן אַרטיקל אַ זאַץ, וועלכער רופֿט אַרויס אַ העוויה פֿון אומצופֿרידנקייט, ווען מען דערמאָנט זיך אין אים. און עס וואַקסט דער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרענדיקן אַ נישט־פֿאַרענדיקט וויכטיק בוך — דער געדאַנק, וועלכן דאָס דאָזיקע בוך האָט אויפֿגעוועקט, איז געבליבן אין מיטן, נישט פֿאַרענדיקט. עס איז אַזאַ אומזין צו לאָזן אין מיטן דעם אָנגעהויבענעם גייסטיקן פּראָצעס, עס איז כמעט ווי אַ פֿאַרברעכן. אויסבעסערן דעם פֿעלער! גוטמאַכן די עוולה! און עס ווילט זיך גיין צוריק שוין נישט פֿון רעזיגנאַציע, נישט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, נאָר פֿון אינערלעכן דורשט נאָך פֿולקייט, פֿון אינערלעכער קאָנצענטרירטקייט אויפֿן עיקר — פֿון אינערלעכער באַפֿרייאונג.

פֿון אינערלעכער באַפֿרייאונג — אָט דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט פֿאַר׳ן צושטאַנד, וואָס איך לעב איבער. אָבער ווער האָט מיך באַפֿרייט? וואָס האָט מיר געגעבן כוח צו באַפֿרייען זיך?

די נאַטירלעכע פֿונקציע פֿון דיכטונג, — זי האָט מיך באַפֿרייט. געווען אין וועג מאָמענטן, ווען דער פֿאַרלאַנג צו טרינקען האָט געחוזקט פֿון אַלע געפֿאַרן, — די אומבאַפֿרידיקטע נאַטירלעכע באַדערפֿעניש צו טרינקען האָט געפֿאָדערט באַפֿרידיקונג און אַלץ איז פֿאַרטונקלט געוואָרן דורכן דאָזיקן פֿאַרלאַנג: אָדער מען פֿלעגט אים באַפֿרידיקן אין דערווירקלעכקייט אָדער אין וואָר־חלומות. אויך די אומבאַפֿרידיקטע נאַטירלעכע פֿונקציע פֿון דיכטונג האָט — אין געהעריקן מאָמענט — אין דער איינזאַמקייט פֿון זוניק־שיינעם וועג — אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן. און די ווירקונג פֿון דיכטונג באַשטייט תמיד אין אַריבערפֿירן דעם געמיט אין אַן אַנדערע — העכערע — ספֿערע, דורכברעכן אַ וועג פֿון צופֿעליק צייטלעכן צום עיקרדיק־אייביקן, אָפּשטופֿן אין אַ זייט דאָס חומרדיק־עגאָאיסטישע און פֿאַרקניפּן מיטן גייסטיקן, איבער־אינדיווידועלן „איך”. און איך האָב ביז נאָר באַגריפֿן דעם זין פֿונם קליינינקן פֿאַקט, וועלכן פֿריִץ פֿאָן

אונרו, דער דייטשער דראַמאַטורג, דערציילט אין זיין רייזע־בוך „אויף די פליגלען פון דער ניקאַ" (ניקאַ — די געטין פון נצחון). אַלס ניין־יאָריק קינד, בעת אַ שפּאַציר מיט זיינע חברים פון דער יונקער־שול, האָט ער אויפן קול אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג פאַרן שיינעם זון־פאַרגאַנג. ער איז דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן מיט קאַרצער. און דאָס איז נישט געווען קיין קאַפּריז פון אַ קליין־קעפּלדיקן פעלדפעבל — דאָס איז אַ באַוואוסטזיניקע, גוט דורכגעטראַכטע האַנדלונג פון אַ רעזשים: אַ זעלנער, וואָס קאָן פאַרכאַפּט ווערן פון אַ דיכטעריש געפיל, איז אַ שלעכטער זעלנער, איז אַ סכנה פאַר זיין פאָלק. אַ דיכטעריש געפיל רייסט אַריבער דאָס געמיט אין אַ אַנדער אַט־מאָספער, רייסט אַראָפּ די דרויסנדיקע שאָלעכצן און אַנט־פּלעקט דעם פאַרבאָרגענעם קערן. אַזאַ זעלנער קאָן אויפהערן זען דעם שונא און מיטאַמאָל דערזען — דעם מענטש.

אויפן וואַלדיקן זוים פון וואָלינער שליאַך האָב איך אויפ־געהערט צו זען דעם לויערנדיקן אומגליק, כ'האָב אויפגעהערט צו פילן די ווייטיקדיקע וואונדן, כ'האָב אויפגעהערט צו זיין אַ געהעצטע, געיאָגטע, געפּלאָגטע חיה, און אויף אַ קורצער ווייל ווידער געוואָרן אַ מענטש, אַ פרייער מענטש. פריי פון חיהשער שרעק און פול מיט מענטשלעכער זעלבסטווירדע, פול מיט מענטשלעכן אינהאַלט. כ'האָב גענומען לייענען פון זכרון די שענסטע לידער, וואָס איך געדענק. און פאָרגעלייענט האָב איך זיי מיטן זעלבן געפיל, ווי כ'פלעג טרינקען אויפן וועג עמערס וואַסער, — זיי האָבן באַפרידיקט מיינע אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש.

אין צייטן פון איבערפלוס קאָן עסן ווערן אַ מיסברויך, אַ פרעסעריי, אַ צייט־פאַרטרייב, — אָבער אין צייטן פון הונ־גער דערפילט מען ווידער די נאַטירלעכסטע באַדערפעניש פון עסן, מען דערזעט דעם שורש, וואָס איז פאַרשאָטן געוואָרן דורך די מיסברויכן פון לוקסוס.

אין צייטן פון גייסטיקער איבערגעזעטיקטקייט קאָן אויך די דיכטערישע פונקציע פון מענטשן מיסברויכט, פאַרקריפּלט ווערן, — מען שפּילט זיך מיט נאָכמאַכן דיכטונג, מען פאַר־וואַנדלט זי אין שונד; אָבער אין צייטן פון גייסטיקן הונגער

דערשפּירט מען ווידער דעם שורש פון דיכטונג, איר נאַטיר־לעכע נויטווענדיקייט.

אויף די ווילנער שליאַכן האָב איך דערפילט מיט דער לעצטער קלאָרקייט, אַז דיכטונג איז נישט קיין לוקסוס־אַרטיקל, וועלכן דער מענטש געברויכט בלויז אין צייטן פון זאַטקייט און רו, — דיכטונג איז אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש גראָד אין צייטן פון נויט און עלנטקייט.

זייט דאַן איז מיר דיכטונג נאָך טייערער געוואָרן און דער קאַמף פאַר איר ריינקייט — נאָך אַ גרעסערע פליכט.

ווילנע, דעצעמבער, 1939.

דער אויפֿערלעכער און דער אינערלעכער אמת

דעם דיכטער, ווי בכלל יעדן איינעם, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט גייסטיקע ענינים, באַפֿאַלט אָפֿט אַ געפֿיל פֿון פֿאַר־צווייפֿלונג: צי אַרבעט ער נישט אומזיסט? צי איז זיין אַרבעט נישט קיין נוצלאָזע שפּיל? צי פֿאַרשווענדט ער נישט זיין לעבן אויף אַ שפּיל, וואָס האָט קיין שייכות נישט צום לעבן און מיטן לעבן? ער שרייבט, מענטשן זעצן, דרוקן, אַרבעטן אויס פּאַפּיר פֿאַר זיינע ביכער, באַשעפֿטיקן זיך מיט פֿאַרקויפֿן און קויפֿן זיי, און דער רעזולטאַט? די ביכער פֿאַרפֿילן ריזיקע ביבליאָטעק־געביידעס, אַן אַ שיעור בוכהאַנדלונגען, פּריוואַטע קאַבינעטן, און עס קלויבט זיך שטויב אויף זיי, זיי שימלען, פֿוילן, נעמען צו צייט ביי דער יוגנט, ווערן אַ מיטל צו פֿאַר־טרייבן דעם לאַנגווייל, אַ מיטל פֿאַר אַ נייער סכאָלאַסטיק — אַ סכאָלאַסטיק פֿון בוך־קריטיק, פֿון עסטעטישע טעאָריעס.

צי לאָזט ער נישט איבער דאָס אמתע לעבן, אין געיעג נאָך זיין שאָטן?

די גרעסטע פּיין באַשטייט אינעם געפֿיל, אַז מען טוט אַן אַרבעט, וואָס איז זינלאָז. דער מענטש פֿילט זיך דאַן דעגראַ־דירט, אויס מענטש. ער פֿילט זיך נוצלאָז, ער קאָן זיך גופֿא נישט נעמען ערנסט. אין תלמוד ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר אַ קנעכט נישט געבן טון קיין זינלאָזע, קיין נוצלאָזע אַרבעט. ווי שווער די אַרבעט זאָל נישט זיין, אויב דער מענטש זעט איר זינפֿולן רעזולטאַט, איז זי לייכטער פֿאַר גיסן וואַסער אין אַ פֿאַס אָן אַ דנאָ אָדער פֿאַר מאַכן קניפּלעך און זיי אויפֿקניפּן.

און אָט דאָס פּיינלעכע געפֿיל האָט אָפֿט אַ שרייבער: צי דאַרף עמיץ האָבן זיין אַרבעט? צי איז דאָס נישט קיין גיסן וואַסער אין אַ פֿאַס אָן אַ דנאָ?

און ווען ער הויבט אויף דעם קאָפּ פֿון איבערן בויגן פּאַפּיר, ווען ער רייסט זיך אַרויס פֿון די פֿאַרשיכורנדיקע אָרעמס

פון זיין דיכטערישער וויזיע, און ער גיט אַ קוק אויפן אַרומיקן לעבן, — כאַפּט אים אַמאָל אָן אַ געפיל פון פאַרצווייפלונג, און נאָך אָפטער — אַ געפיל פון אומזיכערקייט. ער זעט ווי מענטשן לעבן און ער געפינט נישט אין זייער אַרט לעבן קיין שפּור פון ז י י ן וועלט. זיי זענען, דאַכט זיך, אָפּגעטיילט פון אים מיט אַן אָפּגרונט, וואָס טיפער און ברייטער פון אים קאָן שוין גאָרנישט זיין! זייער גאַנץ ליב און לעבן איז אַריינגעטון אין האַנדלען און וואַנדלען און האָוועז, אין שאַרן געלט, אין זאַמלען אוצרות, אין גוט עסן און גוט טרינקען, אין מערן ביליקע, נודנע נצחונות איבער פּרויען.

וואָס פאַר אַ קליינעם אָרט עס פאַרנעמט די דיכטונג אינם פּריוואַטן און קאָלעקטיוון לעבן, — ווי ווייניק מען רעכנט זיך מיט איר אין פּראַקטישן, אין אמתדיקן לעבן!

און דער דיכטער פילט זיך ווי אַ מענטש, וועמען קיינער נעמט נישט ערנסט: מ׳וואַרפט אים צו אַביינדל און אַ גלעטנדיקן אָדער אַ נייגעריקן בליק, — אָבער מען נויטיקט זיך נישט אין אים; ער איז אין בעסטן פאַל אַ שטיקל לוקסוס, אַ מאָדעאַרטיקל, אַ זאַך פון סנאָביזם, — אָבער נישט קיין זאַך פון ערשטן געברויך.

ער געהער צום צווייטן, צום דריטן און צום צענטן פּלאַץ אין לעבן, — נישט צום ערשטן.

דאָס געשעט אָבער מיטן דיכטער נאָר דאַן, ווען ער קוקט אויפן לעבן פון דרויסן, אויף זיין מגושמדיקער זייט. גיט מען אַ קוק אויפן לעבן פון אינעווייניק, פון זיין נשמדיקער זייט, וואָס ווערט פאַרשטעלט אָבער נישט געטויט דורכן לעבנס גרויסן, מגושמדיקן גוף, ענדערט זיך דאָס בילד.

וואָס פאַר אַ אוצר פון דיכטונג די מענטשהייט האָט אויפצואווייזן! וואָס פאַר אַ רייכער שניט פאַר אַזאַ קורצער צייט פון שריפטפעאיקער באַוואוסטזיניקער געשיכטע!

ווי קליין עס איז די אַלייע פון באַוואוסטזיניק געפלאַנצטער דיכטונג לגבי דעם געדיכטן אורוואַלד פון דיכטערישן אינסטינקטיוון שאַפן. וואָס פאַר אַ רייכע פאַונע און פלאָרע עס פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע נישט־קולטיווירטע צוויבערלאַנד פון דיכטונג. מיט וואָסער קאָסמישער אור־קראַפט פון דיכטערישן

וואקסן עס איז באשאנקען א מענטשהייט, וואס אין יעדן ווינקל פון ערד־קוגל געפינט איר אומדורכדרינגלעכע וועלדער פון מעשהלעך און פאלקס־לידער, פון משלים און פאלקס־עפאס, פון שפריכווערטער און דיכטערישע שפראך־פארמען.

ווען מען לאזט זיך שווימען אין דאזיקן ים דיכטונג, דאכט זיך אייך אמאל, אז אלדאס איבעריקע, וואס פילט, דאכט זיך, אויס מיט זיין טומל דעם גאנצן לעבנס־רוים, איז בלויז ווי קליינע אינזעלעך, וואס ווערן כסדר פארטרונקען פון דער מעכטיקער סטיכיע. ס'הויבט זיך אן צו דוכטן, אז אומצאליקע דורות האבן גארנישט געטון, ווי נאר געזונגען און געטרוימט אויפן קול. הגם קיין פארלאגן מיט האנאראר זענען נישט געווען און קיין שרייבער־כבוד איז נאך אויך נישט געווען קיין סחורה און קיינער האט צוליב רום און סנאביזם נישט געשריבן; מען האט נאר באפרידיקט א באדערפעניש, וואס מען האט אליין געפילט. מען האט געזונגען און געטרוימט נישט פאר יענעם, נאר פאר זיך אליין, מען האט אזוי ארום געלעבט.

און וואס פאר א שטארק, רייך לעבן עס איז געווען! ס'איז געגוג צו נעמען בלאנדזשען אין דאזיקן געדיכטן אור־וואלד פון צויבער־לידער, לעגענדעס און מעשהלעך, כדי צו דערפילן, אז ערשט דא איז דאס אמתע לעבן. ווען דער אלטער דייטשער ליריקער וואלטער פאן דער פאגעלווייידע זינגט אויס די פראזע אויף דער עלטער „צי האט זיך אים זיין לעבן גע־חלומט אדער עס איז געווען אויף דער וואר", און מיר פילן ווי דער ריטם פון דער דאזיקער פראגע פון אנהויב דרייצנטן יאַרהונדערט באַרירט אונז טיף־אינטים מיט זיין צאַרטער מע־לאנכאליע, ווייסן מיר דעם ענטפער דערויף: דאס גאנצע לעבן זיינס, מיט דעם אנטייל זיינעם אין קרייץ־צוג צוזאמען האט געקאנט פארגיין ווי א חלום, אבער זיין אויסגעזונגענע מעלאנ־כאלישע שטימונג וועגן דעם לעבן, וואס איז פארגאנגען ווי א חלום, איז אן אייביקע ווירקלעכקייט.

עס דאכט זיך, ווען מען פארזינקט אין דער דאזיקער אויס־געזונגענער ווירקלעכקייט, אז אלדאס איבעריקע איז בלויז דער אומפארמיידלעכער באגלייטנדיקער קערפער פון לעבן, וואס קאן אן אים נישט עקזיסטירן, ווי יעדע זאך אויף דער וועלט;

עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז בלויז אַ שײַן, ביז עס ווערט עכטע, דויערהאַפטע, באַלעבטע, נשמהפולע ווירקלעכקייט אין געזאַנג.

און עס ווערט אַזוי ליכט אויפן האַרצן, און עס זעט אויס אַזוי קאָמיש דער געדאַנק, אַז דאָס דאַזיקע צעזונגענע לעבן, די זינגענדיקע ווירקלעכקייט, וואָס קוועלט אַרויס מיט אַ סטיכישער קראַפט, ווי די געוויקסן־וועלט אין פרילינג, זאָל פּלוצלונג האָבן פאַרלוירן איר כוח היצירה, זאָל פּלוצלונג האָבן פאַרלוירן די אינערלעכע ווירקלעכקייט און זאָל האָבן געבליבן בלויז ביי דער אויסערלעכער.

ווען מען פאַרזינקט אינעם אָקעאַן פאָלקס־דיכטונג, וואָס שווענקט אַרום אונזער אויסערלעך־קערפּערלעך לעבן, ווי די זיבן ימים די ערד, ווי דער לופט־אָקעאַן די וועלט אונזערע, ווערט קלאָר, אַז דער אויסדרוק „פעלקער זינגען" איז נישט קיין מליצה: זיי זינגען און באַזינגען זייערע משוגעתן, זייערע מלחמות, זייערע טרוימען, זייער האַס און זייער ליבע. און פעלקער זינגען נישט נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, — זיי זינגען אויך איצט און וועלן זינגען אין דער אייביקייט אַריין, כל זמן עס וועלן זיין פעלקער אויף דער וועלט.

דער מענטש איז אַ באַשעפעניש, וואָס פאַרוואַנדלט זיין לעבן אין געזאַנג. און ערשט אין דער דאַזיקער פאָרם לעבט ער עס דורך אויף אַן אמת.

שאַנכיי, אָנהויב 1942.

הייִנטצײַטיקע און אַלטמאָדישע פּאָעזיע

כמעט אײנצײַטיק האָב איך געלײענט אַן אַנטאָלאָגיע פון אַלטער כינעזישער פּאָעזיע*), די יידישע דיכטער פון דער אַראַבישער שפּאַניע און אַ זאַמלונג לידער פון אײנעם פון די מאָדערנסטע ענגלישע דיכטער — ט. ס. עליאָט. איך האָב געלאָזט ווירקן אויף זיך כמעט אײנצײַטיק די דיכטונג פון פאַרשידנאַרטיקסטע פעלקער און פאַרשידנאַרטיקסטע פּעריאָדן און וואָס־זשע? נישט נאָר די פערזן פון יהודה הלוי און איבן־גבירול, — אויך די פערזן פון דער כינעזישער אַנטאָלאָגיע זענען מיר אַרײַנגעדרונגען אין דער נשמה ווי עפּעס נאָענטס, באַקאַנטס, כמעט אײגנס, בעת די פּאָעזיע פון ט. ס. עליאָט, געשריבן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען געבליבן אין דרויסן פון מײַן געמיט, אין בעסטן פאַל אַרײַנדרינגענדיק אין מײַן באַוואוסטזײַן, אין מײַן אינטעלעקטועלער וויסבאַגיריקײַט.

די אַלטע, דרײַ־טויזנט־יאָריקע כינעזישע דיכטונג, געבוירן אין אַ לאַנד, וואָס איז מיר פולשטענדיק פרעמד, קאָן איך נאָך אויך איצט לײענען אָן קאָמענטאַרן, פאַרבינדנדיק זיך מיט איר אוממיטלבאַר דורכן בלויזן לײענען, בעת כדי צו פאַרשטײן דעם הײַנטצײַטיקן אײראָפּעאישן פּאָעט ט. ס. עליאָט, זענען נויטיק קאָמענטאַרן, וועלכע פאַרנעמען אַ גאַנץ באַדײַטנדיקן פּראָצענט זײַטלעך אין זײַן קלײן ביכעלע, — זײַן פּאָעזיע דערגײט נישט צו מיר אוממיטלבאַר.

די כינעזישע געדיכטן דערמאָנען מיר דאָ ליטווישע פאָלקס־לידער, דאָ הײַנריך הײַנעס „לידער־בוך". די דאָזיקע אַלטע

---

*) די אַנטאָלאָגיע איז געווען פון כינעזישער און פון יאַפּאַנישער דיכטונג, אָבער צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות האָב איך זי באַצײַכנט נאָר אַלס כינעזישע.

גערירכטן זענען קרישטאָלן פון מענטשלעכע געפילן, אייביקע ווי דאָס לעבן, די זעלבע, אין זייער טיפסטן מהות, אומעטום, וואו נאָר עס לעבן מענטשן, וואו נאָר מענטשן לעבן איבער די פריידן און ליידן פון לעבן. די היינטצייטיקע דיכטונג אָבער, וואָס לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו זיין וואָס מער היינטצייטיק און בלויז היינטצייטיק, — די דאָזיקע דיכטונג שטעלט פאַר מיט זיך עפּעס אַ פאַרפּלאָנטערטן ציפער אינם פאַרפּלאָנטערטן חשבון פון אונזער צייט. די דאָזיקע היינטצייטיקע דיכטונג גיט אונז נישט קיין קרישטאָלן פון אייביק־מענטשלעכע איבערלעבענישן, נאָר זי גיט אונז אַפּאָקאַ־ליפּטיש־פאַרשלייערטע, פּובליציסטיש־פּאָעטישע טראַקטאַטן. די בעסטע מוסטערן פון דער כינעזישער פּאָעזיע, וואָס איך האָב די טעג געלייענט, זענען ווי פּערל, אַרויסגעפישטע דורך פּאָעטן־טויכער פון די טיפענישן פון לעבנס־ים; אָבער די מוסטערן פון דער סאַמע כאַראַקטעריסטישער היינטצייטיקער פּאָעזיע מאַכן דעם איינדרוק, ווי די טויכער־פּאָעטן באַגנוגענען זיך מיט דער ברעג־זאַגע פונם לעבנס־ים, וואו זיי נעמען אַראָפּ דעם שמוציקן שוים פונם וואַסער, וואָס איז פאַרשמוצט דורכן ברעג־לעבן.

דער געשריי פון דער יונגער כינעזישער פרוי, וועלכע בענקט נאָך די היימישע ערטער אין פרעמדן דאָרף פון איר מאַן, געפינט ביי מיר אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג, פּונקט ווי די וואונדער־באַרע התלהבותדיקע אויסגעשרייען פון דער רעליגיעזער בענקשאַפט פון די „תהילים״־קאַפּיטלעך; די פלאַמיקע פּערזענלעכע עלעגיעס פון משה אבן עזרא וועגן דער פאַרלוירענער געליבטער זענען מיר אויך צוגענגלעך עמאָציאָנעל נאָך אַ קנאַפּן יאָר־טויזנט, פּונקט ווי די נאַציאָנאַלע עלעגיעס פון יהודה הלוי. דער תהילים און די ציון־לידער פון יהודה הלוי אַנטפּלעקן פאַר אונז טיפערע שיכטן פון דער מענטשלעכער נשמה, איידער דאָס כינעזישע ליד וועגן דעם בענקנדיקן מיידל און איידער די לידער פון אבן עזרא וועגן דער פאַרלוירענער, ווייטער געליבטער, — אָבער זיי זענען גלייך דערמיט, וואָס זיי שטראָמען אַרויס פון דער טיף פון מענטשלעכן האַרצן, אויסרייסנדיק דאָרט און אַרויסרייסנדיק זיך אין דרויסן נאַטירלעך, ווי אַ

פּרוכט פון מוטער־שויס. און זײ פאַרלירן נישט זײער פריש־קייט אין משך פון יאָר־טויזנטער, — זײ זענען לעבעדיקע טײלן פון מענטשלעכן האַרצן און אַלס אַזעלכע זענען זײ אונז נאָענט תּמיד און אומעטום.

גאַנץ אַנדערש איז מיט דער פּאָעזיע, װאָס האָט איין פאַרלאַנג: צו זײן דווקא הײנטצײטיק, הס־ושלום נישט אַלט־מאָדיש. זי איז אַ געשפּענסט פון כאַאָס. די מענטשן פילן דעם כאַאָס אין זיך און אַרום זיך. די װעלט װאַקלט זיך און זײ, די מענטשן, צוזאַמען מיט איר. און די מענטשן־דיכטער װילט זיך אויסדריקן די דאָזיקע איבערלעבונגען זײערע. אָבער קונסט — דאָס איז פאָרם, פורימונג פון כאַאָס, באַהערשונג פון כאַאָס. אָבער די הײנטצײטיקע דיכטער, פון עליאָטס חדר, טראָגן אין זיך דעם כאַאָס פון הײנטצײטיקײט, שפּירן אים, אָבער גובר זײן אים קאָנען זײ נישט, און זײ ברענגען אים אַרײַן אויך אין זײערע אָנשטרענגונגען צו געבן אים אַן אויסדרוק. זײ װילן באַזינגען „די פאַרװיסטעטע ערד" און עס באַקומט זיך אַ פאַר־װיסטעטע פּאָעזיע.

דעריבער זענען כמעט אַלע נײַע ריכטונגען אין דער הײנט־צײטיקער דיכטונג — פאָרמלאָז, נישט צוטריטלעך פאַרן אומ־מיטלבאַרן געפיל פון מענטשן, פאַר זײן נשמה. נישטאָ אין זײ דער כאַאָס פון אַ װאָלט װיטמאַן, װאָס געבוירט װעלטן; נישטאָ אין זײ דער קאָסמישער נעפּל פון אַ װאָלט װיטמאַן, װאָס טראָגט אין זיך פּאָטענציעלע װעלטן. אין זײ איז דאָ בלויז דער אומפּרוכטבאַרער כאַאָס פון דער הײנטצײטיקער װעלט און דער כאַאָס פון די דיכטער־אויסדריקער פון דאָזיקן װעלט־כאַ־אָס. נישט זײ צװינגען אַרײַן דעם כאַאָס אין די פאָרמען פון קונסט, נאָר דער כאַאָס רײסט זיך אַרײַן אומזשענירט אין זײער קונסט און צעשטערט אין װאָרצל איר שטרעבן, איר אָנשטרענגונג זיך אויסצופורעמען, זיך פאַרקערפּערן.

און אין צען אָדער צװאַנציק יאָר אַרום נױטיקט זיך שוין דער דאָזיקער פאַרװערטערטער כאַאָס אין קאָמענטאַרן, כדי מען זאָל כאָטש קאָנען באַגרײפן זײן כאַאָטישן שטאַמלען, װײל דער שוים פון הײנטצײטיקײט, װאָס ליגט אין יסוד פון דאָזיקן מין הײנטצײטיקער דיכטונג, האָט שוין באַװיזן צע־

קלאַפּט צו ווערן אין די ברעג־פּעלזן און צערינען אינם ברעג־זאַמד.

די גרעסטע טייל פון דער היינטצייטיקער פּאָעזיע, וואָס רופט זיך שטאָלץ מיטן דאָזיקן נאָמען, איז נישט נאָר קורצ־לעבעדיק, נאָר אפילו נישט היינטצייטיק; ווייל די בעסטע היינטצייטיקייט אין קונסט איז די היינטצייטיקייט, וואָס איז אייגן אַלע צייטן. דאָס, וואָס האָט באַוועגט די מענטשלעכע הערצער אין דער פּאָעזיע פון פאַר דריי טויזנט יאָר צוריק, באַוועגט די דאָזיקע הערצער אויך היינט; און אַזאַ פּאָעזיע איז געוועזן פונקט אַזוי היינטצייטיק אין דעם טיפן אַמאָל, ווי זי איז עס היינט.

אָבער די היינטצייטיקע פּאָעזיע, וואָס רירט נישט אום־מיטלבאַר די מענטשלעכע הערצער, וועט נישט נאָר נישט זיין היינטצייטיק אין טויזנט יאָר אַרום, נאָר אויך היינט נויטיקט זי זיך אין קאָמענטאַרן, כדי אַריינצודרינגען אויב נישט אין אונזער געפיל, טאָ לכל הפּחות אינם מוח פון מענטשן. זי איז נישט קיין קוואַליקע, לעבעדיקע פּאָעזיע, נאָר אַ מין פּאָעטי־שער אַפּפּאַל, אַ מין ביים געבורט דערשטיקטע פּאָעזיע.

שאַנכיי, יוני, 1943.

עפּעס וועגן וועזן פון דיכטונג

(פון אַ קריטיקערס טאָג־בוך)

אין דער יוגנט איז היינריך היינע געווען מיין פּאָעטישער גאָט. באַקענט האָב איך זיך מיט זיין שאַפן דורך אַ רוסישער איבערזעצונג אין דער „ניוואַ"־אויסגאַבע פון פּיאָטר וויינבערג.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט מיינונגען פון באַקאַנטע קריטיקער — באַזונדערס פון געניאַלן פּיסאַרעוו — אַז היינריך היינע לאָזט זיך נישט איבערזעצן, האָב איך נישט געקאָנט רוען. אויב מען האָט אַזאַ גענוס פון היינעס ווערק דורך אַן אומבאַפרידיקנדיקער איבערזעצונג, טאָ ווי איז שוין די איבער־לעבונג פונם קאָנטאַקט מיטן אָריגינאַל?!...

איך האָב זיך איינגעשאַפט אַ דייטשע אויסגאַבע פון היינעס לידער, און די באַקאַנטשאַפט מיט היינען אין אָריגינאַל איז פאַרגעקומען גלייכצייטיק מיט לערנען די דייטשע שפּראַך, אָנהויבנדיק פון גאָטישן א. ב. צ.

און דער לוין פאַר מיין פלייס איז געווען אַ ביטערע אַנטוישונג: די אומפּולקאָמענע איבערזעצונג איז מיר געפעלן געוואָרן מער פאַרן אָריגינאַל, זי האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך מער ריין־מוזיקאַלישן און עמאָציאָנעלן גענוס, ווי דער דייטשער אָריגינאַל.

דערקלערן דאָס מיט מיין נענטערער שייכות צו דער רוסישער שפּראַך, האָב איך נישט געקאָנט, ווייל ערשטנס האָב איך שוין דאַן געוואוסט, אַז דיכטונג געפעלט אָפטמאָל מער גראָד אין אַ פרעמדער שפּראַך, וואו די ווערטער און באַגריפן זענען אַביסל פאַרשלייערט, וואו זיי לאָזן צו מער רוים פאַר פאַנטאַזיע און עמאָציאָנעלן האַלב־דרימל; און צווייטנס, פלעגן מיך לאָזן אַ סך קעלטער, ווי די איבערזעצונגען, אויך אַזעלכע לידער, וועלכע איך האָב דורך פיל לייענען געקענט און

פאַרשטאַנען נישט ערגער, ווי די רוסישע איבערזעצונגען.

פון דער צווייטער זייט ווידער, האָב איך אויך נישט גע־קאָנט אוועקמאַכן מיט דער האַנט די מיינונג, אַז היינע לאָזט זיך נישט איבערזעצן, אַז יעדע איבערזעצונג הרגעט אוועק לכל הפחות פופציק פראָצענט פון היינעס אומפאַרגלייכלעכן צויבער. ערשטנס, האָב איך דאָס נישט געקאָנט דערפאַר, ווייל מיין קולט פאַר היינען האָט זיך געפילט שטאַרק געשמייכלט פון אַזאַ השערה: וואָדען, היינע וועט זיך לאָזן איבערזעצן? ער איז מסתמא טויזנט מאָל גרעסער, ווי מען זעט אים דורך דער איבערזעצונג! דער העלדן־קולט אין דער פריער יוגנט ווייס נישט פון קיין שפּרענקעלעך אויף דער זון! און צווייטנס, איז פּיסאַרעווס באַגייסטערונג פאַר היינעס אומפאַרגלייכלעכ־קייט געווען אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר דער דאָזיקער מיי־נונג. אויב פּיסאַרעוו, וועלכער איז אַזוי קאַרג אויף שבחים פאַר פּאָעטן, איז אַזוי באַגייסטערט, איז מסתמא נישט אומזיסט.

און עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס איך קאָן נישט צוקומען צום אוצר, וואָס ליגט באַהאַלטן הינטער די גאָטישע אותיות פון היינעס ווערק.

און איך האָב נישט נאָכגעלאָזט, איך האָב זיך נישט באַרואיקט. אויב איך בין אין יענער צייט בכלל באַשטאַנען פון הויט אוןביינער און קולט פאַר דיכטונג, איז נאָך צוגע־קומען צו דעם דער היינע־פיבער. איך האָב זיך געוואָרפן פון דער רוסישער איבערזעצונג צום אָריגינאַל און צוריק. און היות איך האָב אָן אַ שיעור היינעס לידער געקאָנט אויף אויסנווייניק, פלעג איך מיין דאָזיקע אַרבעט טון אויך אין גאַס, אויך ביינאַכט אין בעט, און איינמאָל, פאַרגלייכנדיק אין זכרון היינעס לידער „צוויי גרענאַדירן" און „אַ סאָסנע שטייט איינזאַם" אין אָריגינאַל און אין דער איבערזעצונג, איז אין מיר אויפגעגאַנגען, ווי אַ בליץ, דער סוד פון היינעס אָריגינאַל־צויבער.

צו זעכצן יאָר איז נישט קיין גרויסע זאַך אַ ליל־שמורים. איך האָב זיך גלייך אָנגעטון, אָנגעצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ (אין ביאַליסטאָק איז נאָך דאַן קיין עלעקטרי נישט געווען; יעדנ־פאַלס ביי אונז אין שטוב נישט), און פאַרטאָג, ווען איך האָב

זיך צוריקגעלייגט אין בעט, האָב איך שוין געהאַט אַ שליסל (אַן אויסגעשמידטן און צוגעפּאַסטן מיט אייגענע כוחות, אינגאַנצן זעלבשטענדיק) נישט נאָר צום צויבער פון היינעס אָריגינאַל, נאָר צו דיכטונג בכלל.

איך וויל דאָ מאַכן אַ פאַרגלייך (צווישן אָריגינאַל און דער איבערזעצונג) פון היינעס באַרימט ליד „איין פיכטענ־באַום שטייט איינזאַם". איך שטעל זיך אָפּ אויפן דאָזיקן ליד צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, איז עס אַ קליין ליד און במילא וועט עס קיין סך אָרט נישט פאַרנעמען, הגם עס וועט פול־שטענדיק קלאָר מאַכן דעם פּראָבע־מעטאָד, נישט ערגער ווי דער אַנאַליז פון אַ גרויס ליד, אָדער פון אַ גאַנצן באַנד לידער; און צווייטנס, איז די רוסישע איבערזעצונג פון דאָזיקן ליד געמאַכט געוואָרן נישט דורך אַבי וועמען, נאָר דורכן גרויסן רוסישן דיכטער לערמאָנטאָוו, און ווי אַ סך ווילן האָבן, איז די דאָזיקע איבערזעצונג אַ באַווייז, אַז אַן איבערזעצונג פון אַ גרויסן דיכטער קאָן אַמאָל זיין בעסער, ווי דער אָריגינאַל, — אַזוי אַרום קאָן מען ביים דאָזיקן ליד אויפקלערן אויך דאָס, פון וואַנעט עס נעמט זיך דער איינדרוק (נישט נאָר ביי מיר), אַז די איבערזעצונג איז בעסער פאַרן אָריגינאַל.

איך וועל קודם כל איבערגעבן אין יידישער טראַנסקריפּציע סיי דעם דייטשן, סיי דעם רוסישן טעקסט פון דאָזיקן ליד; דערנאָך וועל איך געבן אַ וועזנטלעכע איבערזעצונג אין יידיש פון ביידע טעקסטן. אין יידישן טעקסט פון דער רוסישער איבערזעצונג וועל איך אַריינגעמען אין קלאַמערן די ווערטער, וואָס זענען אין אָריגינאַל נישטאָ, און דאַן וועלן מיר קענען צוטרעטן צום פאַרגלייכנדיקן אַנאַליז.

דער דייטשער טעקסט פון היינעס ליד:

„איין פיכטענבאַום שטעהט איינזאַם
„אים נאָרדען אויף קאַהלער העי.
„אים שלעפערט; מיט ווייסער דעקע
„אומהילט אין אייז אונד שנעע.
„ער טראַומט פאָן איינער פּאַלמע,
„די פערן אים מאָרגענלאַנד

„איינזאם אונד שווייגענד טראַוערט
„אוף ברענענדער פעלזענוואַנד".
דער רוסישער טעקסט פון הײנעס ליד:
„נאַ סעווערע דיקאָם סטאָאיט אָדינאָקאָ
„נאַ גאָלאָי ווערשיניע סאָסנאַ,
„אי דרעמליעט, קאַטשאַיאַס, אי סניעגאָם סיפּוטשים
„אָדעטאַ קאַק ריזאָי אָנאַ.
„אי סניטסיאַ יעי ווסיאָ טשטאָ וו׳ פּוסטיניע דאַליאָקאָי,
„וו׳ טאָם קראַיע, גדיע סאָלנצאַ וואָסכאָד,
„אָדנאַ אי גרוסטנאַ, נאַ אוטיאָסיע גאָריוטשעם
„פּרעקראַסנאַיאַ פּאַלמאַ ראַסטיאָט".

די יידישע ווערטלעכע איבערזעצונג פונם דייטשן אָריגינאַל:

„אַ סאָסנע שטייט איינזאַם
„אין צפון אויף אַ נאַקעטן שפּיץ.
„עס שלעפערט איר; מיט אַ ווייסער דעקע
„וויקלען זי אייז און שניי.
„זי טרוימט פון אַ פּאַלמע,
„וואָס טרויערט — ווייט אין מזרח —
„אַ איינזאַמע און שווייגנדיקע
„אויף אַ ברענענדיקער פעלזן־וואַנט".

די יידישע ווערטלעכע איבערזעצונג פון רוסישן לערמאָנטאָוו־
טעקסט פון הײנעס ליד:

„אין (ווילדן) צפון שטייט איינזאַם
„אויף אַ נאַקעטן שפּיץ אַ סאָסנע;
„און זי דרימלט (שאָקלענדיק זיך);
„און מיט (פּוכיקן) שניי
„איז זי אָנגעטון ווי אין אַ (פּריסטער־קלייד).
„און עס חלומט זיך איר (אַלץ),
„אַז אין וויטן מדבר,
„אין יענעם קאַנט, וואו די זון קומט אויף,
„וואַקסט אַ (פּרעכטיקע) פּאַלמע,
„איינזאַם און טרויעריק אויף אַ ברענענדיקן פעלז".

אפילו דער, וואָס קען נישט קיין רוסיש, וועט באַמערקן, אַז די רוסישע איבערזעצונג פון היינעס ליד איז אויסערלעך, פאַרן אויער, קלינגעוודיקער פאַרן אָריגינאַל. די פערז־מאָס, די צאָל טראָפן איז רעגלמעסיק, צוגעשניטן לויט אַ באַשטימטן כּלל פונם דיכטונג־סטאַטוט, און די דאָזיקע קלאַנג־רעגלמעסי־קייט רופט טאַקע אַרויס ביי אַ פּאַעטיש־אומגעניט אויער דעם איינדרוק, אַז לערמאָנטאָווס איבערזעצונג איז מוזיקאַלישער, ריטמישער פאַר היינעס אָריגינאַל. און דעריבער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט היינעס אָריגינאַל נאָכדעם, ווי מיין אויער איז שוין געוואוינט געווען צו דער איבערזעצונג, איז ער מיר פאָרגעקומען בלאַסער, מיזערנער פאַר דער קאָפּיע. אַזוי מוז רעאַגירן די ערשטע צייט דער גומען פון אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט צו די זיסע יין־צמוקים, ווען ער פאַרזוכט צום ערשטן מאָל אַ נאַטירלעכן הארבלעכן וויין. צו עפּעס רעכטס מוז מען זיך צוגעוואוינען, בפרט דאַן, ווען מען איז שוין צוגעוואוינט צו דער פאַרפלאַכטער קאָפּיע פון עפּעס רעכטס.

ווען דאָס אויער געוואוינט זיך אָבער צו צום אָריגינאַל פון היינעס ליד, הויבט ער אָן אַרויסצוהערן די אינערלעכע מו־זיק, וואָס וויברירט אין די נישט־גאַנץ־רעגלמעסיקע שורות. אַנ־שטאָט דער מאַרש־מוזיק פון לערמאָנטאָווס איבערזעצונג, וואָס פאַרטויבט דעם הער־פּייקל און פּאָדערט אויף צו גיין אין אַ האַפּקע, הויבט מען אָן צו פאַרנעמען די מוזיקאַלישע אינטער־פּרעטאַציע פון די מיט געפילס־אינהאַלט אָנגעלאָדענע שורות. די דיסקרעט־וויברירנדיקע מוזיק פון היינעס שורות אַנטשפּרעכן דער דיסקרעטקייט פון דאָזיקן לידס פאַרחלומטן טרויער. נאָכ־דעם, ווי דאָס אויער האָט שוין איינמאָל פאַרנומען די מוזיק פון היינעס שורות, קאָן מען מער נישט געניסן די אויסערלעכע מוזיק פון לערמאָנטאָווס איבערזעצונג, פּונקט ווי מען קאָן נישט געניסן די מוזיק פון אַ קאַטאַרינקע, נאָכדעם ווי מען האָט זיך אויסגעלערנט צו הערן די מוזיק פון אַ וויאָלאָנטשעל.

ביים וואולגאַריזירן די מוזיקאַלישקייט פון לערמאָנטאָווס איבערזעצונג, האָבן אויך אַ חלק די שטאַרקע קעסל־פּויק־ווער־טער, וואָס לערמאָנטאָוו פּירט אַריין אין זיין איבערזעצונג, און ביי היינען געפינען זיי זיך נישט (למשל: „ווילד", „פּרעכטיק"),

אָבער ווען זיי וועלן מיר רעדן ביים אַנאַליז פונם שפּראַך־אינוועטנאַר, וועלכן עס באַנוצן היינע און דער גרויסער איבער־זעצער.

ביי היינען איז דער ריטם אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט די ווערטער, מיט די בילדער. איר קאָנט פון גאַנצן ליד נישט צונעמען כמעט קיין איין וואָרט, וואָס איר זאָלט תיכף נישט פילן זיין פעלן. אַלע ווערטער באַטייליקן זיך אינם אויפבויען דאָס ליד, אַלע האָבן זיי אַ חלק אין זיין ווירקונג. לערמאַנטאָוו, דאַקעגן, מוז אויספילן די בלויזן פון זיין אויסערלעכן ריטם דורך איבעריקע ווערטער, וואָס נישט נאָר היינע האָט זיי נישט באַנוצט, וואָס זענען נישט נאָר נישט אומבאַדינגט נויטיק דעם ליד, נאָר אדרבה: זיי ברענגען אים שאָדן. לער־מאַנטאָוו זאָגט: „אין ווילדן צפון שטייט איינזאַם... אַ סאָסנע". היינע זאָגט: „אַ סאָסנע שטייט איינזאַם אין צפון". היינעס בילד איז איינגעהאַלטענער, דיסקרעטער, עס גיט אַן עפן ברייט דעם טויער פון דער אינטימער פאַנטאַזיע. דאָס וואָרט „צפון" איז אָנגעלאָדן מיט אַ שפע געפילס־אינהאַלטן, מיט אַ שפע פאָר־שטעלונגען, וועלכע נעמען וויברירן אין אונזער אינערלעכקייט, לאָדן אונז אָן מיט פּאָעטישן הויך־שטראָם. אָבער אין לערמאַנ־טאָווס „ווילדן צפון" איז דאָ אַ שטאַרקער קלאַנג פאַרן אויסערלעכן אויער, אָבער די ווילדקייט פונם וואָרט „ווילדן" טייטשט אויס וואולגאַר דעם בילד־קאָמפּלעקס פון „צפון".

ווייטער: ווי ביליק און אומנויטיק עס זענען די ווערטער „שאָקלענדיק זיך" אין לערמאַנטאָווס שורה: „און זי דרעמלט, שאָקלענדיק זיך". דער „שאָקלענדיק זיך" גיט דאָ גאָרנישט צו צום בילד, וועלכן היינע גיט. היינע גיט בלויז דאָס בילד פון דער סאָסנע, וואָס דרעמלט און טרוימט, אָבער ער נעמט זיך נישט באַשרייבן, ווי איז דערביי איר „קערפּער־האַלטונג". אָט די אויסטייטשונג צום דרימלען איז ווידער אַ צוואַנג פונם מוז אויסצוציען די שורה ביז דער נויטיקער צאָל טראַפן — אַ זאַך, וואָס ביי היינען איז דאָס פאַרביטן מיטן אינערלעכן דינאַמישן ריטם.

און אַזוי כסדר. ביי היינען איז די סאָסנע באַדעקט „מיט אייז און שניי", ביי לערמאַנטאָוון מיט „פּוכיקן שניי". היינע

גיט דאָס אור־בילד, לערמאָנטאָוו גיט צו דעם ליטעראַרישן עפּיטעט פונם בילד. ביי היינען הילט איין דאָס אייז און דער שניי די סאָסנע „מיט א ווייסער דעקע", ביי לערמאָנטאָוון — „ווי אין א ריזע" (א קלייד פון גייסטלעכן ביים גאָטעס־דינסט). דאָ האָט לערמאָנטאָוו נישט אַריינגעפירט קיין איבעריק וואָרט, נאָר ער האָט פאַרביטן איין בילד אויף א צווייטן. אין תוך גע־נומען, קאָן דאָס דער איבערזעצונג נישט ברענגען קיין שאָדן, — דאָס טוען די איבעריקע ווערטער. אָבער „ווי אין א ריזע" איז א צו פייערלעך און — אין דאָזיקן פאַל — פרעמד בילד; עס רייסט אונז אָפּ צו שטאַרק פון דער טעמע גופא, בעת דאָס פשוטע בילד „מיט א ווייסער דעקע" דערנענטערט אונז צום גאַנצן קאָמפּלעקס בילדער פון דער ערשטער סטראָפע: פון צפון, פון דער פאַרפרוירענער סאָסנע, פונם אייז מיטן שניי (ווייסע דעקע).

אין דער ערשטער שורה פון דער צווייטער סטראָפע איז לערמאָנטאָוו באַגאַנגען גאָר א שווערן פעלער. אויב פריער פירט ער אַריין איבעריקע אויסטייטשונגען, ברענגט ער דאָ אַריין סתם אַן איבעריק וואָרט: „און עס חלומט זיך איר אַלץ, אַז אין ווייטן מדבר". ביי היינען איז דער זינלאָזער „אַלץ" נישטאָ; לערמאָנטאָוו פירט אים אַריין, כדי צו באַקומען דעם פעלנדיקן טראָף. דער „אַלץ" („וסיאָ") טויט דאָ טאַקע אַלץ. ווען לערמאָנטאָוו וואַרפט אַרויס זיין „וסיאָ", וואָלט די שורה נישט נאָר געווען גוט, ריכטיק לויטן אָריגינאַל, נאָר עס וואָלט אפילו באַקומען די אינערלעכע וויבראַציע פון היינעס ליד. זאָל יעדער, וואָס קען רוסיש, איבערלייענען די דאָזיקע שורה מיט דעם „וסיאָ" און אָן דעם „וסיאָ", וועט ער זען, אַז נישט נאָר עס פאַלט אַרויס אַן איבעריק, זינלאָז וואָרט, נאָר דער הילצערנער ריטם ווערט פּלוצלונג אַזוי בויגעוודיק, ער רופט זיך אָפּ מיט אַזאַ אינערלעכער וויבראַציע אויף יעדן וואָרט־אינהאַלט פון דער שורה; ער וועט אָנטאַפּן בחוש, וואָס עס באַטייט דער סוד פון דיכטונג. ווער רעדט, ווען לערמאָנטאָוו וואַרפט אַרויס אויך „אַז" („טשטאָ") און שטעלט אַוועק אַנ־שטאָט אים א טאָפּל־פּונקט: „אי סניטסיאַ יעי: וו' פּוסטיניע

דאַליאָקאָי"; ווי טיף מוזיקאַליש עס ווערט די דאָזיקע שורה! אינערלעך־מוזיקאַליש.

וועגן דעם, אַז די שורות „זי טרוימט פון אַ פּאַלמע, וואָס טרויערט — ווייט אין מזרח" — זענען שטיל־פּאָעטישער פאַר די טראַסקענדיקע שורות „און עס חלומט זיך איר אַלץ, אַז אין וויטן מדבר, אין יענעם קאַנט, וואו די זון גייט אויף", איז דאָך אָפּגערעדט. אָבער וואָס קאָן מען שוין זאָגן וועגן דעם באַנאַלן עפּיטעט „פּרעכטיקע", וואָס לערמאָנטאָוו גיט צו דער אויסגעטרוימטער פּאַלמע! היינע גיט דעם קאָנטראַסט־בילד: אַ סאָסנע אין צפון, אויף אַ נאַקעטן שפּיץ, טרוימט פון אַ פּאַלמע, וואָס שטייט אויך איינזאַם און שווייגנדיק אויף אַ ברענענדיקער פעלזן־וואַנט. לערמאָנטאָוו מוז צוגעבן אַ ליטעראַרישן עפּיטעט: „אַ פּרעכטיקע פּאַלמע". ווי ביליק, ווי ווייט פון גייסט פונם אָריגינאַל.

דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע איבעריקע ביליקע פאַרגלייכן און ווערטער ברענגען שאָדן נישט נאָר היינעס ליד, ווייל זיי מאַכן עס ביליקער, באַנאַלער, מוזיקאַליש־פלאַכער, נאָר אפילו לערמאָנטאָווס איבערזעצונג גופא (אין דער זעלבער פאָרם) ווערט בעסער, טיפער און אָריגינאַל־נענטער, ווען מען מעקט אויס פון איר די איבעריקע ווערטער. איך ברענג דאָ לערמאָנטאָווס איבערזעצונג אָן די איבעריקע ווערטער סיי אין רוסישן טעקסט, סיי אין דער יידישער איבערזעצונג (פאַר די, וואָס קענען קיין רוסיש נישט):

דער רוסישער טעקסט:

„נאַ סעווערע סטאָאיט אָדינאָקאָ
„נאַ גאָלאָי ווערשיניע סאָסנאַ;
„אי דרעמליעט; אי סניעגאָם
„אָדעטאַ קאַק ריזאָי אָנאַ.
„אי סניטסיאַ יעי: וו' פּוסטיניע דאַליאָקאָי,
„וו' טאָם קראַיע גדיע סאָלנצאַ וואָסכאָד,
„אָדנאַ אי גרוסטנאַ נאַ אוטיאָסע̆ גאָריוטשעם
„פּאַלמאַ ראַסטיאָט".

יידישע איבערזעצונג פון רוסישן טעקסט:

„אין צפון שטייט איינזאַם
„אויף אַ נאַקעטן שפּיץ אַ סאָסנע;
„זי דרעמלט, מיט שניי איז זי אָנגעטון, ווי אין אַ ריזע.
„עס חלומט איר, אַז אין ווייטן מדבר,
„אין יענעם קאַנט, וואו די זון גייט אויף,
„וואַקסט אַ פּאַלמע, איינזאַם און טרויעריק
„אויף אַ ברענענדיקן פעלז".

דער דאָזיקער אַנאַליז דעקט בולט אָפּ דעם צעשטערנדיקן איינפלוס פון איבעריקע ווערטער און פון ביליקע פאַרגלייכן אין דער דיכטונג. מיר זעען בולט, אַז דער הויפּט־צויבער פון היינעס ליד באַשטייט אין דעם, וואָס איר קאָנט נישט געפינען קיין איבעריקן וואָרט, וואָס זאָל נישט זיין אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיטן גאַנצן טעקסט; די איידעלע בלוט־צירקולאַציע פונם ליד ווערט נישט געשטערט דורך קיין פרעמד־קערפּערס, וואָס קאָנען האָבן, אַלס פרעמד־קערפּערס, בלויז איין ווירקונג: פוילן און פאַרגיפטן.

דער, וואָס באַגרייפט איינמאָל דעם אונטערשיד צווישן שטילן בילד און שרייאיקער מליצה, צווישן אינערלעכן ריטם און קעסל־פּויק־מוזיק, דער באַקומט אַן אַבסאָלוטע מאָס אויף צו מעסטן דיכטונג און קענען אונטערשיידן צווישן עכטער און פאַרוואַסערטער.

זאָלן אונזערע יונגע דיכטער אַנאַליזירן, לויטן דאָזיקן מעטאָד, זייערע ערשטע עטלעכע צענדליק לידער. דאָס וועט אפשר אויף אַ יאָר־צוויי פאַרהאַלטן זייערע ערשטע לידער־זאַמלונגען, דערפאַר אָבער וועלן די פּאַרשפּעקטיקטע זיין רייפער און עכטער.

* * *

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט איז נישט איבעריק צו דערמאָנען דעם ביישפּיל פון שאַרל באָדלער.

שאַרל באָדלער, דער פראַנצויזישער ליריקער, ווערט פאַררעכנט נישט נאָר פאַרן גרעסטן דיכטערישן זשעני פון נייצנטן

יאָרהונדערט, נאָר אויך פאַרן גרעסטן וואָרט־ און פערז־מייסטער פון פראַנקרייך, — פון פראַנקרייך, וואָס פאַרמאָגט אַ ראַסין, אַ הוגאָ, אַ רעמבאָ און אַ ווערלען.

באָדלערן האָט מען אַ צייט לאַנג געהאַלטן פאַר אַ דיכטער, וואָס זיין הויפּט־אינסטרומענט איז אינספּיראַציע.

די דאָזיקע מיינונג איז שוין פון לאַנג שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן. איצט איז דערשינען אַ בוך וועגן באָדלערס ארבעטס־מעטאָדן, און דער מחבר ווייזט דאָרט אויף, אַ דאַנק געפונענע וואַריאַנטן, אַז קיינער האָט אַזוי פיל נישט געשליפן ווערטער און סטראָפעס, ווי באָדלער. די בעסטע פערזן און פאָרם־קאָמביגאַציעס, ארויסגעשוואוּמענע אויף די כוואַליעס פון זיין דיכטערישער אינספּיראַציע, פלעגט ער מיט דער גרעסטער זעלבסט־קריטיק אַדורכלאָזן דורכן טאָפּלטן פילטער פון זיין קינסטלערישן אינסטינקט און פון זיין קינסטלערישן באַוואוּסטזיין, ביז יעדעם וואָרט פלעגט נישט אַנטשפּרעכן פּרעציז דעם געדאַנק, אינהאַלט און דעם געפילס־אינהאַלט, ביז יעדער פערז פלעגט נישט זיין ווי אויסגעגאָסן פון איין גוס, אָן זייטיקע צומישן פון ווערטער און אפילו פון וואָרט־ניואַנסן. אָט די ארבעט האָט געצייטיקט די לידער פון באָדלערן, וואָס ווערן פאַררעכנט דורך די גרעסטע פערז־קריטיקער פאַר אַ וואונדער פון שלימות, פון אבסאָלוטער צונויפגעגאָסנקייט פון וואָרט און אינהאַלט, פון ריטם און געפיל.

און דאָס זעלבע איז שוין לאַנג דערוויזן געוואָרן בנוגע היינעס לידער: די לייכטסטע לידעלעך זיינע זענען אַ רעזולטאַט פון אומדערמידלעכער שלייף־ארבעט: די לייכטקייט איז נישט קיין איינגעבוירענע...

ווי נייטיק אונזערע דיכטער דאַרפן האָבן אַזאַ ארבעט, די פאַרשטענדעניש אפילו פאַר אַזאַ ארבעט. ביי אונז פאַרנעמט מען זיך כמעט נישט מיט אַזעלכע זאַכן. מען באַטראַכט דאָס פאַר אַן איבעריקע וואָרט־צאַצקעריי.

וואַרשע, 1937.

די אָרגאַנישע ליטעראַטור־פונקציע*)

די ערשטע, וואָס האָבן קלאָר און שאַרף געשטעלט די פראַגע וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון דער קונסט, זענען געווען די סען־סימאָניסטן. זייער אָרגאַן „לע פּראָדיוקטער" („דער פּראָדוצירער") האָט זינט 1826 געפּרעדיקט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. איינער פון די סען־סימאָניסטישע וואָרט־פירער האָט דאָס אויסגעדריקט אויף פאָלגנדיקן אופן: „דער זשעני פון די קונסטן איז נישט קיין קנעכט, וואָס איז באַשטימט נאָכצוגיין די געזעלשאַפט טריט ביי טריט; ער דאַרף זיך שטעלן אין דער שפּיץ און דינען איר אַלס פירער; ער דאַרף מאַרשירן פאָראויס, און זי דאַרף אים נאָכגיין".

די פאָרם פון דאָזיקן געדאַנק לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם, וואָס די סען־סימאָניסטן האָבן געקוקט אויף זייערע פּראָגרעסיווע סאָציאַלע אידייען ווי אויף אַ נייער רעליגיע, וואָס אירע כהנים וועלן זיין די קינסטלער, אָבער די אידייע וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון דער קונסט איז דאָ גאַנץ בולט.

פּשוטער און דירעקטער האָט דעם זעלבן געדאַנק אויסגעדריקט דער גרויסער פראַנצויזישער קריטיקער סענט־בעוו, וועלכער איז אַ שטיקל צייט געווען אַ סען־סימאָניסט. „די אויפגאַבן פון אַ קונסט־ווערק היינטיקע צייט... איז אָפּצושפּיגלען און אויסצושטראַלן אָן אויפהער און אין טויזנטער קאָלירן דעם געפיל פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט".

די דאָזיקע לערע וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון דער קונסט, די נוצלעכקייט־לערע, ווי די קעגנער האָבן זי מיט פאַר־

*) געדרוקט אין דער „אַרבעטער־צייטונג", וואַרשע 1938 אָדער 1939. דאָס איז אַ פראַגמענט פונם בוך „מהות פון דיכטונג און איר סאָציאַלע פונקציע", וואָס איך האָב געגרייט צום דרוק און עס איז פאַרבליבן אין וואַרשע.

אכטונג באַצייכנט, האָט אַלס רעאַקציע אַרויסגערופן די גוט־באַקאַנטע טעאָריע פון קונסט לשם קונסט, וואָס איר טויף־פּאָטער איז געווען דער פראַנצויזישער דיכטער און קריטיקער טעאָפיל גאָטיע. די דאָזיקע שיטה איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער סען־סימאָניסטישער קונסט־לערע. די קונסט, האָבן זיי גע־טענהט, דאַרף נישט דינען נישט דער מענטשהייט, נישט דער געזעלשאַפט, נישט דער מאָראַל; די קונסט דינט דער קונסט. זיי זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער „דירעקטער נוצלעכקייט" פון דער ליטעראַטור.

ווען מיר שטעלן זיך די פראַגע: וועלכע פון די דאָזיקע צוויי קונסט־טעאָריעס פאַרגוואַלטיקט מער די ליטעראַטור, וועלכע פון זיי איז גערעכט (אָדער גערעכטער) אינם הונדערט־יאָריקן אָפענעם שטרייט, קאָנען מיר, מיט אַ רואיק געוויסן, געבן רעכט דער קונסט־לערע פון די סען־סימאָניסטן. די לערע, וועלכע זעט אין דער קונסט אַ סאָציאַלע פונקציע, האָט מיט דער דאָזיקער פונקציע מיסברויכט (און די טעאָרעטיקער פון דער קונסט־לשם־קונסט־טעאָריע האָבן ריכטיק פאָרמולירט דעם דאָזיקן מיסברויך מיט די ווערטער: „דירעקטע נוצלעכקייט", וואָס איך וואָלט באַצייכנט אַלס מעכאַנישע טענדענץ, אין קעגנזאַץ צו דער אָרגאַנישער סאָציאַלער טענדענץ פון דער ליטעראַטור), אָבער די לערע, וואָס זעט אין דער קונסט אַ מין שפּילערישן נאַרציזם, אַ ליבע צו זיך אַליין, וויל לחלוטין דערשטיקן די אָרגאַנישע פונקציע פון דער ליטעראַטור. די לערע וועגן דער סאָציאַלער פונקציע פון קונסט קאָן גיין אויף פאַלשע וועגן; זי קאָן פּרוּוון צווינגען מיט געוואַלט, אַז די דיכטער זאָלן דינען געוויסע צילן, זי קאָן דעמאָראַליזירן געוויסע שרייבער אויף אַזוי ווייט, זיי זאָלן זיך סאָציאַל אָריענטירן אָן אינער־לעכער, אָרגאַנישער איבערצייגונג; אָבער די קונסט־לשם־קונסט־טעאָריע וויל איינגאַנצן אָפּשניידן דעם וועג פאַר דער קונסט, זי וויל זי פאַרפירן אין אַ טעמפּן ווינקל אָן אַ אויסגאַנג. די סען־סימאָניסטישע לערע קאָן זיין אומריכטיק אין פּרטים, ביי דער אָנווענדונג פון דער טעאָריע; די רעאַקציע קעגן איר, די ריכטונג פון קונסט־לשם־קונסט, איז פאַלש אין איר עצם.

* * *

ביים פאַרענטפערן די אויבנגעשטעלטע פראַגע, בין איך ביז איצט אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז די ליטעראַטור איז אַן אָרגאַנישע פונקציע, וועלכע די אָנהענגער פון דער סאָציאַלער פונקציע פון ליטעראַטור קאָנען מיסברויכן, אָבער די אָנהענגער פון קונסט לשם קונסט ווילן דערשטיקן. אָבער פון וואַנעט איז די ראיה, אַז עס איז אַזוי? אפשר איז גאָר די פונקציע פון דער ליטעראַטור אַ שפּילעריש־נאַרציסטישע, וועל־כע די קונסט־לשם־קונסטניקעס קאָנען מיסברויכן, אָבער די סען־סימאָניסטן האָבן זי געוואָלט דערשטיקן?

כדי זיך צו באַפרייען פון דאָזיקן ספק, איז לחלוטין נישט נויטיק דורכצופירן אַ אַנאַליז פון דער קונסט אין אַלע אירע שטאַרקסטע, און במילא טיפּישסטע דערשיינונגען, כדי אויפ־צואווייזן ווי שטאַרק די קונסט און באַזונדערס די ליטעראַטור האָבן אויסגעפירט בולטע סאָציאַלע פונקציעס נאָך איידער דאָס איז באַוואוסטזיניק שאַרף פאָרמולירט געוואָרן דורך דער סען־סימאָניסטישער שולע; עס איז אויך נישט נויטיק דורכצופירן אַן אַנאַליז פון קונסט בכלל, כדי אויפצואווייזן, אַז קונסט איז נישט קיין לוקסוס־פּראָדוקט פון ציוויליזירטן מענטשן, נאָר כמעט ווי אַ ביאָלאָגישע פונקציע פון מענטשן, אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט, און אַלס אָרגאַנישע פונקציע פון מענטשן איז זי במילא אויך אַ סאָציאַלע פונקציע, פונקט ווי אַלע טעטיקייטן פון מענטשן, וואָס באַווירקן דעם יחיד און דורך אים דעם כלל; עס איז גאָרנישט נויטיק, זאָג איך, אַזאַ פאַרטיפטער אַנאַ־ליז, — עס איז גענוג זיך צוצוקוקן צום גורל פון דער קונסט־לשם־קונסט־ריכטונג, כדי צו זען, ווי קינסטלעך זי איז קאָנסטרו־אירט געוואָרן אַלס קעגנזאַץ צו דער עקסטרעמער סען־סימאָ־ניסטישער פאָרמולירונג, ווי שטאַרק זי האָט פאַרגוואַלטיקט דעם מהות גופא פון דער קונסט.

עס איז גענוג אַביסל צו שטודירן די קלאַסיקער פון דער קונסט־לשם־קונסט־ריכטונג, כדי צו זען ווי זיי גליטשן זיך אַראָפּ, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, צו דער נאָרמאַלער קונסט־פונקציע: זייער קונסט הערט אויף צו דינען זיך גופא, און הויבט אָן צו דינען אַ וועלכער נישט איז אידייע, וואָס איז זיי נאָענט, אויב שוין נישט קיין געפיל, וואָס איז זיי טייער. די

אמתע קינסטלער צווישן זיי ווערן געשטרויכלט און שאַפן קונסט, וואָס פּרעדיקט עפּעס, רופט צו עפּעס, באַגייסטערט זיך מיט עפּעס, ווערט מיטגעריסן מיט עפּעס. רייסן זיי זיך אָפּ פון דער היינטצייטיקייט, כדי נישט נכשל צו ווערן מיט סאָציאַלער פונקציע, ווערן זיי די באַרדן פון דער קלאַסישער פאַרגאַנגענהייט אין גריכנלאַנד, אָדער פון דער ראָמאַנטישער אינדיע. טרייבט מען די נאַטור דורך דער טיר, קומט זי צוריק דורכן פענסטער; אַ פייער קאָן זיך אויסלעשן, אָבער אויב ער ברענט — מוז ער האָבן אַ ברען־מאַטעריאַל. אַזוי איז אויך מיט דער נאַטור פון דיכטונג, מיטן פייער פון דיכטונג. ער קאָן נישט ברענען זיך אַליין, — ער קאָן ברענען מיט עפּעס. און יעדער עפּעס וועבט זיך איין אין קאָמפּליצירטן מוסטער פון סאָציאַלן געוועב, אמאָל דירעקט און אמאָל אומדירעקט.

ווי ווייט שוואַך עס איז די פּאַקטישע פּאָזיציע פון די קונסט־לשם־קונסטניקעס (די טעאָריע איז אויך שוואַך, אָבער וועגן דעם רעדן מיר איצט נישט), קאָן מען זען פון דעם, וואָס די שפּעטערדיקע פּאַרנאַס־דיכטער, די דירעקטע יורשים פון טעאָפיל גאָטיע, האָבן געמוזט מעסיקן זייער שנאה צום סאָציאַלן מאָמענט אין דער דיכטונג. זייער וואָרט־פירער, קאַטול מענדעס, האָט אין זיין „באַריכט וועגן דער פראַנצויזישער פּאָעטישער באַוועגונג" געשריבן: „דער יונגער פּאַרנאַס האָט זיך דערנענטערט... צום גרויסן אוניווערסאַלן המון... מיר זענען געגאַנגען צום פאָלק"...

דאָס איז געשריבן געוואָרן שוין נאָך אַלע שלאַכטן, דאָס קלינגט ווי אַ פּרוּוו צו פאַרדעקן די אייגענע מפּלות.

אין דער צייט, וואָס די קונסט־לשם־קונסטניקעס האָבן געדאַרפט מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי זיך צו האַלטן אויף זייערע קינסטלערישע פּאָזיציעס, כדי צו פּרוּוון לעבן אין אַ לופטלאָזן רוים, זעען מיר ווי אַנדערע קינסטלער, די ראָמאַנטיקער, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיטן פאַרגליווערטן נעאָ־קלאַסיציזם נישט אין נאָמען פון סאָציאַלע פונקציעס, נאָר אין נאָמען פון זייער לעבעדיקער פּערזענלעכקייט, האָבן זיך נאַטירלעכערהייט אַ גליטש געטון צו פּאָליטיק. עס איז גענוג אָנצורופן די נעמען פון די צוויי גרעסטע פראַנצויזישע ראָמאַנטיקער: לאַ־

מאַרטין און וויקטאָר הוגאָ. דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון די גליווערנדיקע פענטעס פון נעאָ־קלאַסיציזם (וואָס לויט זיין געקינסטלטקייט מעג ער פאַר־גליכן ווערן מיט דער קונסט־לשם־קונסט־טעאָריע), האָט אין גיכן אָנגעהויבן רעוואָלטירן קעגן זיינע אייגענע דאָגמעס, באַ־זונדערס פון דעם טייל זיינעם, וואָס האָט געזען די הויפּט־אויפגאַבע פון דיכטער צו פאַנטאַזירן און זיין פאַרבנרייך, אויסטערליש. ער האָט געשטרעבט צו פאַרוואַרפן די שפּילע־רישקייט, דעם סואווערענעם קאַפּריז, און ווערן אַ ראָמאַנטיזם, וואָס איז געבונדן מיטן מאָדערנעם לעבן, אַ „סאָציאַלער עלע־מענט", — זיי ווענדן זיך צו דער פּאָליטיק און דער סאָציאַל־באַפאַרבטער ליטעראַטור. עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאַ־טירלעכער רעאַקציע: ווי נאָר עס איז באַזייטיקט געוואָרן די קינסטלעכע שטערונג, האָט די ליטעראַטור גענומען רייסן זיך צו איר פונקציע, ווי נאָר דאָס לעבן, די באַוועגטע פּאָליטישע צייט, האָט גענומען פאָדערן אָ ר ג אַ נ י ש אַ גרעסערע אַקטי־ווירונג פון דער דאָזיקער פונקציע. ווייל מען מוז זיך דאָך מאַכן קלאָר דעם דאָזיקן וויכטיקן מאָמענט: די סאָציאַלע פונקציע, אַלס אָרגאַנישע, קומט באַזונדערס בולט צום אויסדרוק אין אַ סאָציאַל־באַוועגטער צייט, ווען דאָס סאָציאַלע טרעט אַרויס אין פאָדערגרונט אין אַ היפּערטראָפירט־קרענקלעכער פאָרם צוליב סאָציאַל־אָרגאַנישע שטערונגען.

און דאָ קום איך צו אַ אינטערעסאַנטן מאָמענט: ווען אין אַ סאָציאַל־באַוועגטער צייט ווערט די ליטעראַטור סאָציאַל־באַדינענדיק, איז דאָס פאַר די קעגנער פון דער סאָציאַלער פונקציע פון דער ליטעראַטור אַ געלעגנהייט צו שרייען וועגן פאַרראַט: די דיכטער האָבן פאַרראַטן די ריינע ליטעראַטור און זיי גיבן זיך אָפּ דער פּאָליטיק. און פאַר מיר איז די דאָזיקע זעלבע דערשיינונג אַ באַווייז פאַר דער אָרגאַנישער פונקציע פון דער ליטעראַטור.

וואָרום וואָס איז דער סימן פון אָרגאַנישקייט? די צופּאַ־סונגס־פעאיקייט צו געענדערטע באַדינגונגען, די זעלבשטענדיקע רעאַקציע אויף אַן אומנאָרמאַלן צושטאַנד, כדי דורך דער רע־אַקציע זיך אומקערן צום נאָרמאַלן צושטאַנד. אַן אומאָרגאַנישע

זאַך בלייבט תמיד אַזוי ווי מען האָט זי געמאַכט; אויב די באַדינגונגען זענען פאַר איר נישט גינסטיק — קומט זי אום, הערט זי אויף צו פונקציאָנירן, אָבער צופּאַסן זיך קאָן זי נישט. אַנדערש איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַ לעבעדיקע פונקציע. אַ פּלאַנץ, וואָס וואַקסט אין אַ קעלער, ציט זיך מיט אַלע כוחות צום פענסטערל, זי באַקומט אַן אומנאָרמאַל־אַנטוויקלטן שטענגל, כדי צו דערגרייכן דאָס ביסל ליכט, דאָס ביסל זון. דאָס לאַנגע שטענגל איז אומנאָרמאַל, אָבער גלייכצייטיק אַ נאָרמאַלע רעאַגירונג פון לעבעדיקן פּלאַנץ אויף אַן אומנאָרמאַלער דערשייַנונג. געזונטערהייט עקזיסטירט נישט פאַרן מענטש די פראַגע פון „היץ" — דער אָרגאַניזם זיינער האָט צווישן 36 ביז 37 גראַד וואַרעמקייט, וועלכע ער שפּירט גאָרנישט. ערשט בעת אַ קראַנקהייט באַקומט מען היץ. דאָס איז אומנאָרמאַל לגבי דעם געזונטן צושטאַנד, אָבער די דאָזיקע היץ־פונקציע פונם בלוט איז אַ נאָרמאַלע רעאַקציע אויפן אומנאָרמאַלן קראַנקן צושטאַנד. דאָס באַווייזט, אַז דער אָרגאַניזם איז לעבעדיק, אַז דאָס בלוט פילט אויס איר נאָרמאַל־אומנאָרמאַלע פונקציע.

און דאָס זעלבע איז מיט דער ליטעראַטור, ווייל זי איז נישט קיין מעכאַניש געשאַפענע זאַך פאַרן מענטשן צום שפּילן זיך, נאָר אַ נאָרמאַלע פונקציע פון מענטשלעכן גייסט. די ליטעראַטור דערפילט אַן אָרגאַנישע פונקציע אין מענטשלעכן לעבן און במילא אויך אין סאָציאַלן לעבן, און זי פאַרמאָגט די פעאיקייט פון אָרגאַנישע פונקציעס צוצופּאַסן זיך צו געענדערטע באַדינגונגען, ענדערן איר אַרבעט, כדי נישט אומצוקומען, כדי צו העלפן דערפירן צוריק צום נאָרמאַלן געזונטן צושטאַנד. און עס איז נישט קיין פאַרראַט לגבי דער ליטעראַטור, עס איז נישט קיין אַנטלויפן פון דער ליטעראַטור צו דער פּאָליטיק, ווען די לעבעדיקסטע כוחות פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור האָבן זיך געשטעלט מיטן פנים קעגן פאַשיזם, פונקט ווי ס'איז נישט געווען קיין פאַרראַט לגבי דער ליטעראַטור, ווען די לעבעדיקסטע כוחות פון דער פוילישער ליטעראַטור האָבן זיך אונטער דער פּרעמדער הערשאַפט געשטעלט מיטן פנים צום באַפרייאונגס־טרוים, און איצט, אין דער אומאָפּהענגיקייט, צום סאָציאַלן

טרוים. ווי נאָר פּוילן איז געוואָרן פריי, האָט זשעראָמסקי געשריבן זיין „פּשעדוויאָשניע", וואָס האָט געדינט ווי אַ קאָמער־טאָן פאַר די בעסטע כוחות פון דער פּוילישער ליטעראַטור.

די אַנטי־פאַשיסטישע ליטעראַטור איז נישט קיין פאַרראַט לגבי דער קונסט, נאָר איר רעהאַביליטירונג: זי באַשטעטיקט אויף אַ קאָנקרעטן ביישפּיל (מיר זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען בלויז צו היסטאָרישע גבית־עדות), אַז די ליטעראַטור איז אַן אָרגאַנישע פונקציע פון מענטשלעכן גייסט. דער אייראָפּעאי־שער מענטש שטייט אויפן ראַנד פון תהום, פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש. די געפאַר דראָט מצד דעם פאַשיזם מיט קריג, מיט צוריקגאַנג צו די ברוטאַלסטע מעטאָדן אין צוזאַמענלעבן צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק, און די ליטעראַטור האָט אָרגאַניש פאַרלוירן דעם געשמאַק אין אינדי־ווידועל־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען (וואָס זענען אומדירעקט אויך סאָציאַלע פּראָבלעמען) און זי האָט זיך געווענדעט די־רעקט צו סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען: דער סאָציאַלער אָר־גאַניזם איז פּאָליטיש קראַנק, און די ליטעראַטור האָט באַקומען היץ. צי דען איז דאָס פאַרראַט? דאָס איז טרייע אָרגאַנישע פונקציע.

ערשט איצט דערוויסן מיר זיך פון טאָמאַס מאַנס דער־קלערונג, ווי שווער עס איז געווען דעם גרויסן דיכטער צו זיצן אין די ערשטע יאָרן נאָכן נאַצי־טריאומף און שרייבן זיין ווערק וועגן יוסף הצדיק מיט זיינע ברידער — נישט ער האָט זיך געדאַרפט צווינגען צו ווערן פּאָליטיש טעטיק, נאָר ער האָט זיך געמוזט צווינגען צו בלייבן ריינער דיכטער — און ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, און ער האָט שיעור נישט פאַר־לוירן דערביי זיין דיכטערטום בכלל.

„כ'בין איבערצייגט — שרייבט טאָמאַס מאַן אין אַ פאָר־וואָרט צו אַ בוך וועגן שפּאַניע, — אַז דער דיכטער, וואָס האַלט נישט אויס דעם עקזאַמען אין... דער פּאָליטיש־געשטעל־טער פראַגע וועגן מענטשן, — דער דאָזיקער דיכטער איז אַ גייס־טיק־פאַרלוירענער מענטש... ער פאַרלירט זיין ,טאַלענט' און זיין דיכטערטום און קאָן נישט שאַפן מער קיין שום זאַך, וואָס איז לעבנספעאיק"... דערפאַר, גיב איך צו, ווייל זיין ליטעראַ־

רישע פונקציע פאַרלירט די אָרגאַנישקייט אָדער צוליב פּאַטאָ־לאָגיש־איבערגעריסענעם קאָנטאַקט מיטן לעבן אָדער צוליב אַ געוואַלט־אַקט איבער דער נאָרמאַלער פונקציע אין נאָמען פון פּערזענלעכע עגאָאיסטישע אינטערעסן. און יעדע אָרגאַנישע פונקציע, וואָס ווערט פאַרגוואַלטיקט אין איר אַקטיווירונג, ווערט דעגענערירט.

און פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט איז ביז גאָר אינטע־רעסאַנט צו באַאָבאַכטן די דאָזיקע פונקציאָנעלע ענדערונג פון דער ליטעראַטור אין איר אָרגאַנישער אַרבעט. די וועלט פון 1913 איז איבערגעריסן געוואָרן אין איר נאָרמאַלן לויף, און מיט איר צוזאַמען דער אינטערעסן־קרייז, די פונקציאָנירונגס־ליניע פון דער ליטעראַטור. עס וואַקסט אויס אין דער מלחמה און באַזונדערס נאָך דער מלחמה אַ גאַנצע מלחמה־ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום אַ סך אַ ברייטערן פּראָבלעמען־קרייז ווי בלויז די רייך־באַטאַליסטישע שילדערונגען — זי באַשעפטיקט זיך מיט דער געענדערטער פּסיכיק פון מענטשן, מיט זיין אויפֿ־געטרייסלטער וועלט אין אַלע אירע אויסערלעכע און אינערלעכע דימענסיעס.

די וועלט טרעט אַריין אין אַ רעוואָלוציע־סטאַדיע, און די כוואַליע פון דער מלחמה־ליטעראַטור ווערט אָרגאַניש פאַרביטן דורך אַ כוואַליע רעוואָלוציע־ליטעראַטור (מיר מיינען אומעטום בלויז די שעפערישע מוסטערן, נישט די פרייוויליקע אָדער די געצוואונגענע נאָכלויפער, ווייל אויך אין „נאָרמאַלסטן” ריין־ליטעראַרישן פּעריאָד זענען דאָך די שעפערישע ווערק — גע־ציילטע, און די נאָכמאַכער און נאָכלויפער—אַ לעגיאָן). ס'קומט דער פאַשיזם, ער מאַרשירט נצחונדיק פון לאַנד צו לאַנד, און די פּעאיקסטע, די שעפערישסטע שרייבער, סיי פון די אַלטע, סיי פון די יונגע, ווענדן זיך ביסלעכווייז, אָרגאַניש, קעגן אים אין אַ פונקציאָנעל־געענדערטער ליניע. דערביי איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי פאַרשידנאַרטיק עס זענען די אויסדרוקן פון דער דאָ־זיקער ליטעראַטור, — נישט מאַשינעל איינהייטלעך ווי די פאַ־שיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אינדיווידועל פאַרשידנאַרטיק אין זייער געמיינזאַמער הויפּט־ליניע. צי היינריך מאַן שרייבט וועגן „קעניג היינריך דער פערטער”, צי טאָמאַס מאַן וועגן אַ קונצן־

מאַכער; צי ברונאָ פראַנק שרייבט וועגן סערוואַנטעסן, צי ערנסט גלעזער וועגן „לעצטן ציוויליסט" — אומעטום, סיי אין דער רעפּאָרטאַזש־געשיכטע פון דייטשלאַנדס פאַשיזירונג, סיי אין דער געשיכטע פון שפּאַנישן שרייבער סערוואַנטעס; סיי אין דער געשיכטע פון איטאַליענישן דאָרף „פאָנטאַמאַראַ" (סילאָ־נע), סיי אין געשיכטלעכן ראָמאַן וועגן פראַנצויזישן קעניג היינ־ריך דער פערטער, — אומעטום פילט מען דעם פיבער פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף, אַ קאַמף אַן אָרגאַנישן, וואָס לעבט זיך אויס לויט די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און דערפאַרונגען פון יעדן שרייבער באַזונדער; אַלע גייען זיי מיט פאַרשידענע פאָרם־ און סוזשעט־וועגן, אָבער אַלע זענען אָרגאַניש פאַרקניפּט מיטן לעבן, פילן זיין קראַנקהאַפטן צושטאַנד אַלס זייער איי־גענעם און די ליטעראַרישע פונקציע זייערע אַרבעט אויס דעם גייסטיקן קעגן־גיפט.

דער פאַשיזם איז נישט נאָרמאַל: ער איז די קראַנקהייט; די אַנטי־פאַשיסטישע ליטעראַטור איז נאָרמאַל, ווי עס איז נאָרמאַל די היץ אין פעריאָד פון דער קראַנקהייט.

צווישן די אַלע שרייבער, וואָס פיבערן אין זייער שאַפן מיט אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף, איז אפשר דער בולטסטער בייַ־שפּיל פאַר דער טעזע פון דער אָרגאַנישקייט פון דער אַנטי־פאַשיסטישער ליטעראַטור — איגנאַציאָ סילאָנע.

דער, וואָס פאַרשטייט זיך בלויז אַביסל אויף ליטעראַטור, וועט אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס זענען אַלע אַנטי־פאַשיסטיש אויפן דירעקטסטן אופן, באַמערקן אומפּאַרטיי־ליקבאַרע שפּורן פון אַ גרויסן עפּיקער, פון אַ מענטשן מיט אַ זוניקן הומאָר, מיט אַן אָפּגעקלערטער איראָניע. ווי רואיק ער שילדערט די גרויזאַמסטע זאַכן! מיט וואָס פאַר אַ הומאָר עס שפּרודלט יעדע פיינלעכסטע סצענע! ער וועט אויף קיין האָר נישט פאַרשנעלערן דעם טעמפּאָ פון זיין קאַמף־סצענע אויב זיין אויג פון אַן עפּיקער האָט באַמערקט די קלענסטע קלייניקייט, וואָס איז, דאַכט זיך, אַ זייטיקע זאַך, וואָס פאָדערט אָבער באַמערקט צו ווערן. און ער וועט אויך נישט דורכלאָזן דעם קלענסטן קאָמישן פּרט, אויב ער איז דאָ אפילו אויפן דעק פון דער דערשיינונג. און אָט דער אומפּאַרטייִשבאַרער עפּיקער

און איראָנישער זיטן־שילדערער איז דורך און אַן אַנטי־פאַשיסטישער קינסטלער. און ער האָט זיין טאַלאַנט נישט פאַרראַטן ·צוליב פּאָליטיק, ער לעבט אים אויס אין זיין גאַנצער פולקייט, אָבער אין אַ געענדערטער פונקציאָנעלער ליניע. ער האָט זיך נישט באַדאַרפט איבערוועקסלען, ווי אַנדערע, ער איז אויסגעוואַקסן אין דער אַנטי־פאַשיסטישער צייט און ער איז אַן אָרגאַנישער אַנטי־פאַשיסטישער קינסטלער.

צי איז טאַקע ראָמאַנטיזם שעדלעך?*)

„ס'איז אַזוי ראָמאַנטיש!"

דער דאָזיקער אויסרוף איז נאָך מיט אַ דור צוריק געווען פול מיט אַנטציקונג, אָבער היינט איז ער פול מיט ביטול, חוזק. פון אַ שבח איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זידל־וואָרט.

וואָס־זשע שטעלט פאָר מיט זיך דאָס דאָזיקע וואָרט, דער דאָזיקער באַגריף?

ליטעראַר־היסטאָריש איז דאָס דאָזיקע וואָרט ווי אַ כאַמעלעאָן, — עס בייט כסדר די קאָלירן (אגב, ווי כמעט אַלע ליטעראַר־וויסנשאַפטלעכע דעפיניציעס): עס זענען געווען אַזוי פיל מינים ראָמאַנטיזם אין פאַרשידענע לענדער און אין יעדן לאַנד גופא! איז דען דער ענגלישער ראָמאַנטיזם גלייך צום דייטשן? אָדער צום פראַנצויזישן?

אָבער אין לעבן פון דער שפּראַך האָט דאָס דאָזיקע וואָרט אַ קאָנקרעטערע באַדייטונג: ראָמאַנטיש איז דאָס, וואָס איז ווייט פון טאָג־טעגלעכער אָפּטקייט, וואָס שמעקט מיט טרוים, מיט פאַנטאַזיע, מיט אַנדערשדיקייט. און דאָס לעבן פון דער שפּראַך האָט מיט דער צייט אויסגעגליכן די פאַרשידנקייט פון די ליטעראַר־היסטאָרישע ראָמאַנטיזמען און אַריינגעפירט זיין פעסט־אָפּגעגרענעצטן באַגריף אויך אין דער ליטעראַטור: ראָמאַנטיזם אין ליטעראַטור הייסט אַלץ, וואָס איז נישט רעאַליסטיש, וואָס איז ווייט פון לעבן, ווי מיר זעען עס אויף טריט און שריט. און אונזער רעאַליסטישע צייט, וואָס חוזקט פון דאָס ראָמאַנטישע אין לעבן, האָט אויך דעם מאַקסימום ביטול

---

*) אָן ענלעכער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע". איך האָב אים רעקאָנסטרואירט פון זכרון צוערשט אין ווילנע און דערנאָך אין שאַוולי.

פאַר דאָס ראָמאַנטישע אין דער ליטעראַטור. „דאָס איז ראָ־מאַנטיזם״ — איז כמעט ווי אַ טויט־אורטייל אויף אַ ליטעראַ־ריש ווערק.

איז טאַקע דער דאָזיקער אורטייל אַ גערעכטער?

* * *

דאָס ראָמאַנטישע ווערט קודם כל פאַראורטיילט אין נאָמען פונם רעאַליסטישן פּרינציפּ. איז לאָמיר־זשע זען, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דער דאָזיקער הייליקער פּרינציפּ, וואָס ראָמאַנטיזם פאַרשוועכט זיין אויסשליסלעכע גערעכטקייט און שעדיקט זיין וויכטיקע מיסיע.

ליטעראַר־היסטאָריש איז דעם באַגריף „רעאַליזם״ פּונקט אַזוי שווער צו דעפינירן, ווי זיין כלומרשטן אַנטיפּאָד „ראָמאַנ־טיזם״. שוין די נויטווענדיקייט צו אונטערשיידן צווישן „רעאַ־ליזם״ און „נאַטוראַליזם״ זאָגט עדות אויף די נישט פעסטגע־שטעלטע גרענעצן פון דאָזיקן באַגריף, וועלכער באַהערשט די גאַנצע ליטעראַטור־געשיכטע פון די לעצטע 75 יאָר. און חוץ דעם: איז דען טאָלסטאָיס רעאַליזם ענלעך צו טשעכאָווס? און זייער ביידנס צו גלעב אוספּענסקיס?

אָבער דאָס לעבן פון דער שפּראַך האָט אויך דאָ אַריינ־געבראַכט אַ ברוטאַלע אָרדנונג: רעאַליסטיש איז דאָס, וואָס האָט צו טון מיט ווירקלעכקייט, מיט קאָנקרעטע פאַקטן, מיט אָנצוטאַפּנדיקע גרויסן.

אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: צי דען פאַרמאָגט דאָס לעבן בלויז אַ קערפּער, וואָס פאַרנעמט אַ געוויסן רוים און לאָזט זיך אָרומטאַפּן דורכן אויג און דורכן טאַפּ־חוש? צי דען פאַרמאָגט נישט דאָס לעבן אויך אַ נשמה? צי דען פאַר־מאָגט נישט דאָס לעבן קיין אינפאָנדעראַביליען, וואָס הגם מיטן אויג קאָן מען דאָס נישט זען און מיט די פינגער — נישט אָנטאַפּן, דאָך עקזיסטירן זיי און ווירקן? מיט וואָס פאַר אַ רעכט שניידט מען אויס פון לעבן איין טייל זיינעם, די נשמה, און מען דערקלערט פאַר ווירקלעך־לעבעדיק בלויז דעם צווייטן טייל, דעם קערפּער פון לעבן? צי דען עקזיסטירט טאַקע בלויז דאָס חומרדיקע, דאָס מגושמדיקע, די ליבע פון זאָלאָס העלדין

„נאַנאַ", און די ליבע פון דאַנטע־בעאַטריטשע עקזיסטירט נישט? צי דען איז רעאַל בלויז די רעאַליסטישע ליבע און די „ראָמאַנטישע" איז „אומרעאַל", זי עקזיסטירט נישט? איז דען די דאָזיקע לעצטע פאָרשטעלונג נישט קיין פּאַטש אין פּנים דער ווירקלעכקייט, דער רעאַליטעט? זענען דען אין לעבן דאָ בלויז באָקסערס און נישט קיין מקובלים? זענען דען אין לעבן דאָ בלויז פּראָפעסיאָנעלע פּאַראַיינען און נישט קיין רעליגיעזע סעקטעס? איז דען רעאַל אין אונזער געשיכטע בלויז די השכלה־באַוועגונג און דער חסידיזם — נישט? דאָס איז דאָך אַן אומזין!

מען קאָן שטעלן דעם טייל ווירקלעכקייט אַ גוטן סימן און יענעם — אַ שלעכטן. דאָס איז אַ פראַגע פון באַאורטיילן, פון אָפּשאַצן דאָס לעבן, — אָבער קיינער האָט נישט דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו דעקרעטירן: דאָס איז רעאַל און יענץ אומרעאַל. רעאַל איז אַ ל ץ, וואָס עקזיסטירט סיי קערפּערלעך, סיי גייסטיק, סיי אין וועלט־רוים, סיי אינם רוים פון אונזער מוח. ווייל אפילו דאָס, וואָס איז נישט אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון אונזער מוח, פון אונזער פאַנטאַזיע, און נישט געוואָרן אַנצוטאַפּנדיקע ווירקלעכקייט אַ דאַנק דער ווירקונג אויפן לעבן, — אפילו דאָס דאָזיקע גייסטיק־קערפּערלאָזע איז רעאַל, ווייל דאָס ווירקט אין איין מוח, אין איין לעבן, און אויב דאָס לעבט אפילו בלויז אינם אויפבליץ פון איין הונדערטסטל סעקונדע — איז דאָס רעאַל, ווי פאַנטאַסטיש דאָס זאָל נישט זיין.

פאַראַן קינדער, און אפילו דערוואַקסענע, וואָס לייזן די פּראָבלעם פון זייער קנאַפּער שפּראַך־קענטניש זייער איינפאַך: נישטאָ אַזאַ וואָרט! נאַטירלעך, אויב זיי ווייסן עס נישט, איז עס נישטאָ.

ענלעך, — צו קיין גנאי זאָל איר נישט זיין, — האָט גע־האַנדלט די נאַטור־וויסנשאַפט: אין איר זיגערישן מאַרש איבער דער וועלט פון מאַטעריע האָט זי געגומען לייקענען אין אַלץ, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט דורך איר באַזיגן. ווי נאָר זי פלעגט נישט ווייסן קיין טייטש, פלעגט זי אויסשרייען: נישטאָ אַזאַ וואָרט!

אין דאָזיקן פּרט האָט די נאַטור־וויסנשאַפט, — ביי אַלע אירע אויפטועו און דערגרייכונגען, ביי אירע פּראַקטישע און טעאָרעטישע (דעם אמת־אויפדעקנדיקע) געווינסן, — געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף אונזער גייסטיקער קולטור: זי האָט בלינד געמאַכט פאַר די פיין־גייסטיקע פּלואידן, וואָס באַווירקן אַזוי שטאַרק אונזער לעבן; זי האָט געלערנט דרך־ארץ האָבן בלויז פאַר דעם, וואָס לאָזט זיך וועגן און מעסטן. און דער ביטול צום ראָמאַנטיזם און דער געטשנדינערישער קולט פאַרן „רעאַליזם" איז איינער פון די דאָזיקע רעזולטאַטן.

דער „רעאַליזם", אין נאָמען פון וועלכן מען צעטרעט דעם בלויען בלום פון ראָמאַנטיזם, איז אין דער אמתן אַ קריפּל, אַ בעל־מום: אַ גוף מיט אַן אויסגעשניטענער נשמה. אמתע קונסט איז תמיד געווען גאַנץ, — אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט פון קערפּער און נשמה. ראָמאַנטיזם, וואָס איז קערפּערלאָז, און רעאַליזם, וואָס איז נשמהלאָז, זענען האַלב טויט. אמתע קונסט איז אָבער לעבעדיק, זי נעמט אַריין אין זיך די גאַנצע ווירקלעכקייט, אין איר לעבעדיקער פולקייט.

אין נאָמען פון „רעאַליזם" קאָן מען דאָס ראָמאַנטישע, אין דער דיכטונג ווי אין לעבן, נישט באַזיגן: דאָס ראָמאַנטישע איז פּונקט אַזאַ רעאַלער פאַקט, ווי דאָס פּאַטענטירט־רעאַלע.

צי קאָן אָבער דער קרייץ־צוג קעגן דאָס ראָמאַנטישע האָבן מער אויסזיכטן אויף דערפאָלג, ווען ער ווערט געפירט אין נאָמען פון זיין שעדלעכקייט פאַר די אינטערעסן פון לעבן?

* * *

דער קרייץ־צוג קעגן ראָמאַנטיזם ווערט טאַקע געפירט נישט נאָר אין נאָמען פון זיין טעאָרעטישער נישט־רעאַלקייט, נאָר אויך אין נאָמען פון זיין פּראַקטישער שעדלעכקייט: דער ראָמאַנטיזם דערווייטערט פון די פּראַקטישע באַדערפעניש און נויטן, ער דערווייטערט פון רעאַלן קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט דורך פאַרברויכן די ענערגיע אויף צו טרוימען וועגן איר.

צי איז דאָס ריכטיק? צי איז טאַקע דער טרוים פיינטלעך

צו די רעאַלע באַדערפענישן פון לעבן, צי לייזט ער דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט?

אין דער אמתן איז דער טרוים אַ מעכטיק געווער פון פּראַקטישן לעבן.

ווי וואָלט דען היינט אויסגעזען דאָס מענטשלעכע לעבן, ווען מען וואָלט ביים מענטשן צוגענומען די פעאיקייט אָפּצו־רייסן זיך פון דער ווירקלעכקייט? דער מענטש וואָלט נאָך היינט געווען זיין אַ הייל־מענטש. אָן דער פעאיקייט צו טרוימען, וואָלט דער מענטש געווען גלייך צו אַ פערד אויפן דעפּטאַק, וואָס גייט אַרום, מיט געבלענדעטע אויגן, אין אייביקן קרייז. וואָס וואָלט דען געצוואונגען דעם מענטשן אַרויסצוגיין פון זיין הייל־צושטאַנד? אויף דער פראַגע, וואָס איז געווען צוערשט, דאָס וואָרט צי די טאַט, מוז מען געבן אַן אויסמיידנדיקן ענט־פער: צוערשט איז געווען דער טרוים. נאָר די פאָרשטעלונג וועגן עפּעס, וואָס איז נישטאָ, טרייבט אָן דעם מענטשן צו גיין פאָראויס, צו שאַפן נייעס, וואָס ווערט ווירקלעכקייט. דער טרוים פון היינט איז די ווירקלעכקייט פון מאָרגן, פונקט ווי די ווירקלעכקייט פון היינט איז דער טרוים פון נעכטן.

וואָלט דען דער מענטש היינט געפלויגן איבער די וואָלקנס, ווען נישט זיין טרוים צו פליען, — זיין טרוים, וואָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער אַלטער איקאַר־לעגענדע? אויב דאָס פליען פון מענטשן איז היינט אַ ווירקלעכקייט, האָט ער דאָס צו פאַרדאַנקען זיין טרוים־פעאיקייט, זיין ראָמאַנטישע איינגשאַפט צו פאָראויסאיילן דאָס לעבן (נישט צו אַנטלויפן פון לעבן, נאָר אים פאָראויסצולויפן), ער האָט דאָס צו פאַר־דאַנקען זיין טרוים, דער איקאַר־לעגענדע, וואָס איז כסדר לע־בעדיק געוואָרן דאָ ביי לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, דאָ ביי זשול ווערן, ביז דער טרוים איז געוואָרן ווירקלעכקייט (און וואָס פאַר אַ מיאוסע דערצו!). און נישט נאָר אין דעם געביט פון פליען אין דער לופטן — אין דאָזיקן קלאַסישן אויסדרוק פון ראָמאַנטיזם — איז אַזוי: אויפן שוועל פון יעדער דער־גרייכונג, צי אויפן געביט פון מאַטעריעלער, צי אויפן געביט פון גייסטיקער אָדער סאָציאַלער קולטור, שטייט תמיד דער טרוים, וועלכער איז דעם מענטשנס ערשטער פּלאַן, לויט וועלכן

ער בויט די ווירקלעכקייט. אויב עס איז ריכטיק, אַז דאָס לעבן איז אַ טרוים, איז נאָר אין דאָזיקן זין: נישט מיר לעבן אין טרוים, נאָר מיר לעבן פון טרוים. גאָט, זאָגן מזרחדיקע חכמים, האָט געטרוימט און אַזוי אַרום געשאַפן די וועלט; מיר, מענטשן, טרוימען און מיר שאַפן אונזער לעבן: אונזער טעכנישע קולטור, אונזער סאָציאַלע אָרדנונג, אונזער פּערזענלעך לעבן. נישט אַלע טרוימען זענען גוט און שיין; נישט אַלע טרוימען איז אונדז לייכט צו פאַרווירקלעכן; אַ סך טרוימען ווערן ביים רעאַליזירן פאַרקריפּלט, — אָבער אויב מיר ווילן זיך וועלן־נישט־איז דערשלאָגן צו אַ שיין מענטשלעך לעבן, ווילן מיר דאָס האָבן צו פאַרדאַנקען די טרוימען פון די פּאַריקע יאָר־טויזנטער, אין וועלכע עס האָט געברענט דער טרוים, די וויזיע פון עפּעס נייעס, בעסערס, שענערס.

די קראַפט פון טרוים, פון לעבנס־פּרעמדער ראָמאַנטיק איז אַ גרויסע שעפערישע קראַפט. אָבער ווי יעדע קראַפט קאָן זי מיסברויכט ווערן און ברענגען שאָדן. דאָס האַלטן געווענדט די אויגן בלויז אויפן באָדן אונטער די פיס, קאָן ווייט נישט דערפירן, נאָר גיכער — פאַרפירן: נישט האָבנדיק קיין ברייטע פּערספּעקטיוו, נישט האָבנדיק קיין ווייטן ציל, קאָן דאָס טריט־ביי־טריטלדיקע גאַנג אַראָפּפירן פון וועג, — מען מערקט גאָר־נישט, ווי דער וועג נעמט זיך קרימען. נישטאָ פאַר די אויגן קיין ציל, מיט וועלכן צו מעסטן די גלייכקייט פון וועג. אָבער פּונקט אַזוי קאָן אַראָפּפירן פון וועג דאָס האַלטן כסדר די אויגן אויפגעהויבן צום הימל. דאָס מענטשלעכע אויג קאָן זען ווייטער און ברייטער ווי די אייגענע נאָז, און אַזוי מוז מען עס אָנווענדן: האַלטן אין אויג סיי דעם באָדן אונטער די פיס, סיי דעם ווייטן האָריזאָנט, וואו עס ליגט דער ציל פונם וועג.

דער ערשטער וועג איז דער וועג פון בעל־מומיקן „רעאַליזם"; דער צווייטער — דער וועג פון דער בעל־מומיקער „ראָמאַנטיק"; דער דריטער וועג איז דער וועג פון נאָרמאַלער קונסט, פון עכטן לעבעדיקן שאַפן, פון עכטן רעאַליזם, וואָס איז אַ סינטעז פון דיביידע פעאיקייטן: צו טרוימען נישט פאַרלירנדיק דערביי דעם חוש פאַר דער ווירקלעכקייט; צו

האָבן אַ קאָנטאַקט מיטן קערפּער פון לעבן, נישט פאַרלירנדיק פון אויג זיין נשמה.

אין דער דערציאונג פון קינדער איז זייער וויכטיק, אַז דאָס קינד זאָל זיך באַקענען מיט דעם לעבן, מיט דעם מאַטעריאַל פון וועלט און לעבן. עס איז נויטיק אַ „רעאַלע" דערציאונג. אָבער אַ קינד, וואָס באַקומט בלויז אַ רעאַלע, ראַציאָנאַליסטישע דערציאונג, איז איינזייטיק, באַגרענעצט: עס ווערן אין אים פאַרשאָטן די טיפערע קוואַלן פון אינטואיציע, פון טרוים, פון איראַציאָנעלע רעגונגען, — ער קאָן בלויז אַרומקריכן איבער דער ערד, אָבער נישט פליען מיטן כוח פון טרוים אין די הימלען. אָבער דאָס קינד, וואָס ווערט צו פיל דערצויגן אין אַ טרוים־צושטאַנד, וועלכעס איז תמיד פאַרחושט, ווערט צו פיל לעבנס־פרעמד, זיין טרוים איז פאַרמשפּט אויף אַ עקרדיק לעבן, — ער געבווירט נישט קיינמאָל קיין שטיקל ווירקלעכקייט. די היפּערטראָפיע פון איינעם פון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן איז געפערלעך, און די אויפגאַבע פון אַ גוטער, ראַציאָנעלער דערציאונג איז צו פלעגן אינם קינד ביידע עלעמענטן, איינהיטן זייער גלייכגעוויכט. דאָס איז שווער, אָבער אומבאַדינגט נויטיק.

דאָס זעלבע איז אין דער דערציאונג פון דער מענטשהייט. און די ליטעראַטור, אַלס איינע פון די מעכטיקסטע פאַקטאָרן פון דערציאונג, מוז ווירקן אויף די דאָזיקע צוויי עלעמענטן, — אויף דעם חוש פאַר רעאַליטעט און אויף דער פעאיקייט צו טרוימען. די ליטעראַטור מוז זיין אי „רעאַליסטיש", אי ראָמאַנטיש", אויב מיר זאָלן זיך פאַרט באַנוצן, צוליב באַקוועמלעכקייט־טעמים (זענען דאָך די דאָזיקע באַגריפן אַזוי איינגעבירגערט ביי אונז אַלע), מיט די באַגריפן פון די דאָזיקע פאַרקריפּלטע עקסטרעמען. די, וואָס זאָגן, אַז דער ראָמאַנטישער טרוים־עלעמענט אין דער ליטעראַטור איז אַבסאָלוט שעדלעך, מאַכט אַ בלבול אויף איינער פון די איידלסטע און שעפערישסטע מענטשלעכע פעאיקייטן: צו טרוימען. מען טאָר די דאָזיקע קראַפט נישט פאַרטרייבן, — מען דאַרף בלויז זען זי זאָל נישט ברענגען קיין שאָדן דורך אָנווענדן זי אין אַ צו גרויסער מאָס און אין נישט קיין געהעריקן מאָמענט. ווייל אויף

דער פראַגע, צי איז ראָמאַנטיק אין ליטעראַטור שעדלעך, קאָן מען בשום אופן נישט ענטפערן מיט אַ קלאָרן „יאָ", — בדרך כלל איז ראָמאַנטישע טרוימעריי (אָדער אידעאַליסטישע, ווי אַנדערע האָבן ליב צו זאָגן, ווייל „אידעאַליסטיש" איז אויך אַ מאָדערן זידל־וואָרט) נישט שעדלעך. זי קאָן דאָס אָבער יאָ זיין, — עס ווענדט זיך ווען און אין וואָס פאַר אַ מאָס מען ווענדט זי אָן.

* * *

בעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג האָב איך געהערט איי־נעם דערציילן וועגן זיינע טאָג־חלומות: ער גייט אַרום אין גאַס מיט אַזאַ זאָרג וועגן אויסגאַנג פון שפּאַנישן בירגער־קריג, אַז ער הויבט אָפּט אָן צו טרוימען אויף דער וואָר וועגן גרויסע רעפּובליקאַנישע זיגן; ער לעבט די דאָזיקע זיגן איבער מיט אַלע פּרטים און זיי זענען אַזוי זיס, אַז ער קאָן זיך פון זיי נישט אָפּרייסן, ווי אַ דורשטיקער פון אַ דערלאַנגטן קרוג פריש וואַסער; ער איז שוין שיער נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער עטלעכע אויטאָס בעת זיינע דאָזיקע טרוים־אַרגיעס, אָבער ער האָט נישט קיין חרטה דערויף: דער נוצן, וואָס די טאָג־טרוימ־ז ברענגען אים, איז ווערט די ריזיקע: די טאָג־טרוימען באַפרייען אים פון דער געוואַלטיקער שפּאַנונג, אין וועלכער זיין נערוון־סיסטעם געפינט זיך, און ווען ער טשוכעט זיך ענדלעך אויס פון די טרוימען, איז ער פעאיקער אויפצונעמען רואיק די שלעכ־טע ידיעות, ער באַקומט ווידער די ווידערשטאַנדס־קראַפט קעגן האַרטן לעבן.

אין דאָזיקן פאַל זעען מיר צוויי זייטן פון דער טרוים־טעטיקייט: פון איין זייט איז זי געווען אַ געפאַר פאַרן טרוי־מער, — זי האָט אָפּגעשוואַכט זיין אויפמערקזאַמקייט לגבי דער אויסערלעכער וועלט און אַזוי אַרום אים אויסגעשטעלט אויף געפאַרן. עס האָבן אויך געליטן זיינע טאָג־טעגלעכע אַר־בעטן. אָבער עס איז שוין אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז דיכטונג — און דאָס טרוימען, בפרט דאָס טרוימען אויף דער וואָר, איז אַ ספּאָנטאַנע פאָרם פון דיכטונג — לייזט די פּראַקטישע טעטי־קייט פון מענטשן, אָבער זי קאָמפּענסירט עס מיט פּראָצענט.

ווי יעדע קראַפט קאָן זי ווירקן גוט און שלעכט. אויף קיין ריינעם ריווח קאָן מען אין לעבן נישט גיין. און אויך דאָס טאָג־טרוימען האָט נעגאַטיווע זייטן. דערפאַר אָבער האָט דער טרוימער, פון דער צווייטער זייט, געהאַט אויך גרויס נוצן: ער איז פעאיקער געוואָרן אפילו פאַרן פּראַקטישן לעבן נאָך דער טרוים־אָרגיע.

עס איז אָבער מעגלעך אַ דריטע זייט פון דאָזיקן טאָג־טרוימען: ווי איז דער דין, ווען דער דאָזיקער טרוימער וואָלט געוועזן באַרופן צו העלפן פּראַקטיש די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער? דאַן וואָלט דאָס טרוימען זיינס געוועזן בפירוש שעדלעך: זי וואָלט נישט נאָר געליימט זיין פּערזענלעכע אַקטיוויטעט (אַ זאַך, וואָס ווערט מיט אַן עודף קאָמפּענסירט דורך דער פּסיכיש־באַפרייענדיקער ווירקונג פון די אויבנדערמאָנטע טאָג־טרוימערייען), נאָר עס וואָלט געליימט געוואָרן די טעטיקייט לטובת דער זאַך גופא, פאַר וועלכע דער טרוימער זאָרגט. דאָס הייסט, די טרוימען וואָלטן געבראַכט פּאַקטישע מפּלות צוליב אויספאַנטאַזירטע זיגן.

ווי מיר זעען, איז דער נוצן אָדער שאָדן פון טרוימערייען (פון ראָמאַנטיק אין ברייטערן זין) נישט קיין פון פאָראויס פעסטגעשטעלטע זאַך, נאָר עס ווענדט זיך ווען און וואו און אין וואָס פאַר אַ מאָס.

מיר קאָנען דעם דאָזיקן ביישפּיל פירן ווייטער. די אויספירן אונזערע וועלן זיין גילטיק אפילו דאַן, ווען מיר וועלן באַטראַכטן די טאָג־טרוימען וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג נישט ביי אַ מענטשן, וואָס איז ווייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג און זיינע פּראַקטישע ענינים, נאָר אפילו ביי די אַקטיווע זעלנער. איך קאָן זיך זייער גוט פאָרשטעלן, אַז שפּאַנישע רעפּובליקאַנישע זעלנער טרוימען וועגן זיגן איבער זייערע שונאים. זיי רייסן זיך אָפּ פון דער ווירקלעכקייט און ווערן פאַרטראָגן דורכן טרוים אין לאַנד פון אימאַזשינערן זיג. ווען דען דער אָנהעננער פון דער אַליינהערשאַפט פון דער רעאַליטעט (פּונקט ווי דאָס טרוימען, וואָס איז אַ פּאַקט, איז נישט קיין רעאַלער פּרט!...) זיין גערעכט, ווען ער וועט פאַרמשפּטן דאָס זעלנערשע טרוימען מיטן פאָלגנדיקן אַרגומענט: זעלנער דאַרפן האַלטן

אין האַנט דאָס געווער און נישט אָפּרייסן זיך פון דער ווירק־לעכקייט?

געווים נישט. אויב די זעלנער געפינען זיך אין אַ צייט פון איינגעשטילטער שלאַכט, קאָן זייער טרוים האָבן אַ היילזאַמע ווירקונג אויף זייערע פּאַרוויסטע געמיטער: עס קאָן זיך דאָרט, באַטויט פון טרוים, צוריק פאַנאַנדערבליען די האָפנונג, דער ווילן צו פאַרווירקלעכן דעם טרוים. אָבער שעדלעך קאָן דער טרוים ווערן, ווען ער באַפאַלט די זעלנער בעת מען מוז זיך גרייטן צו דער שלאַכט: דאַן ליימט ער די טעטיקייט זייערע, וואָס מוז זיך פריי באַוועגן. פון אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג, ווערט דער זעלנער־טרוים פאַרוואַנדלט אין אַ נעגאַטיווער.

און דאָס זעלבע ביים קאָמאַנדיר פון אַ אַרמיי. בעת אַן אָפּרו פון דער שלאַכט קאָן דאָס טרוימען וועגן אַ זיג נישט נאָר ברענגען אַנטשפּאַנונג פאַר די נערוון, נאָר ביים טאָג־טרוימען קאָן דעם קאָמאַנדיר איינפאַלן אַ גוטער סטראַטעגי־שער פּלאַן: דאָס טרוימען ברענגט אין באַוועגונג די שעפערישע פאַנטאַזיע, די אינטואיטיווע כוחות, און די דאָזיקע כוחות, אין פאַרבינדונג מיט דער פאַכמענישקייט פונם קאָמאַנדיר, קאָנען צושטאַנדברענגען גוטע פּלענער, וועלכע שווימען אַרויף אויף די כוואַליעס פון טרוים, ווי דאָס געשעט אָפט ביי דיכטער, דערפינדער און פירער פון גרויסע מענטשן־מאַסן (אפילו ביי סוחרים. איז דאָך אַ סוחר מיט פאַנטאַזיע אַ רעאַלער פאַקטאָר אין דער מסחר־וועלט). אָבער ווײ צו דער אַרמיי, וועמענס קאָ־מאַנדיר עס טרוימט בעת עס גייט די שלאַכט. ווידעראַמאָל דאָס זעלבע: עס ווענדט זיך ווען, וואו און ווער. די זאַך מוז גענומען ווערן דיאַלעקטיש.

און דעריבער איז פאַלש און פלאַך צו טומלען: אין היינ־טיקער צייט פאַרנעמט איר זיך מיט פאַנטאַזיעס? מיט טרוי־מען? מיט ראָמאַנטיק? היינט ברויכן מיר אַ קאַמף־ליטעראַטור!

די דאָזיקע טומלער באַגרייפן נישט, אַז דאָס פאַנטאַזירן, דאָס טרוימען קאָן זיין אַ מעכטיק קאַמף־געווער, אויב מען נוצט עס אין אַ געהעריקער מאָס און אין דער געהעריקער צייט.

אַ גוטע, אָנצינדנדיקע פאַנטאַזיע וועגן אַ שענערער וועלט

שטאַרקט דעם ווילן צום קאַמף, ווייל עס לוינט צו ליידן פאַר אַזאַ טרוים, און במילא העלפט זי דער ווירקלעכקייט נישט ווייניקער (און אַמאָל טאַקע נאָך מער) ווי אַ באַשרייבונג פון דעם, וואָס מען זעט און עס דערדריקט טאָג־טעגלעך און פון וואָס מען וויל זיך באַפרייען, אַנטלויפן, זיך ראַטעווען.

דאָס הייסט נישט בשום אופן, אַז די רעאַלע באַשרייבונג פון דער ווירקלעכקייט מוז דערדריקן און אַנטמוטיקן. פאַרקערט, דאָס קאָן אָפּט וועקן שנאה צום דאָזיקן רעאַלן לעבן, אַרויס־רופן דעם גייסט פון טראָציקייט, פונקט ווי דער טרוים מוז נישט אַרויסרופן קיין לעבנס־פּרעמדקייט, קיין אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט אין הימל פון אַבסטראַקציע, נאָר ער קאָן אַרויס־רופן טעטיקע ליבע צום געטרוימטן נייעם. און ווער קאָן זאָגן מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט וואָס עס איז וויכטיקער אינם פּראָצעס פון איבערבויען די וועלט: צי די שנאה צום אַלטן אָדער די ליבע צום נייעם? מיר דאַכט, אַז זייער צוזאַמענאַרבעט איז אומבאַדינגט נויטיק אין דער פולסטער מאָס: שנאה צום ווירקלעכן און ליבע צום געטרוימטן — אָט וואו עס ליגט דער סינטעטישער וועג צו אַ בעסערער ווירקלעכקייט.

און ווען עס שטעלט זיך פאַר מיר די פראַגע: צי איז טאַקע ראָמאַנטיזם שעדלעך? — ענטפער איך אויף דעם: עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ ראָמאַנטיזם און עס ווענדט זיך ווען. טרוים, וואָס לייזט די נויטיקע מאָמענטאַלע אַקציע, איז שעד־לעך; טרוים, וואָס פייערט אָן צו דער נויטיקער צוקונפטיקער אַקציע, איז מזל־ברכהדיק. טרוים, וואָס פרעסט אויף דעם חוש פאַר רעאַליטעט, איז שעדלעך; טרוים, וואָס באַפרוכפּערט דעם עקרדיקן פּאַרזונקען זיין אינם פּאַקטישן אונטער דער נאָז, איז מזל־ברכהדיק; טרוים, וואָס קוקט פאָראויס, צום נייעם און שיינעם, צו צוקונפטיקער בליאונג, איז פּראָגרעסיוו־שעפעריש; טרוים, וואָס קוקט אויף צוריק צום אָפּגעלעבט־אַלטן, צום אָפּפאַל פון דער געשיכטע, איז רעגרעסיוו און עקרדיק.

בדרך כלל איז טרוים אין לעבן און ראָמאַנטיק אין דער ליטעראַטור נישט שעדלעך. אדרבא, מיר האָבן זי צו ווייניק. די ליטעראַטור איז געוואָרן צו טריט־ביי־טריטלדיק, אָן דעם

בריטערן האָריזאָנט פון טרוים, פון שעפערישער פאַנטאַזיע. אונזער ליטעראַטור איז צו פול מיט שנאה צום אַלטן און ווירקלעכן, אָבער זי פאַרמאָגט צו ווייניק ליבע צום נייעם און צוקונפטיקן.

אַ ראָמאַן מיט אַן אויסגעטרוימטן העלד, וועלכער איז נאָך אין לעבן נישטאָ, וועלכער וועקט אָבער ליבע צו זיך און ווילן צו זיין ווי ער, וועלכער איז ווערט צו ווערן ווירקלעכקייט, — אַזאַ ראָמאַן איז נישט ווייניקער נויטיק און לעבן־נאָענט, ווי אַ ראָמאַן וועגן אַ העלד, וואָס איז שוין דאָ צו פיל אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, וועלכער וועקט צו זיך שנאה און אַ עקל פאַרן ענלעך זיין צו אים, וועלכער איז ווערט צו ווערן אַ שלעכטע דעראַינערונג.

שאַנכיי, 1941.

פּאָלעמיק

די יידישע ליטעראַטור דערפילט דאָך איר אויפגאַבע

ערשט איצט, דעם ערשטן אָקטאָבער, איז צו מיר דער־גאַנגען „דער שפּיגל" פון ערשטן מערץ 1941, מיט א. גאָלאָמבס סטימולירנדיקן אַרטיקל: „אָפענע רייד — דאָס פאָלק און זיין ליטעראַטור".

ווען עס וועט דערגיין צום „שפּיגל" מיין אָפּרוף אויף גאָלאָמבס רוף, ווייס איך נישט, אָבער אויב דער רוף איז אין משך פון אַ האַלב יאָר נישט פאַרעלטערט געוואָרן, וועט מיין אָפּרוף, צום באַדויערן, אויך נישט פאַרעלטערט ווערן. אין מאוחר בתורה...

אגב האָב איך שוין אַ שטיקל פּערזענלעכע דערפאַרונג וואָס שייך דער דויערהאַפטיקייט פון דער פראַגע, וואָס גאָלאָמב באַהאַנדלט. אין משך פון די צוואַנציק יאָר, וואָס איך קריג זיך אַרום מיט דער יידישער ליטעראַטור, איז מיר שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור דערפילט נישט איר אויפגאַבע לגבי דעם פאָלק. דאָס ערשטע מאָל האָב איך וועגן דעם געשריבן פונקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג „דאָס נייע לעבן" („צו דער ירידה פון דער יידישער ליטעראַטור") און דאָס לעצטע מאָל אין אַ זאַמלהעפט, אַרויסגעגעבן אין קריגס־ווילנע, אין 1940. ווי דאָס זאַמלהעפט האָט געהייסן, האָב איך שוין פאַר־געסן, אָבער דער נאָמען פון אַרטיקל איז געווען: „צי דערפילט די יידישע ליטעראַטור איר אויפגאַבע?"

אין אונזער ליטעראַטור פאַלט אַלץ אַריין. ווי אין אַ פּאַס אָן אַ דנאָ (בפרט מיינע אַרטיקלען), און דאָס איז נישט קיין צופאַל. דאָס איז איינער פון די סימנים פון דער קראַנקהייט, וואָס צעפרעסט אונזער לעבן און במילא אונזער ליטעראַטור. פאַראַן קראַנקע אָרגאַניזמען, אין וועלכע די אַריינגענומענע

שפּייז פאַרוואַנדלט זיך נישט אין בלוט, אין דערנערנדיקע **זאַפטן.**

גאָלאָמבס אַרטיקל האָט מיך אָנגערעגט צו באַרירן נאָכ־אַמאָל די דאָזיקע פראַגע אונטערן זעלבן נאָמען וואָס פריער, נאָר אָן דעם פראַגע־צייכן.

גלייכצייטיק וועל איך אויך אַביסל מוזן פּאָלעמיזירן מיט א. גאָלאָמבן, ווייל הגם אין גרונט פאַלן אונזערע מיינונגען צונויף, איז אָבער אונזער צוגאַנג צו ליטעראַטור אַביסל אַ פאַרשידענער.

* * *

מען גיט זיך די לעצטע יאָרן אַ סך אָפּ ביי אונז מיט חשבון־הנפש־אַרטיקלען, אָבער צווישן די סאַמע ערנסטע און שעפערישסטע פון דאָזיקן מין געהערן אָן ספק א. גאָלאָמבס. ער זעט קלאָר דעם חורבן — ער לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן דורך ביליקע צורעק־פאַרהאַנגען; ער פילט שאַרף דעם ווייטיק פון דאָזיקן חורבן — ער האָט נישט די טרייסט פון מהיכי־תיתו־דיקייט; ער רעדט „אָפענע רייד" וועגן היינט, ווייל ער איז באמת פול מיטן ווילן צום מאָרגן, ווייל ער פילט אויף זיך דעם עול פון „אַקטיווער אחריות פאַר דער צוקונפט".

און אָט דאָס וויכטיקסטע, די „אַקטיווע אחריות פאַר דער צוקונפט", געפינט נישט א. גאָלאָמב אין דער יידישער ליטע־ראַטור. און ער טרעט אַרויס מיט שאַרפע, קאָמפּראָמיסלאָזע טענות צו דער דאָזיקער ליטעראַטור.

און הגם א. גאָלאָמב איז גערעכט אין זיין פעסטשטעלונג, אַז די יידישע ליטעראַטור זעט נישט דעם מאָרגן פון יידישן פאָלק, טראָגט נישט אויף זיך דעם עול פון „אַקטיווער אחריות פאַר דער צוקונפט", איז ער אָבער פאָרט נישט גערעכט אין זיינע טענות צו דער יידישער ליטעראַטור, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט פאָרקומען.

א. גאָלאָמב איז פול מיט פאַראַכטונג צו דער טעאָריע, אַז ליטעראַטור קאָן זען „בלויז דאָס פאַרגאַנגענע, דאָס, וואָס עס האָט זיך שוין ,אָפּגעזעצט'". און ער איז גערעכט, ווייל „אַ ליטעראַטור — זאָגט ער — וואָס זעט נישט דעם מאָרגן,

וואָס לערנט נישט זען דעם מאָרגן, איז — אַ בלינדע". „ליטע־ראַטורן — זאָגט ער ווייטער — האָבן נישט איין מאָל געשמידט דאָס לעבן. געוועקט, געבראָכן און געבויט, צעשטערט און געשאַפן, געפירט".

איך שרייב זיך אונטער מיט ביידע הענט אונטער די דאָזיקע ווערטער — זיי זענען פּונקט אַזוי מיינע ווי גאָלאָמבס. און דאָך זענען זיינע טענות צו דער יידישער ליטעראַטור נישט קיין גערעכטע.

גאָלאָמב איז נישט גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז בלויז איין זאַך באַמערקט נישט די יידישע ליטעראַטור — „דעם מאָרגן פון אייגענעם פאָלק". נאָך עפּעס באַמערקט נישט די דאָזיקע יידישע ליטעראַטור — דעם היינט פון יידישן פאָלק. און אַ ליטעראַטור, וואָס באַמערקט נישט דעם היינט פון יידישן פאָלק, קאָן במילא נישט באַמערקן דעם מאָרגן. ווייל נאָר דער באַמערקטער קאָשמאַר פונם היינט קאָן אַרויסרופן די וויזיע פונם מאָרגן. גוסטאַוו לאַנדויער האָט אַמאָל זייער ריכטיק באַמערקט, אַז נאָר אין די, וועלכע האָבן פיינט מיט אַ גרויסער שנאה די היינטיקע וועלט, קאָן אויפקומען די וויזיע פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. נאָר די, וועלכע פילן שאַרף, לעבעדיק, ביזן מאַרך פון די ביינער, די וויסטעניש פון יידישן לעבן, קאָנען זיך אָנצינדן מיט דער וויזיע פון אַ מאָרגן. גאָט האָט געפירט די יידן פערציק יאָר איבערן מדבר, כדי זיי זאָלן, ערשטנס, פאַרגעסן מצרים און, צווייטנס, זיך אָנצינדן מיט דער וויזיע פון לאַנד כנען. אָבער עס איז נישט גענוג צו וואַנדערן און לעבן אין אַ מדבר, כדי צו האָבן די וויזיע פון מאָרגן, — מען מוז נאָך פילן דעם מדבר מיט דער נשמה און אויפשווי־דערן מיט יעדן נערוו מיט דער אימה פון וויסטעניש. די יידן האָבן נישט גענוג געפילט מיט די נשמות דעם מדבר און במילא אָנשטאָט דער כנען־וויזיע געהאַט די מצרים־דעראינע־רונג. און דער גאַנצער דור־המדבר האָט געמוזט אויסשטאַרבן אין מדבר — זיי זענען נישט גרייט געווען פאַרן מאָרגן.

אויך היינטיקע יידן פילן נישט דעם מדבר פון אונזער לעבן און במילא האָבן זיי נישט די וויזיע פונם מאָרגן.

און דעריבער איז א. גאָלאָמב נישט גערעכט אין זיינע

טענות צו דער ליטעראַטור. פון וואַנעט זאָל זיך נעמען אין דער ליטעראַטור אַ זאַך, וואָס איז נישטאָ אין לעבן?

ליטעראַטור איז זיכער נישט בלויז אָפּשפּיגלונג פון „אָפּ־געזעצטן" לעבן, — ליטעראַטור טרייבט פאָראויס דאָס לעבן און שאַפט עס. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען דאָס לעבן טראָגט אין זיך דעם דראַנג צום מאָרגן אין אַ פּאָ־טענציעלן צושטאַנד, דאַן קומען שרייבער, וועלכע שפּירן אַרויס די דאָזיקע טענדענצן מיט זייער אינטואיציע, זיי ברענגען זיי אַרויס פּלאַסטיש פאַרן באַוואוסטזיין און אַקטיוויזירן זיי, סטימולירן זייער וואוקס און פאַרקערפּערונג. אָבער וואָס זאָל טון אַ ליטעראַטור, וואָס איר קוואַל פון חיונה טריקנט אויס און קוים וואָס ער טראָפּנט? וואָס זאָל טון אַ ליטעראַטור, ווען דאָס לעבן נעמט נישט אויף דאָס אייגענע לעבן גענוג שאַרף עמאָציאָנעל, כדי צו קאָנען עס פאַרוואַנדלען אין קלאָר־באַ־וואוסטזיניקער, שאַרף־איבערלעבנדיקער, פאָראויסטרייבנדיקער ליטעראַטור?

* * *

א. גלאַטשטיין איז פולשטענדיק גערעכט, ווען ער שטעלט פעסט, אַז מיר האָבן נישט קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. פּרץ, ביאַליק און ברענער זענען געווען די לעצטע נאַציאָנאַלע דיכ־טער און שרייבער, ווייל אַלס נאַציאָנאַלע דיכטער קאָנען באַ־טראַכט ווערן בלויז די, וועלכע פילן, — אויב מיר זאָלן זיך ווידער באַנוצן מיט גלאַטשטיינס טרעפלעכער דעפיניציע, — די „אַקטיווע אחריות פאַר דער צוקונפט".

און גלאַטשטיין איז אויך גערעכט, ווען ער איז נישט מסכים מיט זיין פריינט, דעם יידישן שרייבער, וועלכער נעמט זיך אָן די קריוודע פון דער יידישער ליטעראַטור: מען פאָדערט פון איר, נעבעך, מער ווי פון אַלע אַנדערע ליטעראַטורן אין דער וועלט, און דער יידישער שרייבער קאָן נישט פאַרטראָגן די עוולה. אָבער גלאַטשטיין איז נישט גערעכט, ווען ער פאָדערט פון דער יידישער ליטעראַטור מער ווי פון אַן אַנדערער דערפאַר, ווייל מיר, יידן, האָבן נישט געהאַט קיין „ליטעראַטור", נאָר אַ תורה. „און אַ תורה האָט געמוזט זיין אַ תורת־חיים — אַזאַ

וואָס פורעמט דאָס לעבן, וואָס גיט אים אַ ריכטונג, וואָס העלפט מענטשן צו גיין אין דער ריכטונג".

גאָלאָמבס אונטערשייד צווישן דער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער, וואָס „איז אַ מיטל צו פאַרשאַפן דעם מענטש פאַרגעניגן, — אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, אָבער אַלץ פאַרגעניגן", און דער יידישער תורה, וואָס „באַמיט זיך צו דערהויבן דעם מענטש איבער זיינע אָנגענעמע פאַרגעניגנס צו אַ העכערן ציל", איז נישט קיין ריכטיקע אין תוך און זי שטייט אין סתירה צו גאָלאָמבס אייגענע ווערטער אַביסל פריער, אַז „ליטעראַטורן האָבן נישט איינמאָל געשמידט דאָס לעבן, געוועקט, געבראָכן און געבויט, צעשטערט און געשאַפן, געפירט".

איז דען דער תנ"ך בלויז דאָס, וואָס גאָלאָמב רופט אַ תורת־חיים? איז דען „רות" נישט קיין טייל פון תנ"ך? און „שיר־השירים"? און די אגדתא פון תלמוד? און צי דען פאַרמאָגן נישט די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער ווערק, וואָס קאָנען אַריינגענומען ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון תורת־חיים, פונקט ווי דער תנ"ך פאַרמאָגט טיילן, וואָס קאָנען אַריינגענומען ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרגעניגן־פאַרשאַפנדיקער ליטעראַטור?

דער אמת איז, אַז ליטעראַטור איז אַ פונקציע פון לעבן און זי איז פאַרשידנפאַרביק, ווי די פאָדערונגען און באַדערפעניש פון לעבן. און פונקט ווי אַן אָרגאַניזם, וואָס איז פול מיט לעבנס־כוחות, פאַרוועגדט די דאָזיקע כוחות לויט די באַדערפענישן פונם אָרגאַניזם: אין צייטן פון געזונט — אויף לעבנס־פרייד, און אין צייטן פון קראַנקהייט — אויף באַקעמפן די געפאַר, אַזוי פאַרווענדט אַ פאָלק מיט וויטאַלע כוחות די ליטעראַטור־פונקציע לויט די באַדערפענישן פון זיין לעבן.

ווען אַ מענטש איז אויף דער פריי און ער איז פון גאָרנישט נישט באַדראָט, האָט ער אַ סך אינטערעסן און ער באַפרידיקט אַ סך באַדערפענישן. ווען אַ פרייער מענטש איז איינזייטיק, איז דאָס אַ סימן פון אַ גייסטיקן דעפעקט; אָבער ווען אַ מענטש זיצט אין תפיסה, איז נאָרמאַל, ווען ער איז פול מיט איין געדאַנק: ווי אַזוי גייט מען אַרויס אויף דער פריי. פאַרקערט: אויב דאָס איז נישט אַזוי, איז דאָס אומנאָרמאַל.

און אַזוי איז מיט אַ פֿאָלק און זיין ליטעראַטור: ווען דאָס פֿאָלק איז באַדראָט אין זיין עקזיסטענץ, איז נאָרמאַל, ווען עס קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף צו ראַטע־ווען זיין נאַציאָנאַל לעבן, איז נאָרמאַל, ווען זיין ליטעראַטור־פונקציע ווערט קאָנצענטרירט אויפן דאָזיקן איינעם ציל. און ווען דער גורל פון דער יידישער זעלבשטענדיקייט האָט זיך געוואַקלט, איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן אַ נביאים־ליטעראַטור. עס האָבן זיך באַוויזן גרויסע נאַציאָנאַלע דיכטער, די גרעסטע לויט זייער לײַדנשאַפטלעכער איינזייטיקייט, וועלכע האָבן געטראָגן די „אַקטיווע אחריות פאַרן גורל פון פֿאָלק", און הגם מען האָט זיי קיינמאָל נישט געהערט, מען האָט געשריגן צו זיי „חוזה, לך ברח!", האָבן זיי דאָך זייערס אויסגעפירט: זייער וואָרט גופא איז געוואָרן דער פֿאָלקס־פּאַנצער, אָן וועלכן עס זענען צעבראָכן געוואָרן דעם שונאס יאָר־טויזנטדיקע אָנגריפן.

און ווען די זעלבשטענדיקייט פון יידישן פֿאָלק איז צעבראָכן געוואָרן, איז זיין ליטעראַטור געוואָרן נאָך איינזייטיקער, — כמעט אַ בלויז הלכה־ליטעראַטור. כמעט, ווייל בפירוש נישט אינגאַנצן, ווי מען שטעלט זיך דאָס פֿאַר פון דער ווייטנס. אָבער די דאָזיקע אַביסל באַגרענעצטע איינזייטיקייט האָט בפירוש דאָמינירט איבער דאָס גאַנצע, אים געגעבן די פאַרב, דעם טאָן און די ריכטונג.

ווען דער ליטעראַריש־רעליגיעזער שוץ־פּאַנצער האָט זיך גענומען ברעקלען פון אַלטקייט, האָט די יידישע לעבנס־קראַפט גענומען וועבן אַ נייעם פּאַנצער — דעם וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און די וועלטלעכע ליטעראַטור.

מיר שפּירן אָבער היינט אַלץ מער און מער, אַז דער פּרואוו איז נישט געלונגען: דער פּאַנצער איז צו שוואַך פאַר די אָנגריפן פון דרויסן.

אָבער פאַרוואָס איז ער צו שוואַך? ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אים ווי געהעריק אויסשמידן, ווער עס זאָל אים טראָגן און באַנוצן אין קאַמף.

און מענטשן, ווי גאָלאָמב, וואָס דאָס טוט זיי וויי, וועלכע פילן, אַז די ליטעראַטור אונזערע האָט פאַרלוירן דעם וועג,

וועלכן פּרץ האָט איר געוויזן, טרעטן אַרויס מיט „אָפענע רייד" קעגן אונזער ליטעראַטור, וועלכע דערפילט נישט איר אויפגאַבע לגבי אונזער לעבן.

אָבער ווי גערעכט עס זאָל נישט זיין די עצם טענה, מוז מען איינזען, אַז די טענה ווערט נישט ווי געהעריק פאָרמולירט. מען מוז אַביסל רעווידירן דעם גרייטן ענטפער אויף די פאָלגנדיקע צוויי פראַגן:

1) צי איז טאַקע די ליטעראַטור שולדיק אין איר צושטאַנד, צי טראָגט ז י די אחריות פאַר אים? און

2) צי דערפילט טאַקע נישט אונזער ליטעראַטור אינגאַנצן איר אויפגאַבע?

דער ענגלישער דיכטער עזרא פאַונד (Ezra Pound) האָט געזאָגט: „אויב עפּעס איז נישט אין אָרדנונג אין דער קונסט, איז עפּעס נישט אין אָרדנונג נישט נאָר אין דער קונסט". ("when something is wrong with the arts it is not wrong with the arts only.")

* * *

עס איז נישט אַזוי לייכט צו געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דער פראַגע, ווער עס ווירקט אויף וועמען אין אַ גרעסערער מאָס: דאָס לעבן אויף דער ליטעראַטור אָדער די ליטעראַטור אויפן לעבן. ליטעראַטור שפּיגלט נישט אָפּ דאָס לעבן פּאַסיוו, נאָר זי באַווירקט דאָס לעבן, פאָרמירט עס. אָבער דעם שטויס צו ווירקונג באַקומט די ליטעראַטור פון לעבן. זי קערט אום דעם לעבן מיט גרויסע פּראָצענטער דעם קערן, וואָס זיי לייט ביי אים, אָבער אָן דער גרונט־הלוואה פונם לעבן וואָלט זי נישט געוועזן געהאַט קיין שום מיטלען מיט וואָס צו אָפּערירן.

עס איז אַ פאַקט, אַז די יידישע ליטעראַטור דערפילט נישט איר אויפגאַבע לגבי דעם יידישן לעבן. קיין איין גרונט־פּראָבלעם פון יידישן לעבן האָט נישט געפונען קיין געהעריקן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור, איז נישט פאַרטיפט געוואָרן דורך איר, איז נישט געבראַכט געוואָרן צום באַוואוסטזיין פון די יידישע מאַסן מיט יענער לעצטער קלאָרקייט, וואָס נאָר די ליטעראַטור קאָן דאָס טון און וואָס נאָר דאָס שטעלט אַוועק אין ברענ־

פּונקט פון פאָלקס אויפמערקזאַמקייט די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון זיין לעבן.

קיין שום פאָלק האָט נישט אַזאַ ווייטיקדיקע שפּראַכן־פראַגע, ווי מיר, יידן. דער קאַמף צווישן יידיש און העברעאיש איז אַ שווערער, אַ גורל־שווערער. ער האָט אונז געקאָסט אָן אַ שיעור ענערגיע־פאַרלוסט, ער האָט אָפּגעשוואַכט אונזערע אָנשטרענגונגען נישט אונטערצוגיין אינם פרעמדן קולטור־ים. דער דאָזיקער קאַמף פאַרמאָגט טיפע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, שטאַרקע לאָגישע אַרגומענטן און טראַגיזם אָן אַ סוף. וואו איז דער יידישער ראָמאַן, וואָס זאָל דורך דער דאָזיקער פראַגע דורכלאָזן דעם עלעקטריזירנדיקן שטראָם פון דיכטונג, פון געשטאַלטונג?

די פראַגע פון ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און גלות־פּאַטריאָטיזם איז אַ פּראָבלעם, וואָס פון איר פּראַקטישער לייזונג איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ גופא פון יידישן פאָלק און דער צוקונפטיקער נאַציאָנאַלער פּרצוף פון יידישן פאָלק, — וואו איז דאָס ווערק, וואָס זאָל ווייזן, אַז דער שרייבער האָט איבערגעלעבט, דורכגעפיבערט די דאָזיקע גורל־פּראָבלעם?

דעם אויבנאָן אין אונזער לעבן פאַרנעמט די אָפענע פּראָבלעם פון אַסימילאַציע. וואו האָט איר דאָס ווערק, וואָס האָט זי דיכטעריש פיקסירט און געשטעמפּלט און אָפּגעדעקט איר נאַציאָנאַלע (אַנטי־נאַציאָנאַלע) ערווה?

פאַרוואָס איז נישטאָ אין אונזער ליטעראַטור קיין שעפּערישער, טיף־ווירקנדיקער אַסימילאַציע־ראָמאַן? ווייל אונזערע שרייבער (אונזער לעבן) פילן נישט גענוג שטאַרק נישט דעם ווייטיק און נישט די חרפּה פון אַסימילאַציע, און נישט דעם מסירת־נפש און די לעבנס־פולקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

און טאָמער איז דאָ אַ פּרוואו פון אַזאַ ראָמאַן — מירקין אין שלום אַשם „פאַרן מבול", איז ער לחלוטין נישט באַפרידיקנדיק.

מען וואָלט געקאָנט אָנציילן נאָך אַנדערע פּראָבלעמען, גרעסערע און קלענערע, וועלכע וואָלטן זיכער געווען געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור, ווען זיי וואָלטן געווען באַ־

הערשט די געמיטער פון אונזערע שרייבער. אָבער פאַרוואָס זענען די דאָזיקע שרייבערישע געמיטער אַזוי אומפרוכטבאַר, אַז דאָס לעבן אונזערס קאָן זיי גאָרנישט באַפרוכטן מיט זיינע ווייכטיקסטע פּראָבלעמען? פאַרוואָס זענען די ווערק, וואָס פּרואוון שוין „לייזן" אָדער אַוועקשטעלן די דאָזיקע פּראָבלעמען אַזוי אַנעמיש, אַזוי נישטיק, כמעט קאַריקאַטוראַל, ווי, למשל, יואל מאַסטבוימס „חלוצים" אָדער מ. בורשטינס „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע"? פאַרוואָס געפינען די דאָזיקע פּראָבלעמען אַן אויסדרוק בלויז אויף דער פעריפעריע פון דער ליטעראַטור, אין דער פּובליציסטיק, און דאָס אויך אָן סכנות וואָס שייך טיפקייט און ערנסט: מיר האָבן נישט אויך אין אונזער היינטיקער פּובליציסטיק נישט קיין אחד העמס און נישט קיין ליליענבלומס.

ביאַליק און ברענער זענען כמעט ווי די לעצטע שרייבער — און ביידע אין העברעאיש — וואָס פאַרדינען דעם ערנטיטל „נאַציאָנאַלע שרייבער". זיי האָבן געפילט די וואונדן פון אונזער לעבן אַלס זייערע אייגענע און האָבן געגעבן שעפערישן אויסדרוק אונזערע ליידן און נויטן. ביאַליקס „המתמיד" און „משא נמירוב", ברענערס „מכאן ומכאן" און „שכול וכשלון" זענען ביכער, וואָס שאַפן גייסטיקן באָדן פאַר אַ פאָלק, אויף וועלכן ער קאָן אויסהאַרן אין קאַמף. אָבער אין די לעצטע יאָר־צענדליקער זענען נישטאָ אַזעלכע ביכער, וואָס זאָלן זיין פאָלקס־ביכער. דאָס לעבן פון פאָלק איז בלויז אַן אויסערלעכער מאַטעריאַל, וואָס ווערט געקייט מיט ציינלאָזע מיילער. נישט מען צעקייט עס ווי געהעריק און נישט מען פאַרדייעט עס ווי געהעריק. זענען טאַקע נישטאָ קיין אויפברויזנדיקע ווערק, וואָס זאָלן סטימולירן דעם פאָלקס באַוואוסטזיין און דעם פאָלקס געמיט. עס זענען נישטאָ קיין פאָלקס־ביכער, ווי דאָס איז געווען א. מאַפּוס „אהבת ציון", פייערבערגס „לאן?", פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און ביאַליקס „המתמיד" און „משא נמירוב". מיט די אויסגערעכנטע ביכער האָט מען געלעבט. מען פלעגט זיך לייגן מיט זיי און מען פלעגט אויפשטיין מיט זיי. היינט האָט נישט אונזער ליטעראַטור קיין פאַרליבטע לייענער. קיין ליידנשאַפטלעכע בוואַ־

ליעם שלאָגט זי נישט אין אונזער לעבן. זיי קומען אומבאַ־מערקט און גייען אַוועק אומבאַמערקט, גאָרנישט ענדערנדיק און גאָרנישט געבנדיק, — ווייל ליטעראַטור קאָן נאָר דאַן עפּעס געבן דעם לעבן, ווען עס נעמט ביי אים דעם עיקר, דעם לעבעדיקסטן קערן.

געווים, ביי דקדוקי עניות קאָן מען אָנווייזן אויף אַזאַ שטעל אין אַ בוך, אויף אַזאַ „טעמע" (וואָס איז אָבער גע־בליבן בלויז אַ טעמע), מען קאָן אפילו אָנווייזן אויף איינ־ציקע געראָטענע זאַכן, אָבער צי דען קאָן מען דאָס באַטראַכטן פאַר אַ ליטעראַטור פון אַ פאַרפאָלגט פאָלק, פון אַ פאָלק אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג, וואָס דאַרף פירן אַזאַ טראַגישן פּראָ־צעס מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין?

עס איז כאַראַקטעריסטיש: ווען איך גיב אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ בוך פאַר די לעצטע צוויי יאָר־צענדליקער איז דאָס סאַמע יידיש־נאַציאָנאַלסטע בוך, וואָס איך האָב געלייענט, מוז איך ענטפערן. וועלנדיק זיין אויפריכטיק צו דער אייגענער מיינונג: דאָס רוסישע בוך פון וול. זשאַבאָטינסקי „שמשון הגבור".

אפשר האָב איך אַ טעות: אפשר האָט זיך ערגעץ וואו פאַרוואַלגערט אַ בוך פון ווערט, וואָס קאָן טראָגן דעם שטאָלצן טיטל: „נאַציאָנאַל בוך". אָבער אפילו אין דאָזיקן פאַל ענ־דערט עס אויך נישט די לאַגע: נישט נאָר איין שוואַלב, אפילו צוויי מאַכן אויך נישט קיין פרילינג.

דער אויבן באַשריבענער צושטאַנד פון אונזער ליטע־ראַטור איז אַ פאַקט, אָבער ווער איז שולדיק אין דאָזיקן צו־שטאַנד? צי קאָן מען טאַקע דאָס דערקלערן מיטן צופעליקן מאַנגל אין טאַלענטירטע, ערנסטע יידישע שרייבער? טאַלאַנטן קאָן מען טאַקע נישט פּראָדוצירן לויטן פאַרלאַנג, אָבער טאַלאַנט איז אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג אין לעבן און ביי געהעריקע גינסטיקע באַדינגונגען אַנטוויקלט עס זיך אויף אַ געהעריקן אופן.

אויב מיר זעען די ירידה פון אונזער ליטעראַטור, מוזן מיר זי זוכן אין דער ירידה פון אונזער לעבן, אין דער אָפּ־שוואַכונג פון די וויטאַלע כוחות אין אונזער פאָלקס־קאָלעק־

טיוו. יידן זענען באַרימט מיט זייער וויטאַלער קראַפט, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן אין משך פון יאָר־טויזנטער סיי אַלס יחידים, סיי אַלס פאָלק, אָבער היינט איז דער דאָזיקער גרויסער סכום וויטאַליטעט פולשטענדיק עקספּראָפּריאירט געוואָרן לטובת דעם יידישן יחיד, — פאַרן יידישן כלל איז זייער וויניק געבליבן. מיר האָבן פּראָבלעמען, מיר זעען זיי, אָבער מיטן סאַמע ראַנד פון שכל, זיי דערשיטערן נישט אונזער געמיט, זיי פלאַמען נישט אויף אין אונזער פאַרשטעלונגס־קראַפט.

די טויטקייט פון אונזער ליטעראַטור איז אַ רעזולטאַט פון דעם מוראַדיקן זינקען פון אונזער וויטאַלער נאַציאָנאַלער קראַפט. אַ ליטעראַטור, וואָס וואַקסט אויס אויף אַן אויסגעטריקנטן באָדן, איז אַנעמיש.

ווי ווייט אָפּגעשוואַכט עס איז אונזער פאָלקס־לעבן קאָן מען טאַקע זען נישט נאָר פון דער אַנעמישקייט פון דער ליטעראַטור, נאָר אויך פון אונזער מהיכי־תיתי־באַציאונג צו איר: קיינער ווערט נישט דערשיטערט פון איר אַנעמישקייט, קיינעם שאָקירט נישט איר גראָשנדיקער צוגאַנג צו די שווערסטע פּראָבלעמען אונזערע (אויב זי רירט זיך שוין צו צו זיי), מען פילט נישט די לעבערלעכקייט פון אַזעלכע העלדן, ווי הערש לוסטיק, אין דעם פיל געלויבטן בוך פון מ. בורשטין „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע". מען פילט גאָרנישט, אַז לוסטיק איז אַ קאַריקאַטור אויף אַ טראַגעדיע, אַ חוזק־באַהאַנדלונג פון אַ טיפער, שווערער, טויט־ערנסטער פּראָבלעם, — ווען די לעבנס־כוחות ווערן אָפּגעשוואַכט, ווערט אַלץ מהיכי־תיתידיק. אפשר דערי־בער האָט דער מלאך־המוות אַזאַ לייכטע אַרבעט, — שטאַרבנדיקע ווערן פון מלאך־המוות גופא נישט אויפגערודערט ביזן ביין.

איך מיין דעריבער, אַז די טענות, וועלכע מען האָט צו דער ליטעראַטור אונזערער, דאַרפן געווענדט זיין בלויז צו אונזער לעבן, — דאָרטן ליגט דער וואָרצל פונם בייז. מיר לעבן איבער אונזער גורל צו פאַרעווע, אַז מיר זאָלן אַרויסגעבן פון זיך אַ לעבעדיקע ליטעראַטור.

וואָרום וואָס אַזוינס איז ליטעראַטור אין איר עיקרדיקן וועזן? — אַן אויסדרוק אויף אַן איינדרוק, אַן אויסדרוק אויף

אַן איבערלעבונג. און וואָס שטאַרקער די דערשיטערונג, אַלץ שטאַרקער און טיפער דער אויסדרוק. און מען קאָן נישט האָבן קיין טענה צו דעם רעזולטאַט — צו דער ליטעראַטור, — נאָר צו דער סיבה — צום לעבן.

„אַל דאָס, וואָס פּרעטענדירט נישט צו שמידן באַגערנדיקע אַקטיווע יידישע נשמות, — שרייבט א. גאָלאָמב, — אַל דאָס, וואָס איז „ריינע קונסט", „ריינע וויסנשאַפט" אויף יידיש — אַל דאָס דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אויף בעסערע, ר ו א י ק ע ר ע צ י י ט ן . . . איצט מוז אַלץ, און איבערהויפּט קונסט, קאָנצענטרירט זיין אויף איין געביט: לעבט, ווילט לעבן, שטרעבט... גייט ווי פּרצעס ייד פון „די דריי מתנות", „קאַסטראַי", באַמערקט נישט די שמיץ פון די פליישענע גולמס־שמייסער און היט אייער יאַרמולקע... אָט דאָס דאַרף זיין די יידישע ליטעראַטור".

ריכטיק. אָבער דאָס טוט זיך נישט לויט אַ באַשלוס: „לאָמיר דאָס און דאָס אָפּלייגן אויף רואיקערע צייטן און איצט זיך נעמען צו עפּעס וויכטיקערס". אויב מען פאַרמאָגט אַ וועלכע נישט איז „יאַרמולקע", וואָס איז טייער און הייליק, היט מען דאָס און מען איז פול מיט איין געדאַנק, ווי עס צו באַשיצן, און במילא ווערט אַלדאָס איבעריקע איבערגעלאָזן, אָן אַ באַשלוס, אויף רואיקערע צייטן. אָבער ווען מען פאַרמאָגט נישט קיין „יאַרמולקע", וואָס איז טייערער פאַרן לעבן, געשעען נישט קיין נסים לויט אַ באַפעל.

און עס איז נישט קיין פראַגע וועגן אַ „שער" „צווישן פאָלק און זיין אינטעליגענץ", ווי גאָלאָמב וויל האָבן, — דאָס איז אַ פראַגע וועגן דער „שער" צווישן פאָלק גופא און זיין גייסט, וואָס איז פאַרפרעמדט געוואָרן פון אים. דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן זיין אַלטע גייסטיקע „יאַרמולקע" און קיין נייע נאָך נישט געפונען. צי דען איז מער אמת אין דער היפּאָטעזע, אַז דער באַוואוסטזיין פון דער אינטעליגענץ שאַפט דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון פאָלק, ווי אין דער היפּאָטעזע, אַז דאָס אונטערבאַוואוסטזיין פון פאָלק שאַפט דעם באַוואוסטזיין פון דער אינטעליגענץ?

די אינטעליגענץ דערהויבט דעם פאָלקס אונטערבאַוואוסט־

זיניקע פּאָטענצן צום באַוואוסטזיין, גיט זיי פאָרם, ריכטונג, אַ מעגלעכקייט פאַנאַנדערצואַוויקלען די כוחות, — אָבער דער באַוואוסטזיין פון דער אינטעליגענץ קאָן גאָרנישט באַווייזן אָן אַ פּאַרטיקן אָנשפּאַר אויפן פאָלקס אונטערבאַוואוסטזיניקע כוחות אָדער אָן אַ לאַנגער אַרבעט אויף צו שאַפן זיך אַזאַ אָנשפּאַר.

* * *

חוץ דעם, וואָס מען קאָן נישט האָבן קיין טענה צו דער ליטעראַטור פאַר נישט דערפילן איר אויפגאַבע, ווייל די טענה איז געווענדט נישט אויפן ריכטיקן אַדרעס, איז די גאַנצע מעשה אפשר בכלל נישט ריכטיק. די יידישע ליטעראַטור דערפילט דאָך פאָרט איר אויפגאַבע. אמת, נישט דירעקט, אָבער אומדירעקט. נישט דורך דעם, וואָס זי פונקציאָנירט נאָרמאַל (ווי זי דאַרף פונקציאָנירן אין אונזער לאַגע), נאָר דורך דעם, וואָס זי פונקציאָנירט אומנאָרמאַל. היץ איז אַן אומנאָרמאַלער צושטאַנד פון געזונט־שטאַנדפּונקט, אָבער בעת אַ קראַנקהייט איז די היץ אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, נאָך מער: אַ נויטווענדיקע. און ווען אַ קראַנקער פאַרלירט פּלוצלונג די היץ, ווערט דער דאָקטאָר אומרואיק: צי האָט נישט אַמאָל דער קערפּער אויפגעגעבן דעם קאַמף? צי איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין אַ רעזיגנאַציע־שטימונג, — אין אַ שטימונג פון צדוק־הדין? צי איז נישט געבראָכן געוואָרן די אינערלעכע וויטאַלע קראַפט?

אויך די כסדרדיקע הערזאַישע אָנשטרענגונג, וואָס מיר פאָדערן פון אונזער פאָלק און אונזער ליטעראַטור, איז אַן אומנאָרמאַלער צושטאַנד, אָבער אין אונזער אומנאָרמאַלער לאַגע איז דאָס נאָרמאַל: מיר מוזן האָבן פיבער, כדי צו באַקעמפן די טויט־מיקראָבן, וואָס באַדראָען אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם. און דאָס, וואָס מיר האָבן קיין היץ נישט — ווי דאָס באַווייזט צום בעסטן די לעבלעכקייט פון אונזער ליטעראַטור, — איז אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג, וואָס דאַרף אַרויסרופן אומרו.

קיין שום זאַך איבערצייגט מיך נישט אַזוי, אַז מיר זענען טויט־קראַנק, ווי דאָס לייענען אונזער ליטעראַטור פון די לעצטע יאָר־צענדליקער. און אַזוי אַרום דערפילט אונזער ליטעראַטור פאָרט איר אויפגאַבע. זי וואָרנט מיט איר נידעריקער

טעמפּעראַטור, מיט איר געדולד צו נאַרישקייטן, מיט איר פּוסטקייט. זי רופט אַרויס גאַלאַמבס „אָפּענע רייד".

אויב די באַקאַנטשאַפט מיט אונזער ליטעראַטור וועט אונז נישט אויפטרייסלען פון דער נאַציאָנאַלער לעטאַרגיע, וועט אונז שוין קיין שום זאַך נישט אויפוועקן, ווייל דורך איר פּוסט־קייט פאַרקוקן מיר דאָך פלוצלונג אינם אָפּגרונט, וואָס געפינט זיך פאַר אונזערע פּים.

ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ, — אויך ווען עס איז נישטאָ וואָס אָפּצושפּיגלען.

מען זאָגט: ווען אַ מענטש קוקט אַריין אין שפּיגל און זעט נישט זיין אָפּשפּיגלונג, איז אַ סימן, אַז ער געהער שוין דעם מלאך המוות.

אין אונזער ליטעראַטור געפינען מיר נישט מער אונזער אמת פּנים. אַזוי אַרום שפּיגלט זי אָפּ — וואו מיר האַלטן אין דער וועלט.

שאַנכיי, 1941.

פאַרוואָס איך „רײַם אַרונטער" יידישע ביכער און לויב פרעמד־שפּראַכיקע?

נישט איינמאָל שטעלן מיר פאַרשידענע שרייבער די פראַגע (מערסטנטיילס דאָן, ווען זיי האַלטן ביים אַרויסלאָזן פון דרוק אַ ווערק): „פאַרוואָס ,רייסט איר אַרונטער' יידישע ווערק און לויבט פרעמד־שפּראַכיקע?"

אויף דער דאָזיקער, אָפטמאָל פריוואַט געשטעלטער פראַגע, וויל איך איצט ענטפערן עפנטלעך.

* * *

ווען איך לייען איבער אַ שלעכט פרעמד־שפּראַכיק ווערק, פאַרדריסט מיר אויף דער פאַרשווענדעטער צייט און איך וואַרף עס אַרויס פון זכרון. אַלס יידישער שרייבער ליגט נישט אויף מיר דער מינדסטער חוב צו זאָרגן פאַר דער ריינקייט און דעם ניוואָ פון די פרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַטורן. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס מיין שרייבן וואָלט דאָך קיינעם קיין נוצן נישט געבראַכט: צו די פרעמד־שפּראַכיקע לעזער דערגייי איך נישט און דער יידיש־לייענער וועט אויך גאָרנישט האָבן, אויב איך וועל אים זאָגן, אַז דער און דער האָט אַרויסגעגעבן אויף דייטש אָדער רוסיש אַ שלעכט, ווערטלאָז בוך. ערשט ווען וויקטאָר מאַרגעריטס „בתורטע" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש און דער יידישער לייענער איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט רעקלאַמע־אַרטיקלען וועגן דאָזיקן „געניאַלן" ווערק, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק צו זאָגן מיין מיינונג וועגן דאָזיקן בוך און אָנווייזן דעם יידישן לייענער, אַז אויב ער וויל זיך באַקענען מיט אַ גרויס ווערק וועגן דער מאָדערנער פרוי, זאָל ער לייענען ראָמען ראָלאַנס „פאַרצויבערטע נשמה"; ערשט ווען עס איז אַרויס אויף יידיש רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט — קיין שום נייעס" און דער יידישער לייענער האָט געהאַט פולע

אויערן מיט לויב־געזאַנגען פאַרן דאָזיקן שוואַכן ווערק, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק אָנצואווייזן, אַז באַרבים׳ „פייער״ איז אַ ווערטפולער בוך. איך האָב אויך געהאַלטן פאַר נויטיק און וויכטיק צו קריטיקירן האַנס פאַלאַדאַס אַ שלעכט בוך, הגם עס איז נישט איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש, ווייל כ׳האָב געוואָלט באַווייזן דעם יידישן לייענער, ווי אַזוי אַ טאַלענטירטער שרייבער איז אַראָפּגעזונקען צו דער מדרגה פון טאַלענטלאָזי־קייט, ווי נאָר ער האָט געפאַלשעוועט אין זיין קינסטלערישן אמת און האָט זיך גענומען צופּאַסן צו געבעלסעם ליטעראַטור־דיקטאַט.

נאָך מער: נישט נאָר וועגן סתם שלעכטע פּרעמד־שפּראַ־כיקע ביכער וועל איך נישט שרייבן, אויב זיי זענען נאָר נישט איבערגעזעצט אויף יידיש און אויב זיי האָבן נישט קיין אַלגעמיין־דידאַקטישן ווערט, נאָר אפילו וועגן סתם־גוטע פּרעמד־שפּראַכיקע ביכער וועל איך נישט שרייבן. ווען איך לייען איבער אַזאַ גוט געשריבן, אָבער, לויט מיין מיינונג, אויף פּוסט געשריבן בוך, ווי פראַנץ ווערפעלס „די געשוויסטער פון נעאַפּאָל״, לייג איך עס אויך אָפּ אין אַ זייט, ווייל איך דערצייל דעם יידישן לייענער וועגן אַזעלכע פּרעמד־שפּראַכיקע ביכער, וועלכע ער דאַרף וויסן צוליב פאַרשידענע קולטור־מאָטיוון: איך וועל נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו דערציילן אים וועגן בערטאָלד ברעכטס „דריי־גראָשן־ראָמאַן״, וועגן ערענ־בורגס „צווייטן טאָג״ (אָבער וועגן ערענבורגס לעצטע צוויי ראָמאַנען: „מאָסקווע גלויבט נישט קיין טרערן״ און „מיט איין אָטעם״ וועל איך נישט שרייבן, סיידן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַלגעמיינער טעמע: וועגן קריזיס פון ראַטן־פאַרבאַנדישן ראָמאַן). איך דערצייל דעם יידישן לייענער וועגן די פּרעמד־שפּראַכיקע ליטעראַטורן נאָר דאָס, וואָס רופט אַרויס מיין באַ־גייסטערונג אָדער מיין עמפּערונג, אָבער נישט דאָס, וואָס לאָזט מיך גלייכגילטיק. איך ווייז דעם יידישן לייענער די געפונענע פּערל, איך האַלט זיכער נישט פאַר נויטיק צו דערציילן וועגן דעם, צווישן וויפיל מיסט איך האָב עס געפונען, סיידן דאָס מיסט ווערט דורך אַ שמאַטע־קלויבער פאַרטראָגן דירעקט צו אים, צום יידישן לייענער.

און דעם זעלבן צוגאַנג האָב איך צו יידישע ווערק: איך דערצייל נאָר וועגן דעם, וואָס עס רופט אַרויס מיין באַגייס־טערונג אָדער מיין עמפּערונג. אָבער דערפאַר, וואָס איך בין פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור אויף טויט און לעבן, דערפאַר וואָס איך טראָג פּרייוויליק אויף זיך אַ שטיקל אחריות פאַר דער יידישער ליטעראַטור, פאַר מ י י ן ליטעראַטור, איז דער דאָזיקער זעלבער צוגאַנג מאָדיפיצירט געוואָרן: דאָס, וואָס לאָזט מיך גלייכגילטיק אין אַ פרעמדער ליטעראַטור, רופט אַרויס מיין עמפּערונג אין דער יידישער און דאָס, וואָס לאָזט מיך קאַלט אין דער פרעמדער ליטעראַטור, רופט אַרויס מיין באַ־גייסטערונג אין דער יידישער. דאָס, וואָס לאָזט גלייכגילטיק ביי אַ פרעמדן, עמפּערט און באַגייסטערט ביי אַן אייגן קינד, ביי אייגענע טאַטע־מאַמע, ביי זיך אַליין.

ניין, יידישע שלעכטע ווערק לאָזן מיך נישט גלייכגילטיק. איך פיל אַ שטאַרקע באַדערפעניש צו וואָרענען פאַר זיי, צו דעמאַנסטרירן זייערע פעלערן, כדי מען זאָל אויף די דאָזיקע שלעכטע מוסטערן זיך לערנען שרייבן בעסער. וואָס מער איך זע, ווי מען לויבט ביי אונז יעדע שמירעכץ און יעדע טאַלענט־לאָזע שרייבעריי, אַלץ מער פיל איך די פליכט אויפצואווייזן זייער נישטיקייט. עס כאַפּט מיך אָפּט אַרום אַ שוידער, ווען איך דערשפיר ממש פיזיש ווי נידעריק עס שטייט אונזער ליטע־ראַטור, מיט וואָס מען איז ביי אונז צופרידן. און איך זאָג אָפן: ווען איך האָב די מעגלעכקייט צו דרוקן אַ באַגרענעצטע צאָל אַרטיקלען, און איך זאָל האָבן אַרטיקלען וועגן גוטע יידישע ביכער און וועגן שלעכטע, וועל איך דרוקן די אַרטיק־לען וועגן די שלעכטע. (אויב עמיץ וועט זיך אָנכאַפּן אין די דאָזיקע ווערטער: אהא, נישט אומזיסט האַלט מען אים פאַר אַ שלעכטס, אַ סאַדיסט, — איז פאַרפאַלן: מען זאָל מורא האָבן פאַר נאַרישע אָדער בייזוויליקע אויסטייטשערס, וואָלט מען אַ סך ריכטיקע זאַכן נישט געקאָנט זאָגן). דאָס איז דערפאַר, ווייל די גוטע ביכער וועט מען על־פּי־רוב סיי ווי לויבן, אָבער די שלעכטע וועט דאָך כמעט קיינער נישט מאַכן אומשעדלעך.

* * *

ווען איך לייען עטלעכע וואָכן בלויז יידישע ביכער און

דערנאָך נעם איך אַ גוט פּרעמד־שפּראַכיק ווערק, איז די רעאַקציע אויף מיין געמיט און אויף מיין אינטעלעקט אַזאַ שאַרפע, אַזאַ אומצווייידייטיקע, אַז מען קען ממש אַריינפאַלן אין יאוש. מען האָט דעם זעלבן געפיל, ווי איינער, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו ביטערן, שלעכטן טיי, און ער באַקומט פּלוצלונג אַ זיס גלעזל פרישע טיי. אין משך פון די עטלעכע וואָכן האָב איך עפּעס פאַרלוירן מיין זיכערקייט, די פאָדערונגען מיינע זענען געוואָרן קלענער: ווער ווייס, גנבעט זיך דורך אַ געדאַנק, אפשר זענען ז י י גערעכט: אפשר איז דאָס גוט, אפשר איז דאָס גאָרנישט אַזוי שלעכט; פונדעסטוועגן, אַלע זאָגן דאָך פאָרט. און ווען איך פאַל אַרויף אויף אַ גוטן פרעמד־שפּראַכיקן בוך און איך דערשפיר די שאַרפע רעאַקציע אין מיין גאַנצן וועזן, — ערשט דאַן באַגרייף איך אין דער גאַנצער גרויס די געפאַר פון פאַרפלאַכונג, וואָס עס דראָט אונז, וועלכע האָט אונז שוין טיף־טיף אַראָפּגעשלעפּט. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו אַזאַ נידעריקן ניוואָ, מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צום פויזען אויף דער ערד, ווי צו אַ נאַטירלעכן בכבודן צושטאַנד, אַז מיר רייסן זיך שוין גאָרנישט אין ערגעץ, אַז מיר זענען טעמפּ־צופרידן מיט דעם, וואָס מיר האָבן. און די דאָזיקע זעלבסט־צופרידנקייט מיטן נידעריקן קונסט־סטאַנדאַרד מוזן מיר צעשטערן, אויב מיר ווילן וואַקסן. אָן פאַרלאַנג צו פרייהייט, באַפרייען זיך נישט קיין שקלאַפן; אָן אַ דראַנג צו קולטור, וואַקסט מען נישט אַרויס פון אומקולטור. קען דען געשען ביי אַנדערע פעלקער, אַז אַזעלכע טאַלענטן ווי שלום אַש און וויסנבערג זאָלן נאָך דרייסיק יאָר שאַפן נישט קענען אָנשרייבן אָן אָרטאָגראַפישע און סטיליסטישע פעלערן קיין איין זייטל? ביי אונז וואָלט דאָך גאָרקי געוואָרן אַ — וויסנבערג! גאָרקי איז געוואַקסן דערפאַר, ווייל די רוסישע ליטעראַטור און די רוסישע לייענער האָבן געפאָדערט פון אים, ער זאָל וואַקסן קולטורעל: מיטן בלויזן רויען טאַלענט וואָלט ער נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין אָרט אין דער רוסישער ליטעראַטור. ביי די רוסן איז ווינציק דאָס פאַראַנען זיין פון טאַלענט. ביי אונז איז עס גענוג. ביי לייטן איז טאַלענט אַ סטימול צו שטעלן פאָדערונגען, ביי אונז איז דאָס פאַראַנען זיין פון טאַלענט אַ דעקונג אויף אַלץ.

* * *

איך ווייס: עס איז אָנגענעמער צו לויבן, ווי אַרונטער־צורייסן. אפילו איך בין שטאַרק צופרידן, ווען איך קען עפּעס לויבן. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך לויב אַמאָל צו שטאַרק (איז דען אַ וואונדער, ווען אַ אויסגעהונגערטער עסט זיך איבער?!). אָבער די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז: מיטן פּנים צו די שלעכטע ביכער, ווייל זיי זענען די איבערוויגנדיקע מערהייט, ווייל זיי שאַפן דעם אַלגעמיינעם ניווא, ווייל זיי אַטראָפירן (טויטן אָפּ) דעם חוש פאַר שיינקייט, פאַר דערהויבנקייט, פאַר גרויסעס, ווייל זיי לאָזן אונז נישט וואַקסן קולטורעל.

אויב איך לייען דורך צען יידישע ביכער און בלויז איינס פון זיי איז נישט שלעכט, וועל איך גיכער שרייבן נייז „בייזע" רעצענזיעס, איידער איין נישקשהדיקע, ווייל די דאָזיקע נייז שלעכטע ביכער, וואָס ווערן געלויבט אָדער דיפּלאָמאַטיש פאַרשוויגן, זענען שולדיק דערין, וואָס דאָס איינע נישקשהדיקע בוך איז נישט געוואָרן — גוט. צו וואָס זאָל דער שרייבער זיך אָנשטרענגען, און ווי אַזוי זאָל ער גאָר קענען זיך אָנשטרענגען צו שטייגן אין אַ סביבה, וואו אַלץ ליגט פלאַך אויף דער ערד? דאָס, וואָס איך לעב איבער נאָכן לייענען אַ געוויסע צייט בלויז יידישע ביכער, דאָס איז די אַטמאָספער, וואָס לאָזט זיך נישט אַנטוויקלען אפילו אַ טאַלענטירטן שרייבער.

און סיי מיינע „גוטע" אַרטיקלען וועגן פרעמד־שפּראַכיקע שרייבער, סיי מיינע „שלעכטע" אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער זענען צוויי זייטן פון איין אויפגאַבע: דורכלופטערן די דאָזיקע טוכלע אַטמאָספער, וואָס איז גוט בלויז פאַרן וואוקס פון וואָרצללאָזע גראָזן.

אָט פאַרוואָס איך „רייס אַרונטער" יידישע ווערק און — לויב פרעמד־שפּראַכיקע...

וואַרשע, 1937.

אַ טעמפּעראַמענטפולער אָבער אומגעלונגענער אָנגריף

אין לאָדזש דערשיינט אַ חודש־זשורנאַל „אות“. אין צווייטן נומער, פון יאַנואַר 1938, האָט דער דיכטער און ראָמאַניסט ישראל ראַבאָן, אַליין אַ קינד פון דער מאַסע, אָפּגעדרוקט אַ טעמפּעראַמענטפולן אָבער נישט גערעכטן, אָפטמאָל אפילו אומגעלומפּערטן אָנגריף קעגן דער מאַסע, וואָס פאַרשטייט נישט קיין דיכטונג; קעגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור בכלל, וואָס נישט נאָר זי טויג נישט, נאָר זי קאָן גאָר נישט טויגן; קעגן פאָלקס־ליד, וואָס הויבט זיך נישט אויף העכער פונם ניוואָ פון אַזאַ ליד, ווי: „מיין טאַטע איז אַ סמאָראָוואָזשניק, מיין מאַמע גנבעט פיש אין גאַס“...

אויף צוויי ריכטיקע באַהויפּטונגען, פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע גאַנץ גרויסע אַרטיקל אַזוי פיל פאַלשע און לעבערלעכע, און דערביי זענען זיי אַלע אַזוי כאַאָסדיק פאַרקניפּט און פאַרבונדן, אַז אויף די הויפּט־פאַלשקייטן לוינט זיך אָפּצושטעלן.

* * *

„ניינציק פּראָצענט פון די פאָלקס־לידער, אין וועלכע דאָס פאָלק גיסט אויס דעם רעזערוואואַר פון זיינע געפילן, זענען אָן דיכטערישער באַדייטונג“.

פון דער דאָזיקער הויפּט־הנחה פליסט שוין במילא אַרויס די דערקלערונג: „די פּאָעזיע איז נישט באַשטימט פאַר די מאַסן“; „אויב אַן עולם פון טויזנט מענטשן געפעלט עפּעס אַ געדיכט, איז עס אַ קיטש“.

שרייבן אַזוי קאָן בלויז אַ מענטש, וואָס די פאָלקס־דיכטונג — די יידישע ווי די אינטערנאַציאָנאַלע — איז דערגאַנגען צו אים אין איר קאַריקאַטור־געשטאַלט פון „מיין טאַטע איז אַ סמאָראָוואָזשניק“. עס איז גענוג אָבער צו לייענען עטלעכע זאַמלונגען פאָלקס־לידער, עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט

הערדערס „שטימען דער פעלקער אין לידערן", כדי צו דער־שפירן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז דער עכטער קוואַל פון פּאָעזיע געפינט זיך ביי די מאַסן.

אַלע גרויסע דיכטער — אויך פּושקין, וועמענס הונ־דערטסטן יאָרצייט עס פייערט איצט די גאַנצע קולטור־וועלט — האָבן געשעפּט פון דאָזיקן קוואַל. אַ סך גרויסע אויפבלי־עפּאָכעס פון דער דיכטונג זענען געווען ד י ר ע ק ט פאַרבונדן מיט אַ דערנענטערונג צו דער פאָלקס־דיכטונג. אַזאַ איז, למשל, געווען די גענואַלטיקע ראָמאַנטישע דיכטונג אין איר קלאַסישן געבורטס־לאַנד — אין דייטשלאַנד.

מאַכן ישראל ראַבאָנס פאַנאַנדערטיילונג: פון איין זייט פאָל וואַלערי און סטעפאַן געאָרגע און פון דער צווייטער זייט „מיין טאַטע איז אַ סמאָראָוואָזשניק", איז אַביסל איגנאָ־ראַנטיש נאַאיוו און אַ סך אומאַחריותדיק. געוויס, אין פאָלקס־לידער איז נישטאָ אַזאַ פאָרם־ראַפינעמאַן ווי אין געאָרגעס לי־דער, אָבער אין געאָרגעס לידער איז נישטאָ די אור־קרעפטיקע, אוממיטלבאַרע דיכטונג פון די בעסערע פאָלקס־לידער. געוויס, די מאַסן וועלן נישט פאַרשטיין געאָרגען, ווייל ער געהער צו די דיכטער, וועלכע מען קאָן אָנרופן „עזאָטערישע", זיי דיכטן אויף אַ קאָנווענציאָנעלער צייכן־שפּראַך פון אַ ענגן קרייז; דאָס הייסט נאָך אָבער נישט, אַז די מאַסן פאַרשטייען נישט קיין דיכטונג.

יאַקאָב וואַסערמאַן דערציילט אין זיין טאָג־בוך אַ פאַקט פון דער מלחמה־צייט: אַן אָפיציר האָט פאָרגעלייענט, אין די אָקאָפּעס, פאַר די זעלנער, געטעס „הערמאַן און דאָראָטעא". ווען ער האָט געענדיקט, האָבן די טיף־גערירטע זעלנער געבעטן לייענען נאָכאַמאָל.

אפשר איז „הערמאַן און דאָראָטעא" אַ קיטש־זאַך, ווייל די מאַסע האָט עס פאַרשטאַנען? אפשר מיינט ישראל ראַבאָן, אַז דיכטונג איז בלויז געאָרגעס לידער אָבער „הערמאַן און דאָראָ־טעא" געהער שוין נישט צו דער דיכטונג, צום „סאַלאָן פון דער ליטעראַטור"? איך קאָן פאַרזיכערן ראַבאָנען, אַז „די מאַרסע־ליעזע", וועלכע הונדערטער טויזנטער איז געפעלן געוואָרן, איז אַ סך וויטער פון קיטש, ווי אַ סך געאָרגעס לידער, וועלכע

די מאַסע פאַרשטייט נישט און אַ סך פון די, וואָס זענען ראוי זיי צו פאַרשטיין (זיי געהערן נישט צו דער מאַסע!) האַלטן, אַז דאָרט איז זייער ווינציק דאָ פון עכטן אורשפּרינג־לעכן פּאָעזיע־קוואַל.

געוויס, ראַבאַן איז גערעכט, ווען ער זאָגט: „ווירקלעכע ליבע צום פאָלק האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם פּרואוו צוצו־קלעפּן דעם פאָלק אַ צעטעלע אויף די פּליִיצעס: דו ביסט דער פּוסק אחרון איבער אַלץ, אויך איבער דיכטונג". אָבער ווער הייסט אים צוגיין ביזן אַבסורד אין ביידע עקסטרעמען: אָדער פּוסק אחרון אָדער „מיין טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזשניק"?

קיינער איז נישט קיין געבווירענער פּוסק אחרון. נישט אַלץ קאָן די מאַסע פאַרשטיין אָן אַ צוגרייטונג, און נישט אַלץ קאָן מען פאַרשטיין אפילו מיט אַ צוגרייטונג, אויב מען האָט נישט די נויטיקע איינגעבוירענע אינטעליגענץ און פעאיקייטן, אפילו ווען מען געהערט נישט צו דער מאַסע. אָבער קיינער איז אויך נישט קיין געבווירענער אידיאָט לגבי דיכטונג, באַ־זונדערס די מאַסע נישט, וואָס האָט געשאַפן דעם באָדן פאַר דער וועלט־דיכטונג דורך דער פאָלקס־פּאָעזיע.

און עס איז באמת אַ חלול־הקודש, ווען מען זאָגט, אַז „דאָס פּריילין וואָס פיילט זיך די נעגל..., וואָס וויגט די היפּטן אין ראַפינירטער דיסטינקציע, וואָס בילדעט אוים איר פאַנ־טאַזיע אפילו אויף די ראָמאַנען פון פּאָל דע קאָק, — איז דאָך מער גענייגט אויפצונעמען די פּאָעזיע, ווי אַ בידנע שטעפּערין אָדער אַ שניידער־מיידל, וואָס אַרבעט אין חשכות און נויט אַ פערצן שעה. די לעצטע האָט פּשוט נישט קיין צייט און קיין גרייטקייט אויף דער נשמה צו אינטערעסירן זיך מיט פּאָעזיע און דיכטונג".

געוויס זענען דאָ פריילינס מיט מאַניקירטע נעגל, וואָס פאַרשטייען פּאָעזיע, און שניידער־מיידלעך, וואָס פאַרשטייען זי נישט, אָבער עס איז דאָ פאַרקערט אויך. און איך בין גרייט צו גיין אין געוועט, אַז צווישן באַוואוסטזיניקע הונדערט שניי־דער־מיידלעך זענען דאָ מערער עכטע פּאָעזיע־געניסערינס, ווי צווישן הונדערט פּוסטע מיידלעך, וואָס „וויגן די היפּטן אין ראַפינירטער דיסטינקציע".

עס ווענדט זיך ווידער, וואָס מען זאָל פאַרשטיין אונטער פּאָעזיע: צי ווערטינסקיס מאַניקירטע ראָמאַנסן, צי אַזאַ פּראָלעטאַריש ליד, ווי דאָס פאָלגנדיקע:

פאַרן געריכט

„פון וועמען איך האָב עס, דאָס קינד אין מיין לייב,
„דאָס וועל איך אייך נישט זאָגן. —
„פּפוי! — שפּייט איר אויס: — זעט נאָר די זונה! —
„און דאָך בין איך אַ ערלעך ווייב.
„מיט וועמען איך האָב חופּה געשטעלט, דאָס זאָג איך נישט אויס,
„מיין ליבסטער איז גוט און ליב,
„צי ער טראָגט אַרום האָלז אַ גאָלדענע קייט,
„צי אויפן קאָפּ אַ שטרויענעם הוט.
„דאַרף מען איבערטראָגן חוזק און שפּאָט,
„וועל איך אליין עס טראָגן.
„איך קען א י ם גוט, ער קען מ י ך גוט,
„און גאָט וויים אויך דערפון.
„הער גלח און הער מאַכט־פּאַרטרעטער,
„איך בעט אייך, לאָזט מיך צורו!
„דאָס איז מיין קינד, עס בלייבט מיין קינד,
„איר האָט נישט קיין חלק אין אים".

כדי אָפּצושלאָגן ביי ישראל ראַבאָן דעם חשק אָפּצושיקן דאָס דאָזיקע מאַסן־קיטש צו דעם לאַגער פון דער גראַפאָמאַניע, וואָס וויל זיך אונטערלעקן דעם המון, זאָג איך אים אויס דעם סוד, אַז דאָס האָט געשריבן אין אַ פּראָלעטאַריש־באַגייסטערטער מינוט דער דיכטער יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטע (איך האָב עס בלויז אַביסל קאַליע געמאַכט אין דער פּראָזע־איבערזעצונג).

* * *

דאָס אויבן געבראַכטע געטעשע ליד באַווייזט שוין גאַנץ בולט, ווי געפערלעך עס איז מיט איין שטריך איבערצושטרייכן די דיכטערישקייט פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסן־ליטעראַטור.

און ישראל ראַבאַן טוט עס זייער דרייסט, מיט אַ לייכט הארץ און נאָך אַ לייכטערער פעדער.

„דער עקספּערימענט צו מאַכן פּאָעזיע פאַר דער קאָנסומ־ציע פון פאָלק, אויפן היינטיקן לשון — פאַרן פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך געענדיקט מיט אַ פיאַסקאָ אין קוואַדראַט”.

דאָס הייסט, לויט ראַבאַנס געדאַנק, אַז פּאָעזיע קאָן גע־שריבן ווערן בלויז פאַר יחידים, נישט פאַרן מאַסן־געברויך. אָבער אין אַ רגע אַרום שרייבט ער:

„איך האָב גאָרנישט מורא צו ריזיקירן דערקלערט צו ווערן אַלס מוסאָלינים אַ פאַרערער, אויב איך וועל זאָגן, אַז די לידער פון מאַרינעטי, וואָס באַזינגען די קאָלעקטיווע מענטשן־צעפליישונג, מלחמות, אַלס גרויסן אידעאַל פון דער מענטשהייט, זענען געשריבן מיט טאַלענט, בעת די לידער פון פּראָלעטאַרישן דיכטער קאָלעגע איגרעק וועגן די העלדישע קעמפער פון מאַדריד זענען אַ דריי טויזנט מאָל ערגער”.

איך קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז די פּראָלעטאַרישע לידער פונם דיכטער אָדער גראַפאָמאַן איגרעק טויגן אויף כפרות, דאַ־קעגן ווייס איך אויף זיכער, אַז מאַרינעטיס לויב־לידער פאַרן אַביסינישן קריג זענען נידערטרעכטיקע גראַפאָמאַניע. אָבער איך בין דאָ נישט אויסן איינצוקנעלן מיט ראַבאַנען דעם עלעמענטאַרן אמת, אַז פּונקט ווי היינריך קלייסטס פלאַמיק שנאהדיק־מלחמהדיק ליד קעגן די פראַנצויזן איז שטאַרק, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער דיכטער, זענען אויך שטאַרק שעלים, היינעס און אפילו יאָהאַנעס ר. בעכערס פרייהייטס־ און אַנטי־קריגס־לידער, ווייל אויך זיי זענען עכטע און די ערשטע צוויי — טאַקע גרויסע דיכטער.

וואָס איך וויל יאָ, איז אויפווייזן די גראָבע סתירה, וואָס ליגט אינם מאַרינעטי־ביישפּיל ווי אַ קלאַפּ פאַר דער פּאָעזיע אַלס מאַסן־קאָנסומציע. מאַרינעטיס מלחמה־פּאָעזיע איז דאָך פּונקט דער זעלביקער סאָרט דיכטונג, ווי דעמיאַן בעדניס, אַ דיכטונג פאַרן מאַסן־געברויך, אַ דיכטונג, וואָס דינט אָפּן דער סאָציאַלער באַשטעלונג. איז אויב מאַרינעטי קאָן שרייבן עכטע דיכטונג (לויט ראַבאַנס סאַלאָן־געשמאַק), טאָ פאַרוואָס זאָל אויך אַ פּראָלעטאַרישע מאַסן־דיכטונג נישט קאָנען זיין סאַלאָן־

פּעאיק? איז נישט די דיכטונג פון קאָלעגע איגרעק, איז די פּאָעזיע פון קאָלעגע איקס! אַבי ראַבאָן באַווייזט מיט זיין מאַרינעטי־ביישפּיל דאָס קאַפּויערדיקע פון דעם, וואָס ער וויל, ווערט אונז אַביסל לייכטער אויפן האַרצן.

און עס מאַכט טאַקע אַן איינדרוק אָדער פון אַ צולהכעיס־שפּיל אָדער פון אַן אומפעאיקייט לאָגיש צו דענקען, ווען ראַבאָן זאָגט, אַז „דער פּאָעט פון דריטן רייך האַנס יאָהסט איז פּאָרט אַ הונדערט מאָל גרעסערער קינסטלער, ווי דער אָפיציעלער דיכטער פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעמיאַן בעדני".

איך האַלט נישט פון דעמיאַן בעדני, אָבער איז האַנס יאָהסט טאַקע אַ גרעסערער קינסטלער פאַרן אַנטי־פאַשיסטישן קינסטלער איגנאַציאָ סילאָנע? האָט האַנס יאָהסט געשריבן עפּעס ענלעכס צו אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף"? און צי קאָן האַנס יאָהסטס בעסטע דראַמע אויסהאַלטן אַ פאַרגלייך מיט פריץ פאָן אונרוס אַנטי־קריגס־דראַמע „איין געשלעכט"? מאַרינעטיס און יאָהסטס פאַשיסטישע סאָצבאַשטעלונגען זענען ביי ראַבאָנען סאַלאָן־דיכטונג, אָבער די בעסטע שעפערישע מוסטערן פון פּראָלעטאַרישער דיכטונג און קונסט זעט ער נישט און וויל נישט זען, נאָר ער ברענגט אַלס ביישפּיל דעמיאַן בעדני (וועלכן מען האָט שוין אַנטקרוינט אין ראַטן־פאַרבאַנד גופא, אויפן שרייבער־קאָנגרעס אין יאָר 1934) און דעם אַנאָנימען גראַפאָמאַן איגרעק.

און נישט ביים ערשטן ביישפּיל (מאַרינעטי!) און נישט ביים צווייטן ביישפּיל (האַנס יאָהסט!) זעט, נעבעך, ראַבאָן נישט איין, אַז זיינע „צעשמעטערנדיקע" ביישפּילן באַווייזן נישט נאָר טעאָרעטיש די מעגלעכקייט פון אַ מאַסן־דיכטונג, נאָר זיי גיבן אַ קלאַפּ איינער פון די צוויי ריכטיקע באַהויפּטונגען פון ישראל ראַבאָן וועגן וועלכע איך האָב אָנגעמערקט גלייך אין אָנהויב און וועגן וועלכע איך וועל איצט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

„דער קינסטלער און דער ליטעראַט מוזן האָבן פרייהייט", זאָגט ראַבאָן. ריכטיק. און דערפאַר, ווייל אין ראַטן־פאַרבאַנד איז נישטאָ קיין פרייהייט פאַרן געדאַנק, ווייל דער שרייבער

ציטערט פאַר אָפּגווינגן און קאָנטראָלירט זיך אין איין ציטער־ניש, — דערפאַר איז דער פּרעכטיקער פאַנאַנדערבלי פון דער ראַטן־פאַרבאַנדישער ליטעראַטור אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

אָבער אויב אַזוי, ווי קומט דאָס, קאָלעגע ראַבאָן, וואָס האַנס יאָהסט אַנטציקט אייך אַזוי? הערשט דען אין היטלער־לאַנד פרייהייט? ווי אַזוי־זשע קאָן בליִען דיכטונג אין אַ אומפריי לאַנד?

איין ענטפער קאָן העלפן ראַבאָנען אַרויסצוגיין פון טעמפּן ווינקל. דאָס איז דער ענטפער: אָבער יאָהסט איז אויפריכטיק באַגייסטערט פאַר דער היטלעריסטישער אומפרייהייט! יאָהסט שאַפט זיינע אידעאָלאָגיש־פאַרקריפּלטע ווערק אין פערזענלע־כער אינערלעכער פרייהייט!

איך רעכן, אַז ראַבאָן וועט מסכים זיין אויף מיין אונטער־געדרוקטן ענטפער, כדי אַרויסצוקריגן זיך פון דער אייזערנער צוואַנג פון די סתירות, אין וועלכע ער איז פאַרקלעמט געוואָרן.

זאָל אים וואויל באַקומען מיין הילף. אָבער אויב אַזוי, איז אפשר אויך מעגלעך, אַז נישט נאָר גראַפאָמאַנען זאָלן שרייבן וועגן פּראָלעטאַרישע ענינים אונטער אַן אויסערלעכן צוואַנג, נאָר אויך דיכטער פון אינערלעכער פרייהייט, פון אינערלעכן הסכם?

אויב ישׂראל ראַבאָן וויל זיך נישט מאַכן נאָך לעכערלעכער, ווי ער האָט זיך שוין געמאַכט מיט זיין מאַרינעטי־אַנטציקונג, וועט ער מוזן מודה זיין, אַז איך האָב רעכט.

און אויב אַזוי, וועט ער אויך מוזן מודה זיין, דאָס זיין צווייטע ריכטיקע באַהויפּטונג, אַז די גראַפאָמאַנישע באַנוצונג פון פּראָלעטאַרישן לעקסיקאָן און פּראָלעטאַרישע טעמעס איז שונד, איז אויך פאַלש אָנגעווענדעט.

ריכטיק: עס קאָן אויך זיין סאָציאַלער שונד, נישט נאָר עראָטישער. „דאָ קיצלט מען דעם לעזער מיט דעם פאַרפום פון דאַמען־שטאָפּן און דיסקרעטע בודוארן און דאָרט — מיט געמאַכטער אויסגעקוועטשטער התפעלות פאַר רעוואָלוציע און פּראָלעטאַריאַט". אָבער צי איז פון דעם געדרונגען, אַז דאָס גאַנצע פּראָלעטאַרישע שאַפן איז — שונד? שונד איז עס נאָר, ווען עס ווערט **אויסגענוצט** אָבער נישט **באַנוצט**

אין אינערלעכער שעפערישער פרייהייט. ישראל ראַבאָן נעמט אָבער די דאָזיקע אַנאַנים־איגרעקישע מיסברויכונג און פּסלט דערמיט די גאַנצע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. איז עס געמאַכט געוואָרן בכיוון — איז עס ערגסטע דעמאַגאָגיע, פּאָלעמישער שונד; איז עס געמאַכט געוואָרן אין גוטן גלויבן — איז עס העכסטע אומקריטישקייט, אומפעאיקייט קאָנסעקווענט צו דענקען.

און די דאָזיקע צווייטע מעגלעכקייט ווערט וואַרשיינלעכער, ווען מען קומט צו אַזאַ גלאַנץ־שטעלע: „עס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, עס איז אַן אמת: דער דיכטער, לויט זיין זעעלישער קאָנסטרוקציע, איז מער ענלעך צו אַ בערזע־שפּעקולאַנט... ווי צו דער רואיקער, בראָנזעווער און פּוסטער נשמה פון דעם שלאָגלער־אַרבעטער פון מאַגניטאָגאָרסק!"

עס זענען זיכער דאָ „דיכטער", וואָס זענען נישט נאָר ענלעך אויף בערזע־שפּעקולאַנטן, נאָר זיי זענען דאָס טאַקע בכבודם ובעצמם, מיר קענען זיי זייער גוט. אָבער פּאַרוואָס די נשמה פון אַ שלאָגלער מוז זיין פּוסט, ווייס איך נישט. אַט האָט ערענבורג אין „צווייטן טאָג" געגעבן די נשמה פון אַ שלאָגלער, וואָס איז טיפער און אינטערעסאַנטער פאַר אַלע ראָמאַן־העלדן פון די שרייבערישע בערזע־שפּעקולאַנטן פון וואַרשע און לאָדזש צוזאַמען גענומען.

ביים סוף זשורנאַל געפינט זיך אַן אַנאָנס וועגן אַ ניי לידער־בוך פון ישראל ראַבאָן. ווערט דאָרט געמאָלדן, אַז „אין פאַרקויף וועט זיך די אויסגאַבע נישט געפינען". ווייס איך נישט, צי דער דאָזיקער אַנאָנס, דאָס אַנטלויפן פון דער מאַסע, איז אַ רעזולטאַט פון אַרטיקל, אָדער דער אַרטיקל — אַ רעזולטאַט פון אַנאָנס. יעדנפאַלס, אויפן סמך פון צוויי לידער פון ישראל ראַבאָן, וואָס געפינען זיך אין „אות", דוכט זיך מיר, אַז ער האָט רואיק געמעגט אַרויסגעבן זיין לידער־בוך פאַרן מאַסן־געברויך. עס שטייט אים נישט פאַר די געפאַר, אַז טויזנט מענטשן זאָלן זיך אַנטציקן מיט זיי און אַזוי אַרום אַריינפאַלן אין דער קיטש־קאַטעגאָריע.

וואַרשע, 1938.

נאָטיצן

ווי דורכגעלעבטע טעג

איבערגעלייענטע ביכער זענען ווי דורכגעלעבטע טעג.

ווען איר קוקט אויף די פאַרגאַנגענע טעג דורך דער זכרון־פּערספּעקטיוו, מוזט איר זיך שטאַרק וואונדערן: עס איז אַזוי שווער געווען זיי דורכצולעבן, מען האָט געהאַט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן, אָבער איצט, ווען מען גיט אַ קוק אויף צוריק, לויפט די דעראינערונג פראַנק און פריי דורך אַ ליידיקן רוים, זי האָט נישט כמעט אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן, ביי וואָס זיך אויפצוהאַלטן. דאָס טאָג־טעגלעכע, דאָס גרויע און נודנע איז שווער איבערצולעבן, איז שווער בייצוקומען, אָבער קומט מען עס שוין איבער, בלייבט פון דעם גאָרנישט, ווי נישט געווען. די דעראינערונג לויפט, אָן שום שטערונג, דורך וויסטע יאָרן־שטחים, שטעלט זיך בלויז אָפּ ביי יענע געציילטע טעג און מאָמענטן, ווען מען האָט געלעבט מיט לייב און לעבן, פולבלוטיק און פולמענטשלעך. אָט די פולבלוטיקע, פולמענטש־לעכע מינוטן זענען פאַרבליבן אויף איביק, זיי האָבן זיך איינ־געשניטן אין אונזער עקזיסטענץ נישט אויסצושניידן — זיי וואַקסן מיט מיט אונז, זיי לעבן מיט מיט אונז.

איבערגעלייענטע ביכער זענען ווי דורכגעלעבטע טעג.

ווען איר לויפט דורך אין זכרון אַ גאַנצע דורכגעלייענטע ביבליאָטעק ביכער, מוזט איר שטוינען: עס איז אַזוי שווער געווען זיי דורכצוקריכן, זיי האָבן פאַרשאַפט אַזויפיל בייז בלוט, אָנגעמאַכט אַזאַ טומל, אַז הו־הא, עס איז קיין אָרט נישט געווען צו אַנטרינען פון זיי, און צום סוף — די דעראינערונג לויפט שנעל, שנעל און האָט נישט אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן, ביי וואָס צו פאַרווײַלן. פון דער גאַנצער ביבליאָטעק, דורך וועלכער עס איז אַזוי שווער געווען דורכצוקריכן, וועלכע האָט פאַר־שטעלט פון אַלע זייטן דאָס לעבן, איז גאָרנישט געבליבן, זי איז פאַרווייעט געוואָרן, ווי טרוקענער שטויב, וואָס שטערט צו קוקן,

וואָס פאַרשיט די אויגן, וואָס לאָזט נישט גיין און — ווערט נישט אין איין מאָמענט.

בלויז געציילטע ביכער פאַרבלייבן, נישט אויסצומעקן, אויפן צוריקוועגס פון דער דעראינערונג, אויפן צוריקוועגס פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי אָאזיסן אין דער וויסטע, ווי פּולבלוטיקע איבערלעבונגען אין אַ הבל־הבלימדיקן לעבן: זיי זענען געווען אַזוי פאַראייניצלט, אַזוי פאַריתומט, און איצט זע־נען זיי די איינציקע רעטער פון פולשטענדיקער פוסטקייט, פון פולשטענדיקער וויסטעניש.

ווען די ליטעראַטור־געשיכטע מאַכט דעם וועג אויף צוריק, איז שוין נישטאָ ווער עס זאָל שיטן זאַמד אין די אויגן, ווער עס זאָל זיך פּלאָנטערן צווישן די פיס, ווער עס זאָל באַשווערן דעם וועג און רייסן מיט געוואַלט די אויפמערקזאַמקייט. דער וועג איז פריי און פוסט, עס לויפט זיך שוין צו שנעל, שוין צו לייכט, און בלויז פון צייט צו צייט ווינקען די ביכער, וואָס זענען פאַרבליבן, ווי פולבלוטיק, פולמענטשלעך איבערגעלעבטע טעג.

* * *

ווען איך לאָז לויפן דעם געדאַנק איבערן דורכגעלייענטן ביכער־וועג פאַרן לעצטן יאָר, לויפט ער אומגעשטערט און שנעל, ווי אַ בליץ. מיט ליבע און אינטימער צוגעבונדנקייט פאַרווײַלט ער בלויז אויף עטלעכע פונקטן און רוט זיך אָפּ מיט אַ טיפער באַפרידיקונג: דאָ האָט ער דורכגעלעבט עפּעס, וואָס גייט נישט פאַרלוירן, וואָס איז נישט אויסצומעקן, ווי אַלץ, וואָס איז עכט און גייסטיק אינטים.

איציק מאַנגערס לידער פון „דעמערונג אין שפּיגל", יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געפאָרן", יחיאל לערערס „מיין היים"...

ווען איך האָב זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורכן זאַמדיקן ווינט פון אונזער ליטעראַטור־לעבן פאַרן לעצטן יאָר, איז מיר נאָך עפּעס געפעלן געוואָרן, נאָך עטלעכע עפּעסן. אָבער איצט, מיין געדאַנק, ווען דו מאַכסט דורך דעם וועג אויף צוריק, וויל איך אויף דיר גאָרנישט אַרויפצווינגען: נישט די קאָרעק־

טור פון מיין באַוואוסטזיין, נישט די מילדקייט פון שוואַכע מאָמענטן, נישט די אוטיליטאַרע איינרעדענישן, — איך וויל זיך צוקוקן פון א זייט, ווי דו רעאַגירסט אינם דראַנג פון דיין אומגעצוואונגענער סימפּאַטיע, פון דיין אינטימער צוגעבונדנ־קייט. כ׳וויל זיך צוקוקן און הנאה האָבן פון דיין אוממיטלבאַרן זיכערן אורטייל, וואָס איז האַרט און גערעכט לגבי די דורכ־געלייענטע ביכער, ווי לגבי די דורכגעלעבטע טעג.

ביים דורכשלאָגן זיך דורכן לעבנס־וועג קאָנען זיין טעותן, — ווען מען מאַכט דורך דעם וועג אויף צוריק, מיטן פרייען געדאַנק, מיטן פרייען געפיל, זענען קיין טעותן נישט מעגלעך. דאָס, וואָס בלייבט אין געמיט אַלס איבערגעלעבטער פעסטער פונקט, איז אויף אַן אמת איבערגעלעבט געוואָרן.

און איז ווערט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט צו ווערן.

וואַרשע, 1938 אָדער 1939.

ווייַן און עסיק

ווי פאַרשידן עס זענען דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און דער שאָוויניזם!

נישטאָ עפּעס פאַלשערס, ווי די גאַווהדיקע פאַרזיכערונג פון שאָוויניזם, אַז ער רעפּרעזענטירט אין דער ריינסטער פאָרם דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַז ערשט אין אים קומט דאָס נאַציאָנאַלע צום אמתן, פולן באַוואוסטזיין.

מיטן זעלבן רעכט קאָן דער עסיק זאָגן, אַז ערשט ער רעפּרעזענטירט די אמתע קראַפט פונם ווייַן.

דער שאָוויניזם איז טאַקע אויסגעוואָקסן פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אָבער נישט ווי אַ דערפילונג, אַ פאַרפולקאָמונג, נאָר אויפן זעלבן אופן, ווי עסיק שטאַמט פון ווייַן. אַז דער ווייַן ווערט זויער, פאַרוואַנדלט ער זיך אין עסיק.

עסיק איז אַ דעגענערירטער ווייַן; שאָוויניזם — דעגענע־רירטער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין.

נישט קיין ווייטערע, העכערע אַנטוויקלונגס־שטופע, נאָר אַ כעמישע דעגראַדאַציע.

באַזונדערס בולט איז צו זען די גרונט־פאַרשידנקייט צווישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און שאָוויניזם, ווען מען באַטראַכט דעם אופן פון זייער רעאַגירן, דעם אופן פון זייער אַקטיוויטעט.

דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין איז געווענדט אויף אינע־ווייניק, דער שאָוויניזם — אויף אויסן. דער נאַציאָנאַלער באַ־וואוסטזיין האָט ליב זיין שפּראַך און קולטור; דער שאָוויניזם האָט פיינט יענעמס. דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין לעבט זיך אויס אין קרייז פון זיין קולטור שטיל און אינטים, ווי מיט אַ געליבטער פרוי; דער שאָוויניזם האָט ליב פּאַראַד און טומל־דיקן לוקסוס, ווי מען פירט זיך מיט אַ טייערער קאָקאָטע: דער גענוס איז נישט אַזוי ווייט אַן אינערלעכער, אַ אינטימער, אַ גייסטיק־נויטבאַדערפטיקער און נאַטירלעכער, ווי דאָס אָטעמען,

נאָר אַ דרויסנדיקער, אַ פֿאַראַדמעסיקער, אַ היסטעריש־איינ־געדעטער.

דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין וויל זיך אויסלעבן; דער שאָוויניזם וויל יענעם נישט לאָזן לעבן.

די אויסערלעכקייט פונם שאָוויניזם און די אינערלעכקייט פונם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין איז בולט צו זען אין היינטי־קער צייט, ווען דער שאָוויניזם פייערט אַזויפיל נצחונות און אַרגיעס אונטערן נאָמען פון אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין.

די אויסערלעכקייט פון שאָוויניזם קומט בולט צום אויס־דרוק נישט נאָר אין זיין קאַמף קעגן אַנדערע, אין זיין היפּער־טראָפּירטער שנאה צו יענעם, נאָר אויך — און, אפשר, דער עיקר — אין דער קנאַפּער קראַפט זיינער איבערצוטראָגן אַ דרוק פון אויסן, אין זיין אומפעאיקייט צו ברענגען קרבנות. דער שאָוויניזם איז שטאַרק און גרויס־מויליק בלויז דאַן, ווען ער האָט די מעגלעכקייט צו אָנטון געוואַלט יענעם, אָבער ווען אים גופא קומט אוים אויסצושטיין געוואַלט, פעלט אים דער מינימום אינערלעכע קראַפט, וואָס איז נויטיק פאַר יעדן ווידער־שטאַנד.

הונדערטער יאָרן האָט דאָס טשעכישע נאַציאָנאַלע באַ־וואוסטזיין געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דייטשע פאַרגוואַל־טיקער, — אָבער די האַכאַס און כוואַלקאָווסקיס, די גאַידאַס און די באַטאַס, וואָס האָבן געהאַסט און באַקעמפט, אין נאָמען פון אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, מאַסאַריקס און בענע־שעס דעמאָקראַטיזם, האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק פון געוואַלט קיין איין טאָג: גלייך צומאָרגנס נאָך מינכען האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אויפן בויך פאַר די פאַרגוואַלטיקער, אָנ־גענומען קליינמוטיק אַלע זיינע פאָדערונגען.

און נאָר די טשעכן? האָבן דען די פוילישע ענדעקעס־שאָוויניסטן געהאַנדלט אַנדערש לגבי די רוסישע אָקופּאַנטן? און די אונגאַרישע? און די יוגאָסלאַווישע? זענען זיי דען נישט גרייט צו פלאַצן, ווי אָנגעבלאָזענע פּענכערס, ביים ערשטן שטאָך פון ערשטן באַגנעט?

ווי נאָר דער שאָוויניזם פאַרלירט די מעגלעכקייט צו

באגיין געוואלט, פארלירט ער יעדע לעבנס־מעגלעכקייט, ווייל ער פארמאָגט נישט קיין אינערלעכן האַרטן קערן, וואָס קאָן אויס־האַלטן דעם דרוק פון יאָרהונדערטער, ווי דאָס פאַרמאָגט דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין.

וואָס פאַר אַ הערלעכע קאַפּיטלען דאָס נאַציאָנאַלע באַ־וואוסטזיין האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע, און וואָס פאַר אַ שענדלעכע — דער שאָוויניזם!

דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין האָט אַרויסגעוויזן זיין אינערלעכע רייכקייט און קראַפט, ווען אים איז אויסגעקומען צו ליידן פון אונטערדריקונג אין משך פון דורות; דער שאָ־וויניזם ווייזט אַרויס זיין אינערלעכע פּוסטקייט גלייך אין ערשטן מאָמענט, ווען ער פאַרלירט די מעגלעכקייט צו אונטער־דריקן.

וואַרשע, 1939.

אינערלעכע קנעכטשאַפט

אין ווילנע איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג דער וועלט־באַרימטער יידישער נערוון־דאָקטאָר און מאַרך־פאָרשער פּראָפעסאָר מ. ראָזע.

דער פאַרשטאָרבענער האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן און זיין וועג צו וועלט־באַרימטקייט איז נישט געווען אויסגעלייגט מיט טעפּיכער. אין דער יוגנט האָט ער געהערט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געקעמפט פאַר אַ פריי, גערעכט פּוילן. שפּעטער גיט ער זיך איינגאַנצן אָפּ מיט זיינע וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן און ווערט ענדלעך דער פירער פון בערלינער אינסטיטוט צו פאָרשן דעם מענטשלעכן מאַרך. זיין נאָמען ווערט וועלט־באַרימט, ער נעמט מער נישט קיין אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער זיין טיף געפיל פאַר פּוילן בלייבט פריש און שאַרף. ווען דייטשלאַנד שפּייט אויס פון זיך דאָס בעסטע, וואָס זי פאַרמאָגט, מוז אויך פּראָפעסאָר ראָזע זוכן אַ נייעם אַרבעטס־געביט; און הגם די גאַנצע וועלט איז געווען אָפן פאַר אים, קערט ער זיך אום קיין פּוילן, וואו ער ווערט פּראָפעסאָר אין ווילנער אוניווערזיטעט.

פּראָפעסאָר מ. ראָזע, וואָס איז געווען אַ גרויסער געלערנטער און — לויט דער עדות פון אַלע פריינט זיינע — אַ מענטש מיט אַ זעלטן־גוטן און איידעלן כאַראַקטער, איז געווען דורך און דורך אַסימילירט. ער האָט זיך באַטראַכט פון יוגנט אויף אַלס פּאָליאַק. און אָט, קומענדיק קיין פּוילן, טרעפט ער אָן אויף אַ געדיכטער פיינטלעכער אַטמאָספער, באַזונדערס מצד דער יוגנט, וועלכע ער לערנט, וועלכער ער גיט אָפּ זיין וויסן. אמת, פּילסודסקי טרויט אים אָן, אין זיין באַרימטער צוואה, זיין מאַרך, אָבער די פּוילישע יוגנט טראָגט אים אַנטקעגן אַ פלאַמיקע שנאה און אַ פאַראַכטנדיקע באַציאונג. געוויס, נישט די גאַנצע, אָבער די, וועלכע שאַפט די אָפיציעלע אַטמאָספער,

ביי וועלכער עס ליגט די נישט־געשריבענע גוזעצגעבערישע מאַכט.

פּראָפעסאָר ראָזע ליידט פון דעם; ער לעבט וויטיקדיק איבער די אומרעכט־פאַרפליצונג, וואָס פאַרטרינקט דאָס פּוי־לישע לעבן און רייסט עס אין קעסל־גרוב פון מאָרד און כאַ־מישקייט; זיין האַרץ האַלט נישט אויס די לעצטע פּראָבע: ער, דער וועלט־באַרימטער פאָרשער, וועלכער האָט מקריב געווען זיינע גרעסערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר זיין ליבע צו פּוילן, ער מוז צוזען פון דער פּראָפעסאָר־קאַטעדרע, ווי ז י י ן טאָכ־טער מוז שטיין אויף ז י י נ ע לעקציעס, ווייל די פאַרווילדעטע ענדעקישע יוגנט, די נישט־אָפיציעלע גוזעצגעבער פון פּוילישן לעבן, וויל אומבאַדינגט אַריינשפּאַרן די יידישע יוגנט אין אַ געטאָ. דער פאָטער מעג נאָך האַלטן לעקציעס, אָבער די טאָכ־טער טאָר זיי שוין נישט הערן זיצנדיק אָן אַ געלער לאַטע.

* * *

געוויס, אַ פאָטער מוז אין אַזאַ פאַל איבערלעבן אַ טראַ־געדיע. אָבער מיר זעען דערין נישט נאָר אַ טראַגעדיע, נאָר אויך אַ שאַנדע, אַ סימן פון קנעכטשאַפט.

מיר האָבן טענות — און גערעכטע טענות! — צו דעם רוב ליבעראַלע פּוילישע פּראָפעסאָרן, וועלכע נעמען אויף די לאָבוסעוואַטע, פאַרברעכערישע, ריין־קרימינעלע שטיק פון דער ענדעקיש־היטלעריסטישער סטודענטנשאַפט אָן אַ קאַמף, אָן אַ העפטיקן ווידערשטאַנד; און מיר זענען באַגייסטערט פון די איינצלנע פּוילישע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן געלאָזט הערן זייער שאַרף וואָרט פון דער קאַטעדרע אַראָפּ, ווי פּראָפעסאָר מי־כאַלאָוויטש, אָדער וועלכע האָבן געפּאַטשט די ענדעקישע סטו־דענטן, ווי פּראָפעסאָר ליפּינסקי. אָבער ווי זאָלן מיר זיך באַ־ציען צו יידישע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן מיט וואָרט און טאַט קעגן דער ביישפּיל־לאָזער העצע? און ווי זאָלן מיר זיך באַציען צום שוויגן פון אַזעלכע פּראָפעסאָרן, ווי ראָזע, וועמענס וואָרט עס וואָלט גע־הערט געוואָרן וויט־וויט איבער די גרענעצן פון לאַנד? ווי טיף עס מוז זיין פאַרוואָרצלט די קנעכטשאַפט אין דער אַסי־

מיליטער יידישער אינטעליגענץ, אויב אַ יידישער פּראָפעסאָר שעמט זיך נישט צו האַלטן לעקציעס פאַר די זיצנדיקע ענדעקאָ־היטלעריסטן, בעת זיינע יידישע צוהערער זענען געצוואונגען צו שטיין מיט צעשפּאָלטענע קעפּ! ווי טיף עס מוז זיין די קנעכטשאַפט אין אַ מענטשן, אויב ער שעמט זיך נישט אָנצונעמען שווייגנדיק די עוולה בנוגע זיין טאָכטער! האָט ער דען נישט געדאַרפט, לכל הפחות, דערקלערן, אַז ביי זיך אויף די לעקציעס וועט ער אַזוינס נישט דערלויבן? האָט ער דען נישט געדאַרפט בעסער אויפגעבן זיין פּראָפעסאָר־אַמט, איידער אַקצעפּטירן שווייגעוודיק די געטאָ פאַר זיין טאָכטער?

געוויס, פּראָפעסאָר ראָזע האָט איבערגעלעבט אַ שטילע טראַגעדיע. אָבער נישט אַלע שטילע טראַגעדיעס זענען איידל, רירנדיק און דערהויבנדיק. פּראָפעסאָר ראָזעס שטילע טראַגעדיע געהערט צו די, וועלכע זענען אַ שאַנדע, וועלכע זענען אומפאַרגעבלעך, ווייל זייער וואָרצל ליגט אין אַ קנעכטשאַפט־קאָמפּלעקס.

אויב מיר פילן אַ פאַראַכטונג צו די ליבעראַלע פּוילישע פּראָפעסאָרן, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַ באַראַטונג, כדי אָנצוהויבן אַן אַקטיוון קאַמף קעגן דער געטאָ־שאַנד און — זייער שוויינגן, זיי לאָזן זיך טעראָריזירן, — פילן מיר אַ צענפאַכע פאַראַכטונג צו אַזעלכע, ווי דער פּראָפעסאָר ראָזע, וועלכער האָט אָפּגעגעבן די היטלער־ענדעקעס זיין וויסן, פאַר די אויגן פון זיינע שטייענדיקע ברידער און פאַר די אויגן פון זיין שטייענדיקער טאָכטער.

וואַרשע, 1937.

מיניאַטורן פון פערמאַנענטן פּאָגראָם

1. די הינט און די סאַרנע

אַ גאַס אויף דער גרענעץ פון גויאישן און יידישן קוואַר־טאַל אין וואַרשע. ברייטע טראָטואַרן. סוף ווינטער. לענגאויס די טראָטואַרן־ראַנדן צונויפגעלייגטע בערגלעך פאַראייזטן שניי, שוואַרץ פון גאַסן־שטויב און סאַזשע, רעגלמעסיק ווי פּאָסטאַ־מענטן פאַר דענקמעלער. אויף איינעם פון די דאָזיקע בערגלעך שטייט אַ יידיש יינגל, מיט אַ יידיש היטעלע. דערשראָקן, פאַר־לוירן. די שרעק און דער פאַרלאַנג זיך צו שיצן האָבן אים דאָ פאַרטריבן. פאַרביי דעם פאַראייזטן פּאָסטאַמענט גייט דורך אַ פּוילישע שולע. קליינע יינגלעך פון 8 ביז 13 יאָר. ווי זיי וואָלטן דורכגעפירט אַ דעפילאַדע פאַרן דאָזיקן קינד אינם יידישן היטעלע, מיטן קאַפּאָטקעלע, ווי זיי וואָלטן דורכגעמאַכט אַ צע־רעמאָניאַל. יעדער רייסט זיך, ביים פאַרבייגיין, פון די דיסציפּ־לין־האַלאַבליעס, אָבער צוריקגעהאַלטן דורכן נישט אָפּגע־שטעלטן מאַרש, הויבן זיי כאָטש אויף די פויסטן, שטשירען די ציין, וואַרפן זידל־ווערטער. קיין איינער שטייט נישט אָפּ, אַלע מאַכן דורך דעם דאָזיקן שוידערלעכן ריטואַל, יעדער פון זיי דערפילט זיין פליכט, ווי מען רעדט אים איין טאָג־טעגלעך אין שטוב, אין שול, און ווער ווייס וואו נאָך. (זענען דאָך דאָ געהיימע שילער־בונדן אויף צו קעמפן מיט יידן). וואָס פאַר אַ דינאַמישע כוואַליע פון האַס און פאַרווילדונג! ווי זי רייסט זיך פון די דיסציפּלין־ראַמען, ווי זי וואָלט גערן זיך געוואָרפן אויפן קינד און צעריסן, צעדעפּטשעט.

עס דערמאָנט זיך, נישט ווילנדיק, אַ באַקאַנט סקולפּטור־בילד: אַ סאַרנע אויף אַ בערגל שטיינער; הינט רינגלען זי אַרום און רייסן זיך פון אַלע זייטן, גרייט צו צערייסן, איינ־געהאַלטן בלויז פון די רימענס אין יעגערס האַנט.

און די לערערס זענען געגאַנגען ביי דער זייט, און די דורכגייער האָבן געקוקט ווי אויף דער נאַטירלעכסטער זאַך: סיי קריסטן, סיי יידן.

אין דער דאָזיקער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פּאַר זיי און פאַר אונז ליגט די גאַנצע טראַגעדיע פון אונזער צייט און פון אונזער גורל. אָט אַזוי וואַקסן צוויי דורות: איינער — צוגעוואוינט צו באַפאַלן; דער צווייטער — צוגעוואוינט באַפאַלן צו ווערן...

2. דאָס קינד שפּילט זיך מיט דער מוטערס בלוט...

אַ יידישע גאַס אין וואַרשע. צוויי מאַטראָזן, ריזיקע ים־וועלף, שפּאַצירן. פאַר זיי שטופּט אַ יידישע פרוי אַ וועגעלע מיט אַ קינד פון אַ אַנדערטהאַלבן יאָר. די מאַטראָזן איז, ווייזט אויס, אומעטיק, ווייל אָן ליידנשאַפט, נאַכלעסיק הויבט איינער אויף די ריזיקע האַנט און גיט אַ זעץ דער פרוי אין קאָפּ אַריין. זי פאַלט אויפן ברוק, אויף אַ שפּיציקן שטיין. בלוט באַפאַרבט די גאַס, דעם אָראַפּגעפאַלענעם פרויען־הוט.

די יידישע גאַס, באַזייט פון מענטשן אין וואַרעמען, גלי־איקן זומער־פאַרנאַכט, רוישט ווי אַ בינשטאָק. מען הויבט אויף די פרוי. מען הויבט אויף דעם פאַרבלוטיקטן הוט און מען לייגט אים אַריין אין קינדס וועגעלע. דאָס קינד שפּילט זיך מיט דער מאַמעס בלוט אויפן הוט (וואָס ווייס אַ קינד וועגן אונזער וועלט?) און די מאַטראָזן גייען ווייטער נישט געאיילט, געלאַסן, געלאַנגווייל, נאָכן נצחון אויף דער יבשה...

און די גאַס יידן רוישט און לויפט נאָך. עס איז נאָך נישט 1937, נאָר 1928, — לויפט מען נאָך מיט דראָאונגען און געשרייען נאָך גערעכטיקייט. אָט לויפט אָן אַ יונגער בחור, כאַפּט אַרויס ביי אַ ייד דעם אומטעטיק אויפגעהויבענעם שטעקן און פאַרמאַכעוועט זיך. אָט דער וועט שוין דערלאַנגען — אָבער ווי אַ כישוף וואָלט געווירקט: די האַנט מיטן אויפגע־הויבענעם שטעקן בלייבט פאַרגליווערט אויך אין דער יונגער האַנט.

אַ גאַס יידן רוישט, אַ גאַס יידן באַגלייט מיט יידישן טומל די געמאַסטענע טריט פון צוויי ריזיקע ים־וועלף.

און אַ יידענע, אַן אַלטע איינגעהויקערטע באָבע, גיט אַרוים מיט איר אָנצייניקן מויל אַ פאַרניכטנדיקן אורטייל איבער דער גאַס יידן:

— אַ גאַנצע גאַס מיט מאַנסבילן, אַז אָך און ווײ...

איך כאַפּ צוריק אַריין מיין קאָפּ, וואָס ליגט אַרויסגעשטעקט פון דריטן שטאָק און זעט אַלץ, וואָס קומט פאָר. די אַלטע שטרענגע ריכטערין, די יידישע באָבע, קאָן מיך נישט זען, דערגרייכן צו מיר אוודאי נישט — אָבער דאָך דאַכט זיך מיר, אַז מיין פּנים פלאַמט פון אַ פאַרניכטנדיקן פּאַטש.

די גאַנצע ניין יאָר, וואָס איך קוק זיך צו צום פּערמאַנענטן קאַלטן און הייסן פּאָגראָם, קאָן איך זיך נישט באַפרייען פון פּאַטש, וואָס אַן אָנצייניק באָביש מויל האָט מיר אַרויפדערלאַנגט אַזש אויפן דריטן שטאָק...

די קלעפּ, וואָס איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל באַקומען פון כוליגאַנעס, זענען געווען ווייניקער ווייטיקדיק...

וואַרשע, 1937.

העלדישקייט

(אויף פּוילישע מאָטיוון)

פאַראַן אַ העלדישקייט, וועלכע קיינער באַמערקט נישט, ווייל זי וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, ווייל זי ווייס אַליין נישט וועגן זיך. אַזאַ אומבאַגריפענע, גרויע העלדישקייט באַווייזן טאָג־טעגלעך טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יידן און יידענעס אין פּוילן.

אפשר מיינט איר, אַז זיי ענטפערן די כוליגאַנעס מיט קלעפּ אויף קלעפּ, מיט אונטערצינדונגען אויף אונטערצינדונגען, מיט מעסערס אויף מעסערס? ניין, דאָס גראָד נישט (אַ חוץ אין זעלטענע, זייער זעלטענע פאַלן). נישט די דאָזיקע העלדישקייט מיין איך. ווען אַ ייד שטעלט זיך פיזיש אַנטקעגן, גייט די דאָזיקע העלדישקייט שוין גראָד נישט אַדורך אומבאַמערקט: עס באַלויכטן זי שריפות, פּאָגראָמען, פּראָצעסן. איך מיין אַן אַנדער העלדישקייט: די העלדישקייט פון די דאָרפגייער, פון די הענדלער און בעל־מלאכות.

איך זע, ווי איר שמייכלט, מיינע ווייטע לעזער. אַ דאָרף־הענדלער — אַ העלד בלויז דערפאַר, ווייל ער גייט אין דאָרף, ווייל ער גייט איבער שליאַכן, אויסגעמאָסטענע, ברוקירטע, ציווילזירטע, צווישן איין מענטשלעכן ישוב און אַ צווייטן? יאָ, אַ העלד, און אַ סך אַ גרעסערער, ווי די זעלנער אין אַ קריג.

דער זעלנער גייט אויפן פראָנט מיט געווער אין דער האַנט, מיט אַרטילעריע אין רוקן, מיט אַעראָפּלאַנען פון אויבן, — ער פילט זיך נישט הילפלאָז, אויף הפקר. און דער זעלנער ווייס: אויב די קויל וועט אים אויסמיידן, קאָן ער אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, וואו מען וועט אים נישט פאַררעכענען צום שלעכטן זיין טראָגן געווער, זיין קעמפן פאַרן אייגענעם לעבן קעגן יענעמס; ווי גרויליק עס זאָל נישט זיין דער גורל

פון א זעלנער — פסיכאָלאָגיש איז ער נישט דערדריקט. ער פילט זיך נישט מינדערוועטיק לגבי דעם שונא — אדרבה, ער האָפט אויף נצחונות, אויף לאָרבער־קרענץ.

אָבער דער דאָרף־גייער, דער יידישער דאָרף־גייער אין פוילן? ער גייט אויך אויף א פראָנט, אין א קריג, אָבער אין א אייגנזייטיקן: באוואָפנט איז בלויז דער קעגנער. און נישט נאָר ער, דער יידישער דאָרף־גייער, איז נישט באוואָפנט — ער טאָר נישט זיין באוואָפנט. כאַפט מען אים אין דאָזיקן קריג מיט געווער אין דער האַנט — אפילו אין דער פאָרם פון א שטעקן, קאָן ער אויף קיין רחמנות נישט האָפן. ער איז נישט קיין גלייכבארעכטיקטער שונא — נאָר א פאַסיווער אָביעקט פון קריג.

און דער קריג לויערט אויף יעדן ראָג, אויף יעדן וויאָרסט פון שליאַך. דער דאָרף־גייער קאָן וואָכן־ און חדשים־לאַנג ארומגיין אומגעשטערט, אָבער יעדע מינוט דאַרף ער זיין גרייט אויפצונעמען א זידל־וואָרט, א שטיין, א מעסער פון יעדן איינעם, וואָס וויל, וואָס האָט חשק אויפצוהויבן אויף אים א האַנט. און דער דאָרף־גייער טאָר נישט ענטפערן, ווייל ווי צו אים און צו זיינע מיט־ברידער. ער איז הפקר, אויסגעליפערט דעם גוטן ווילן פון יעדן כוליגאַן.

די נערוון פון וואָס פאר א העלדישער ארמיי וואָלטן אויס־געהאַלטן אזא פראָבע? וואָס פאר א ארמיי וואָלט נישט ארומ־געכאַפּט געוואָרן פון א זעלבסטמערדערישער פּאַניק? אָבער די ארמיי פון די יידישע דאָרף־הענדלער האַלט אויס, זי הויקערט זיך איין און — גייט, זי גייט אַנטקעגן שטיינער, מעסערס, זידל־ווערטער און עמערס חוזק און שפּאָט, — זי גייט פאר־ביסן, פאַרעקשנט פאָראויס, דערפילנדיק איר פליכט לגבי די קינדער, לגבי דעם מאַן און דער פרוי, לגבי דעם הייליקן רעכט אויפן אייגנעם לעבן.

ווען איך זע די דאָרף־גייער, ווען איך זע דאָס יידישע היטעלע אויף א הויף מיט קריסטן, אין א טראַמוויי, — וויל איך ארונטערנעמען מיין מאָדערנעם קאַפּעליוש פאר זייער פּאַ־סיווער העלדישקייט, פאר די אייזערנע נערוון, וואָס דערלאָזן נישט צו קיין פּאַניק, פאר דער פליכט־טרייקייט, וואָס האָט

אפשר קיין גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע קאָ־לעקטיוון.

זיי גייען, די דאָרף־גייער, מיט געבויגענע רוקנס און הכנעהדיקע בליקן, אָבער הינטער די אויסערלעכע בליקן, הינטער די געבויגענע רוקנס איז אַ הערלעכע וועלט פון אומגעבראָכנ־קייט, קיין סימן נישט פון מינדערוווערטיקייטס־געפיל. פאַר־קערט — אַ געפיל פון גערעכט־זיין און פאַראַכטונג.

ווען מיר, די יונגע דורות, וואָלטן געגאַנגען מיט דער זעלבער אומגעבראָכנקייט אויף אונזערע וועגן, ווי זיי, די אָפּגעלעבטע דאָרף־גייער אויף זייערע — דער נצחון וואָלט זיכער געווען אונזערער. נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך, וואָס זאָל קאָנען ברעכן אַ גייסט, וואָס איז נאָך נישט איינגע־בראָכן.

עס ווילט זיך מיר זינגען אַ הימן פאַר דער גרויער, אומ־באַמערקטער העלדישקייט פון די יידישע דאָרף־גייער און יאַריד־פאָרער אין פוילן, — זאָלן זיי צונעמען מיין שטאַמלענדיקע אָנערקענונג!

וואַרשע, 1936.

נײַן בלינדע קינדער

פֿאַראַן געשעענישן, וואָס דער מענטש שטייט פֿאַר זיי הילפֿלאָז און זײַן מענטשלעכער באַדערפֿעניש זיי אויסצודריקן, פֿאַרוואַנדלען אין טראַגיק דעם אומזין. דער מענטש פֿילט בשעת מעשה, אַז זײַן שפּראַך איז צו אָרעם פֿאַר די דאָזיקע אוממענטשלעכע געשעענישן. אדרבה, זייט אַ בריה און דריקט אויס אין ווערטער די געשלאָסענע קייט פֿון פֿאָלגנדיקע געשעענישן: די נאַציס האָבן סיסטעמאַטיש צעשטערט די יידישע געשעפֿטן, געהייסן די יידן אויסרעמאָנטירן אַלע אָנגעמאַכטע שאָדנס, כּדי זיי צו קאָנען צונעמען בײַ זיי, בײַ די יידן, אין אַ גוטן צושטאַנד. אומזיסט וועט איר זוכן ווערטער. אומזיסט וועט איר פּרוּוון אויסדריקן אײַער געפֿיל אין אַ וואָרט־אויסגוס, וואָס וועט אַרויסרופֿן אַ שום אויף אײַערע ליפּן, — איר וועט קיין געהעריקן אויסדרוק פֿאַר דעם נישט געפֿינען.

דער מענטש איז דאָ הילפֿלאָז: נאָך ווייניק, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרמײַדן דעם אומזין, קאָן ער אים אויך נישט אויסוויטיקן אין באַפֿרײַענדיקן וואָרט־אויסדרוק. און דער הילפֿלאָזער מענטש פּרוּווט זיך העלפֿן דורך אויפֿציילן און איבערציילן אַלע איינצלהייטן פֿון די דאָזיקע געשעענישן, ביז זײַן ווייטיק ווערט דערדריקט דורך זיי, דורך זייער זינלאָזער פֿולקייט, דורך זייער גרויזאַמער כאַאָטישקייט. און אין אַזעלכע פֿאַלן בענקט מען נאָך אַ גרויסן דיכטער, וואָס זאָל שאַפֿן — ווי אַן אינזעלע אין אָפֿענעם ים — אַן אָנהאַלטס־פּונקט פֿאַר דער פֿאַרלוירנקייט, אַן אָנהאַלטס־פּונקט כאָטש פֿון וואָרט־אויסדרוק, פֿון פֿאַרפֿייניקטער טראַגיק.

צוויי מאָל אין אונזער יידישער געשיכטע — פֿאַר דער לעצטער צײַט — האָב איך געבענקט נאָך אַזאַ אויסדרוק־גאולה: בעת דער וועלט־מלחמה און בעת די נאַצי־פּאָגראָמען.

דאַן האָב איך געוואַרט אויף ביאַליקס אַ וואָרט, היינט — אויף וועמענס?

עס טרעפט אָבער, אַז פון דעם באַרג פאַקטן, וואָס דער־דריקן מיט זייער אכזריות און ציניזם, מיט זייער גרוויליקער אוממאָראַלישקייט און האַרצלאָזיקייט, טיילט זיך אויס איין פּרט, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ נאַטירלעכע סימבאָלישע אויס־דרוק־קראַפט, פּונקט ווי אַ בריליאַנט פאַרמאָגט אייגענע אויס־שטראַלונג. דער דאָזיקער פּרט מאָנט נישט קיין וואָרט־אויס־דרוק, ווייל ער פאַרמאָגט אים אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס שטאַרקסטע דיכטערישע וואָרט, — ער פאַרמאָגט אים נישט נאָר פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע געשעענישן.

אַזאַ פאַקט איז אינם ים נאַצישע פּאָגראָם־פאַקטן די גע־שיכטע מיט די ניין בלינדע יידישע קינדער פון ווין, וועמען מען האָט אַרויסגענומען פון אַ קינדערשן בלינדן־היים, מען האָט זיי — אָן אַ פירער אפילו! — אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן און געלאָזט פאָרן צו דער גרענעץ. אויפן וועג, נישט ווייט פון דער דייטש־פּוילישער גרענעץ, איז דער וואַגאָן אַראָפּ פון די רעלסן. די בלינדע קינדער זענען, ווי בלינדע אונטערגעוואָר־פענע קעצלעך, געקראָכן, געגאַנגען, און קיינער האָט זיי קיין הילף נישט געגעבן, — אין נאַצי־רעזשים קאָן טייער קאָסטן יעדן איינעם, וועלכער וועט זיך דערוועגן גיין קעגן רעזשים און העלפן בלינדע יידישע קינדער. ערשט ווען זיי האָבן זיך ווי נישט איז דערשלעפּט צו דער פּוילישער זייט, האָבן פּוילישע באַן־אַרבעטער זיי אויפגענומען מיט נאַטירלעכער מענטשלעכ־קייט. אין פּוילן קאָנען נאָך מענטשן האַנדלען מענטשלעך אפילו לגבי יידן — קיין געריכטלעך־שטראָפּבאַר פאַרברעכן איז דאָס נאָך נישט דערוויל. העכסטנס קאָן מען דערפאַר באַקומען אַן אויסרייד, אַ פאַראַכטונגס־אויסרייד מצד די עקסטרעם־אַנטי־סעמיטישע צייטונגען.

* * *

זאָל די וועלט־פּרעסע, וואָס שטורעמט קעגן דייטשלאַנדס באַרבאַריזם, אויפהערן צו פאַרוואַרפן די לייענער מיט אָן אַ שיעור איינצלהייטן פון דער אינקוויזיציע, — זיי וועלן אַלע

פּרטים סײַ ווי נישט אויסשעפּן און די לייענער וועלן בלײַבן צעטומלטע פון דעם דאָזיקן ריזיקן אומזין.

זאָלן די יידישע און ענגלישע צײַטונגען אויפהערן צו שרײַבן לייט־אַרטיקלען, וואָס וועלן סײַ ווי נישט געפינען די פּאַסיקע ווערטער אויף צו שטעמפּלען דאָס אומגעהײַערע, וואָס קומט פאָר אין נאַצי־דײַטשלאַנד. זאָלן זיי בלויז באַשרײַבן די געשיכטע מיט די נײַן בלינדע קינדער פון ווין, — דאָס איז גענוג, כּדי צו געבן דער וועלט אַ בילדלעך־בולטע פאָרשטעלונג וועגן דעם א י נ ע ר ל ע כ ן פּרצוף פון נאַצי־דײַטשלאַנד. מאַכט נישט מיד די וועלט מיטן ים בלוטיק־זינלאָזע פּרטים, — די בלינדע קינדער וועלן אַנטפּלעקן פאַר אַלעמען, ווי דורך אַ בליץ, וואָס נאַצי־דײַטשלאַנד שטעלט פאָר מיט זיך. דער אײַנפאַכסטער מוח און דאָס האַרטסטע האַרץ וועט עס באַגרײַפן: אַ רעזשים, וואָס וואַרפט אַריבער איבער אַ גרענעץ בלינדע קינדער, אַ רעזשים וואָס פאַרווילדעט איין טייל בירגער אויף אַזוי ווײַט, אַז זיי פירן אויס אַ ז ע ל כ ע באַפעלן מיט בלינדער גרייטקייט, און די צווייטע העלפט טעראָריזירט ער אויף אַזוי ווײַט, אַז זיי דערוועגן זיך נישט צו זײַן עלעמענטאַר־מענטשלעך, — אַזאַ רעזשים איז חייב מיתה.

* * *

לאָמיר אויסנוצן דאָס סימבאָלישע אויסדרוק־געווער, וואָס נאַצי־דײַטשלאַנד האָט אונדז געליפערט. פאַרטרינקט נישט אין ווירקונגסלאָזע, אויסדרוקלאָזע באַשרײַבונגען דעם גראַנדיעזן סימבאָל פון נאַצי־רעזשים — די געשיכטע וועגן די נײַן בלינדע קינדער פון ווין.

די בלינדע קינדער וועלן זעעוודיק מאַכן די וועלט; נאָך מער: זיי וועלן, אַלס סימבאָליש־אויסדרוקפולער פּרט, אַרײַן אין די געמיטער, דאָרט, וואו עס געפינען זיך די באַוועג־רעדער פון ווילן, — פון ווילן, וואָס טרײַבט צו מעשים, ווען ער גופא ווערט געטריבן דורך אויפגעשטורעמטער פאָרשטעלונגס־קראַפט.

וואַרשע, 1937.

דער שליח ציבור

איז דען דאָ אַ מעגלעכקייט צונויפצוזאַמלען און פאַרציי־כענען אַלע פּרטים און פאַקטן פון דער טראַגעדיע פון פּוילישן יידנטום?!

לאָמיר־זשע זוכן הילף ביים מעטאָד פון שליח ציבור: מיר וועלן דערציילן איינצלנע פאַקטן, שילדערן איינצלנע גורלות, וועלכע וועלן רעפּרעזענטירן דעם גורל פון הונדערטער טויזנטער, פון מיליאָנען. נאַטירלעך — נישט אַלע פון די מיליאָנען האָבן איבערגעלעבט פּיזיש דאָס זעלבע, וואָס דער שליח ציבור, אָבער איבער די אַלע מיליאָנען הענגט דער קאָשמאַר פון זעלבן גורל. זיי אַלע זענען געשטעמפּלט, אַלע רייף פאַרן דאָזיקן גורל: מאָראַליש איז די מיליאָנען געשען דאָס זעלבע, וואָס דעם שליח ציבור. עס איז גענוג צו באַקענען זיך מיטן גורל פון אַ פּוילישן ר׳ ישראל, כדי צו קענען דעם גורל פון כלל ישראל.

* * *

אין איינער אַ קעלער־שטוב אין האַלב־חרובן וואַרשע, האָט געוואוינט אַ זעכציק־יאָריקער ייד. ער, אַ ווייב און קינדער. איינמאָל, ווען ער איז געשטאַנען אין זיין קעלער־שטוב און אָנ־געהאַקט האָלץ צום הייצן, איז אַריינגעקומען אַ דייטשער זעל־נער, היטלערס אַ זעלנער, און גענומען דעם יידן צו אַרבעט.

איז דער גאַנצער טאָג אַוועק אויף אַרבעט פאַר פרעמדע. גראָבע, אָנגעפּרעסענע און אָנגעזויפטע לייִדאַקעס האָבן געהיט, דאָס אַלטע, זעכציק־יאָריקע יידעלע זאָל, חס ושלום, נישט אָפּנאַרן דעם פירער און דאָס פאָטערלאַנד: מיט קלעפּ האָבן זיי געהיט, אַז דאָס יידעלע זאָל גוט אַרבעטן. זיי האָבן אים אפילו קיין עסן נישט געגעבן, כדי די צייט זאָל נישט אַוועקגיין אויף נאַרישקייטן.

דער טאָג איז פאַרביי. דאָס קליינע, פאַרמאַטערטע און

פאַרפייניקטע יידעלע האָט שוין געטרוימט, ווי וועגן אַ גן־עדן, וועגן זיין קעלער־שטוב, וואו די היטלערישע שפּיר־הינט וועלן אים אפשר לאָזן צורו איבער נאַכט. אָבער ווער קאָן וויסן די קאַפּריזן פון אַ נאַציישן זיגער? האָט דען דעם זעכציק־יאָריקן ייד געקאָנט איינפאַלן, אַז דעם היטלערישן זעלנער, פויל און אויסגעכאָליעט פון אַ גאַנצן טאָג פּוסט און פּאַסעוועז, וועט איינפאַלן אַ געניאַלער טריק, אין סטיל פון זיין מייסטערס טריקן: ער האָט דאָך געטראָפן דעם ייד מיט אַ האַק אין דער האַנט, איז דאָך קלאָר — דאָס האָט ער געהויבן די האַק אויף אים, אויף דעם סימבאָל פון נייעם דייטשלאַנד.

דער ייד איז שוין נישט געגאַנגען אַהיים — מען האָט אים אָפּגעפירט אין דער געשטאַפּאָ, און אין עטלעכע שעה אַרום, ביינאַכט, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמער פון פּאַוויאַק, צווישן אַ גרופּע פון דרייסיק — 29 פּאָליאַקן און איין ייד.

די דרייסיק מאַן זענען אויפגעשפּרונגען — זיי, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די געשטאַפּאָ, זענען אויפגעשפּרונגען, — אַזוי צעבלוטיקט איז דער ניי־געקומענער געווען! די דרייסיק אַרעס־טאַנטן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו אים אין אוממיטלבאַרן מענטשלעכסטן געפיל — אין געפיל פון מיטלייד. מען האָט אים גענומען אַרומווישן די וואונדן, מען האָט אים צוגעטראָגן עסן, — וואָס איינער האָט געהאַט, — מען האָט אים אַנטקעגנ־געטראָגן דעם גרעסטן אוצר — מענטשלעכע וואַרעמקייט.

ער האָט אָבער געוואוסט, אַז זיין גורל איז אַ געחתמעטער. ער האָט געבעטן, מען זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט אים — „סיי־ווי וועט מען מיך דערשיסן; אַ שאָד וואָס זיי האָבן דאָס שוין נישט געטון", — ער וואָלט בלויז וועלן מען זאָל לאָזן וויסן זיין משפּחה. אַלע דרייסיק זענען געשטאַנען פאַרן דאָזיקן פאַרמשפּטן, וועלכער ווייסט וועגן זיין אורטייל; אַלע דרייסיק האָבן אים אַנטקעגנגעטראָגן מיטגעפיל, פאַרצענפאַכט צוליבן שטאַרקן פאַדים פון בשותּפותדיקן גורל. אָבער בלויז איינער פון די דרייסיק, דער ייד, האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַ־וואונדערן די גייסטיקע גליטערקייט פון דאָזיקן פיזיש־פאַר־פייניקטן מענטשן; זעענדיק אַז ער רירט זיך נישט צו צום

וואורשט, וואָס די קריסטן האָבן אים צוגעטראָגן, האָט ער אים געזאָגט: „מען נייט אייך נישט צו עסן טריפות, מיר וועלן אייך געבן ברויט מיט פּוטער". און דער זעכציק־יאָריקער פרומער ייד, וואָס האָט זיך שוין געגרייט צום טויט, האָט געענטפערט:

— איך האָב קיינמאָל אויף מיין לעבן נישט געגעסן קיין טריפות, אָבער איצט וועל איך עסן דאָס קריסטלעכע וואורשט. איך וויל נישט פאַרשעמען די מענטשן, וועלכע האָבן מיר אוועקגעשענקט דעם לעצטן ביסן, איך וויל נישט זיי זאָלן מיינען, אַז איך מיאוס מיך צו עסן זייערס...

אין צוויי טעג אַרום האָט מען דעם ייד אַרויסגעפירט פון קאַמער. ער איז מער נישט צוריקגעקומען. ווען דער ייד, דער איינציקער עדות פון קרבנס טיפער מענטשלעכקייט (דער פאַרשעמטער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען: ער האָט בעסער געזינדיקט קעגן זיין גאָט, איידער קעגן דערנידעריקטע מענטשן!), איז אַרויס פון געשטאַפּאָ, איז ער אוועק צום פאַרפייניקטן אין שטוב.

שוין זיבן טעג — האָט די פרוי געזאָגט — ווי מען זוכט אים אַרום...

* * *

דער, וואָס האָט דערציילט די דאָזיקע געשיכטע, האָט געהאַט אויפן גאַנצן קערפּער סימנים פון דער געשטאַפּאָ. און דערציילט האָט ער דאָס מיט אַ שטים, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי פּשוט און דערשיטערנדיק, ווי עס איז די געשיכטע פון אַלטן יידן און זיין מורא צו פאַרשעמען מענטשן... מיט אַזאַ שטימע, בין איך זיכער, פלעגט מען אין די קאַטאַקאָמבעס דערציילן וועגן די יסורים פון די ערשטע קריסטן, און אין די מאַראַנען־קעלערס — וועגן די עינויים פון דער אינקוויזיציע.

ווי ווייט עס טוט מיר, וואָס איך קאָן נישט פיקסירן, אָן שום פּגימה, די שטים און די ווערטער פונם ערשטן דערציילער, וועלכער האָט געזען דעם יידן און אויפגענומען זיין פּיין און זיין גייסטיקע גרויסקייט אוממיטלבאַר, ווי דער סייסמאָגראַף

נעמט אויף אַן אונטערערדישן שטום און גיט אים געגנוי איבער...

* * *

איך ווייס נישט ווי לאַנג דער נאַציזם וועט אָנהאַלטן, — אָבער אויב עס וועט אפילו מקוים ווערן היטלערס נבואה וועגן טויזנט־יאָריקן דריטן רייך, וועט ער אויך נישט שאַפן אין משך פון די גאַנצע טויזנט יאָר עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען שטיין זייט ביי זייט מיט ר׳ ישראלס מורא האָבן צו פאַרשעמען מענטשן.

צי וועט אָבער גענוג זיין טויזנט יאָר, כדי צוצוטראַכטן אַ שטראָף פאַר אַזעלכע פאַרברעכנס?

צי וועט די מענטשהייט ווי געהעריק אָפּשאַצן די גרוים — די אוממענטשלעכע גרוים — פון אַזעלכע פאַרברעכנס, כדי אין הסכם מיט איר אויסצומעסטן די שטראָף?

דאָס בלוט פון דאָזיקן שליח ציבור שרייט פון דער ערד אַזוי שטאַרק, מיט אַזאַ קראַפט!

אַך, ווען די מענטשהייט וואָלט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן פון דאָזיקן געשריי, ווי איך קאָן דאָס נישט!

ווילנע, 1940.

עכטע שאַפונג גייט נישט פאַרלוירן

עס קלאָגן זיך יידישע שרייבער: ווי אַזוי קאָן מען האָבן מוט צו שאַפן, אַז קיינער לייענט אונז נישט; אַז די אַסימילאַציע פרעסט אונז אויף מיט די ביינער?

אָבער פאַר וועמען האָבן געשאַפן די געציילטע הומאַניסטן אין טיפן מיטלאַלטער? פאַר וועמען האָבן געשאַפן אַ גאַלילעי און אַ דזשאָרדאַנאָ ברונאָ? האָבן זיי דען געהאַט לייענער און מאַסן־נאָכפאָלגער? האָבן דען נישט געוואַרט אויף זיי מער שייטערהויפנס, ווי הענט, וואָס פאַטשן בראַוואָ? און דאָך האָבן זיי געשאַפן. (ווייל אַ קוואַל שלאָגט מיט פרישקייט און קראַפט אויך אין אַ וויסטע...) און נישט נאָר פאַר זיך, פאַר דער אייגענער נשמה זייערע, נאָר אויך פאַר אונז, פאַר די קומענדיקע דורות. נישט נאָר זייערע ווערק האָבן פאַסיוו דערלעבט בעסערע צייטן, נאָר זיי גופא האָבן אַקטיוו צוגעגרייט די דאָזיקע בעסערע צייטן.

יאָרהונדערטער זענען געלעגן באַגראָבן די ווערק פון דער גריכישער קונסט, פון גריכישן הומאַניזם; קיינער האָט וועגן זיי נישט געוואוסט; און אויב יאָ — בלויז איינצלנע. אָבער ווען עס האָבן אַ בלאָז געטון די ווינטן פון רענעסאַנס — זענען זיי אויסגעגראָבן געוואָרן, האָבן זיי די מענטשן פון יענער צייט דערהויבן מיטאַמאָל אויף אַ העכערער מדרגה פון געדאַנק און געפיל, פון וועלט־ און לעבנס־געפיל. און נישט נאָר די מענטשן האָבן געפונען פאַרטיקס, וואָס אָן דעם וואָלט נישט אַזוי לייכט געווען צו שטייגן, נאָר זיי גופא, די דאָזיקע גאַנץ־ און האַלב־פאַרגראָבענע ווערק, האָבן דורך זייער עקזיסטענץ, דורך דער לעגענדע פון זייער עקזיסטענץ געהאָלפן באַזייטיקן די פינסטערניש פון מיטלאַלטער.

ע כ ט ע ש אַ פ ן ג י י ט נ י ש ט פ אַ ר ל ו י ר ן; עס האָט די איינגעשאַפט פון באַראָן מינכהויזענס יעגער־האָרן: אַמאָל

ווערן אין אים פאַרפרוירן די טענער צוליב אַ שטאַרקן פראָסט, אָבער, ווי נאָר דער פראָסט גייט אָפּ, הויבן זיי אָן אַרויסצושאַלן די פאַרפרוירענע טענער, אויב זיי זענען גוט אַריינגעבלאָזן געוואָרן.

ווען אַן איינזאַמען טוט וויי, שרייט ער אויך: עס ווערט אים לייכטער פון דעם; ער האָט די אילוזיע, אַז עס ווערט אים לייכטער; אפילו אין דער ווייסטסטער וויסטע האָט ער די האָפנונג, אַז עמיץ וועט אים הערן, — זאָל זיין אַז ער אַליין: הערן דעם אייגענעם געשריי אָן אויסגעשריגענעם, איז אויך אַ דערלייזונג, אַ טרייסט: דער ווייטיק הערט אויף צו זיין אַזוי זינלאָז.

דער שאַפנדער, אפילו דער איינזאַמסטער, איז אָבער גליקלעכער פאַרן איינזאַמען אין אַ וויסטע: אי ער הערט זיין אייגענעם געשריי, אי ער קאָן האָפן, זיין זיכער, אַז ווען־נישט־איז וועלן אים אויך אַנדערע דערהערן.

פאַרוואָס זאָלן יידישע שעפערישע מענטשן שווייגן, שטום ווערן, ווייל זיי האָבן נישט קיין געהעריקן פּובליקום? ערשטנס, איז נאָך גאָרנישט אַזוי טראַגיש: אַ גוט יידיש בוך, אַ שעפעריש יידיש וואָרט ווערט דאָך געהערט און אויפגענומען ווי גוטע זריעה דורך צענדליקער, הונדערטער און אפילו טויזנטער הערצער און מוחות פון גוטער יוגנט! און ווען אפילו נישט, דאַרף מען דען נישט אַרויסשרייען — שעפעריש טאַקע — אָט דעם טרויער פון דער לאַגע? דאַרף מען עס דען דווקא צעטרענצלען אומשעפעריש, ביליק־ציניש, כאַפּ־לאַפּ־עולם־הזה־דיק?

און, חוץ דעם, ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז שעפערישע מענטשן זאָלן נישט האָפן אויף עולם־הבא אויף דער וועלט? אַ גרויס יידיש ווערק, ווען ס'זאָל אפילו היינט גאָר קיין לייענער נישט האָבן, וועט אויך הויבן די יידישע ליטעראַטור אויף אַ העכערער מדרגה, אויף אַ העכערער באַוואוסטזיין־שטופע, און ווען עס וועט קומען דער פעלקער־פרילינג און די יידישע מאַסן וועלן זיך אַ וואָרף טון צו די אייגענע קוואַלן, וועלן זיי די דאָזיקע נישט געלייענטע שעפערישע ווערק אויפהויבן שנעל צו זיך, אַנשטאָט זיי זאָלן דאַרפן דורכמאַכן אַ שווערן, לאַנג־

זאמען וועג פון אָנהויב. האָט מען דען שפינאָזאן א סך געדינט ביים לעבן? און סטענדאַלן? אָבער ווי אָרעמער עס וואָלט געווען די פילאָזאָפיע אָן שפינאָזאן, און דער אייראָפעאישער ראָמאן — אָן סטענדאַלן!

אסימילאַציע? האָבן דען יידן שוין לאַנג נישט געהאַט פאַרגעסן העברעאיש, ווען די נביאים האָבן נאָך אויסגעאיבט א געוואַלטיקע השפעה אויף דער פרייהייט־באַוועגונג און אויף דער קונסט פון דער וועלט? ווען היינריך היינע וואָלט געשריבן אין יידיש זיין „דייטשלאַנד, א ווינטער־מעשהלע", וואָלט ער זיכער געווען, אַז ער שרייבט אומזיסט, ווייל יידן ווערן דאָך אסימילירט! אָבער די יידישע דיכטונג וואָלט א דאַנק דעם אָנגעהויבן איר רענעסאַנס נישט מיט באָוושאָווערן און ראָזענפעלדן, נאָר אויף היינעס רוקן, און — ווי אַנדערש זי וואָלט אויסגעזען!

און ווען יאָ — ווען דאָס דאָזיקע פאַרן לעבעדיקנס געפיל אומפאַרשטעלבאַרע זאָל אפילו געשען ווען־עס־איז, איז דען פאַרלוירן געגאַנגען א גרויס ווערק צוזאַמען מיטן פאָלק, וואָס האָט עס געשאַפן? בלויז קרעמערס קאָנען אַזוי אויסחשבונען און, אין גרונט גענומען, אומשעפערישע מענטשן. דער שעפערישער מענטש שאַפט אין דער גרעסטער איינזאַמקייט, ער רייסט זיך צו די העכסטע הויכן אפילו אין א לײדיקן צושויער־רוים. איז דאָך העכסטע שאַפונג כמעט תמיד געשאַפן געוואָרן אין דער גרעסטער איינזאַמקייט. קאָן מען דאָך אָנציילן אויף די פינגער געציילטע גליקלעכע אויסנאַמען. העכסטע שאַפונג איז גורלדיק שטייגן איבער זיך — מוז עס וואַרטן אויף די נאָכפאָלגער, ז י י ז א ל ן ה א ב ן צ י י ט נאָכצוקומען.

די, וואָס קלאָגן אויפן פעלן פון אודיטאָריע, אויף דער מורא פאַר אַסימילאַציע, ווי אויף דעם גרעסטן שטער פאַר זייער שאַפונג — וואַרפן א חשד אויף זייער שעפערישן קוואַל, אויף זייער שעפערישן ערנסט.

מאַרסעל פרוסט האָט געהאַט צו ווייניק פיזישע כוחות, כדי צו געניסן פון געליבטן לעבן און גלייכצייטיק שאַפן דאָס געליבטע גרויסע ווערק, האָט ער זיך אָפגעזאָגט פון אַלע לעבנסגענוסן און זיך אָפגעגעבן זיין ווערק. צען יאָר האָט ער געאַרבעט

אויף זיין גרויסן ווערק. ווען ער האָט עס גענומען דרוקן, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. האָט פרוסט אָפּגעהאַלטן דאָס דרוקן, כדי איבערצואַרבעטן דאָס ווערק און אַריינגעמען דערין אויך די מלחמה־צייט. דאָס איז געווען אַ צו שווערע אָנשטרענגונג פאַר זיין שוואַכן געזונט. אָבער בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן זיין גסיסה־צושטאַנד, האָט ער, אין אַ פרייער צווישן־מינוט, געהייסן זיך ברענגען די שטעלע פון זיין ווערק, וואו אַ העלד זיינער גוססט. זיין אייגענע אָנגעהויבענע גסיסה האָט אים גע־וויזן די שוואַכע זייט פון זיין העלדס גסיסה, און ער האָט אויך זיין גסיסה־מאָמענט געוואָלט אויסנוצן פאַר זיין ווערק.

נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן געשאַפן ווערן גרויסעס. בלויז מייז לויפן אַוועק פון אַ זינקענדיקער שיף; דער קאַפּיטאַן און אַלע אָנשטענדיקע מענטשן בלייבן אויף די ערטער ראַטעווען ביז דער לעצטער מינוט. און בלויז די דאָזיקע קאָנען אַמאָל אָפּראַטעווען אפילו פון אַ זיכערן אונטערגאַנג.

וואָלטן מיר געהאַט גרויסע שעפערישע פּאַטענצן, וואָלטן מיר אויך אונזער גסיסה־מאָמענט פאַרוואַנדלט אין שעפעריש־קייט.

אָבער דאָס איז די צרה, וואָס דאָס קלאָגן זיך, אַז אונזער אונטערגאַנג טויט אונזער שעפערישקייט, איז פאַלש; אונזער טויטע אָפּגעשוואַכטע שעפערישקייט דראָט אונז גיכער מיט אונטערגאַנג.

ווארשע, 1937.

וואָכעדיקע חנוכה־געדאַנקען

קודם־כל האָב איך אַ בקשה צום רעדאַקטאָר, ער זאָל דאָס מאָל נישט אַרויסוואַרפן זיין טאַלאַנט אויסצובעסערן אַלע טעותן: אַנשטאָט „וואָכעדיקע" זאָל ער נישט אויפשרייבן „יום־טוב־דיקע". „וואָכעדיקע" איז דאָס מאָל נישט קיין טעות, ווייל וואָס פאַר אַ יום־טובדיקע געדאַנקען, מ'שטיינס געזאָגט, קאָן מען האָבן וועגן חנוכה? צי דען איז דאָס אַ יום־טוב? די קראָמען זענען אָפן, ווי אין אַ וואָכעדיקן שבת, קיין ספּעציעלע גאָטעס־דינסטן אויף צו דערפרייען די רעליגיעזע הערצער פון די שאַנכייער יידן זענען נישטאָ. טאָ וואו־זשע האָט איר דאָס יום־טובדיקע? אמת, מען שפּילט אין קאָרטן מיט אַ נשמה־יתירהדיקן ברען, אָבער דאָס האָט געקאָנט דינען אַלס יום־טובדיקער סימן ביי אונז, אין די שטעטלעך פון ליטע און פּוילן, וואו מען פלעגט אַמאָל וואַרטן חדשים־לאַנג אויף חנוכה, כדי צו קאָנען אַ שפּיל טון אין קאָרטן. אָבער אין שאַנכיי? אויב זיך רעכענען מיטן דאָזיקן סימן, קאָן זיך דוכטן, אַז חנוכה דויערט דאָ אַ גאַנץ יאָר...

און אויב מען צינדט שוין אָן ערגעץ־וואו די חנוכה־ליכטלעך, איז אַנשטאָט אויפצואוועקן דעראינערונגען וועגן די מכבים, רופן זיי אַרויס אומעטיקע געדאַנקען וועגן זייערע אור־אור־אייניקלעך, פאַר וועמען די דאָזיקע ליכטלעך אפילו באַלייכטן גאָרנישט נישט אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, נישט אין אונזער קעגנוואַרט. שוין אָפגערעדט וועגן דעם, אַז אויך אין אונזער צוקונפט וואַרפן נישט די דאָזיקע ליכטלעך אפילו אַ פאַרשאָטנטן, ציטערדיקן אָפשיין.

פון אַלע פאַרבאָטן, מיט וועלכע אונזער רעליגיע און אונזער לעבנס־שטייגער זענען אַזוי רייך, היט מען ביי אונז אָפּ די לעצטע יאָר־צענדליקער בלויז איינעם, אָט טאַקע וועגן די דאָזיקע ליכטלעך: „אין לכם רשות להשתמש בהם"; און מען

באַנוצט זיך טאָקע נישט מיט זיי, נישט כדי זיי זאָלן אונז דערציילן וועגן דער העלדישער פאַרגאַנגענהייט, נישט כדי זיי זאָלן מאָנען ביי אונז אַ העראָאישע צוקונפט. אַז מען האָט שוין גאָר אַ גוטן אויער, דערציילן זיי בלויז וועגן אַ גייסטיק־קנעכטישער קעגנוואַרט. די דאָזיקע ליכטלעך ווערן אָנגעצונדן אָן אַן אינערלעכן פלאַם, און זייער קליינטשיק־פּיזיש פלעמל בלייבט קאַלט, נישטיק, — עס דערוועקט נישט קיין יראת הכבוד.

און עס איז קיין וואונדער נישט. אַ נס האָט אויך זיינע גרענעצן. אַ נס לעבט אויך בלויז אַזוי לאַנג, כל־זמן ער פאַר־מאָגט אַן אינערלעכע לעבנס־קראַפט. אינם נס פון די חנוכה־ליכטלעך איז געלעגן כמעט אַן אומפאַרטיליקבאַרע קראַפט. אַ קליין קריגעלע בוימל האָט אַמאָל אָנגעצונדן די חנוכה־ליכטלעך נישט אויף אַכט טעג, נאָר אויף לאַנגע יאָרהונדערטער, — אָבער עס איז שוין באַלד מער נישטאָ קיין בוימל. די ליכטלעך קאָפּטשען נאָך קוים־קוים, צישען ווי פאַר יציאת נשמה, אָבער זיי ברענען שוין נישט מיט אַ גלייכן, ליכטיקן פלאַם, נישט חנוכה־יום־טובדיק — וואָכעדיק!

יאָ, אויך די וואונדערבאַרע חנוכה־ליכטלעך, ווי אַלע וואונדער, נויטיקן זיך אין בוימל, כדי ממשיך צו זיין זייער עקזיסטענץ. און בוימל נויטיקט זיך אין אַ כלי. דאָס קאָן זיין אפילו אַ קליין קריגעלע, — אָבער אַ קריגעלע מוז זיין. מען מוז האָבן אַ קריגעלע, פון וועלכן מען זאָל קאָנען גיסן בוימל אין די חנוכה־לאָמפּן, און מען מוז האָבן חנוכה־לעמפּ־לעך, וואָס זאָלן קאָנען אַריינגעמען אין זיך דאָס בוימל פונם קריגעלע.

און איינס איז אָפּהענגיק פונם צווייטן, אַז עס איז דאָ אַ וואונדער־קריגעלע, פון וועלכן עס גיסט זיך ריינער בוימל, זענען שוין אויך דאָ וואונדערלעכע חנוכה־לעמפּלעך, וואָס נעמען דעם בוימל אויף.

צי געדענקט איר נאָך דעם נס פונם נביא אלישע? ער האָט געבענטשט דאָס קריגעלע בוימל פון דער אָרעמער אלמנה, עס זאָל אין אים נישט אויספעלן קיין בוימל, כל־זמן זי וועט האָבן כלים, וואוהין אַריינצוגיסן דאָס דאָזיקע געבענטשטע,

וואונדערלעכע בוימל. און אין זעלבן מאָמענט, ווען עס האָט איר פאַרפעלט אַ כלי, וואוהין צו גיסן דאָס ניסימדיקע בוימל, האָט דאָס קריגעלע אויסגעטריקנט, דער נס האָט זיך געענדיקט...

וואָס פאַר אַ וואונדער־איבער־וואונדער קריגעלע מיט בוימל האָבן אונז איבערגעלאָזן בירושה די מכבים, די קעמפער פאַר דער פרייהייט פון זייער געוויסן, פאַר דער פרייהייט פון דער נשמה פון זייער פאָלק! אַ יאָרהונדערט נאָך אַ יאָרהונדערט האָט זיך דאָס וואונדערלעכע בוימל געגאָסן פון דור צו דור, כל־זמן עס האָט געקלעקט די פאָלקס־כלי אויף אַריינצונעמען דאָס דאָזיקע וואונדערלעכע בוימל.

אָבער אויף ווי לאַנג וועט סטייען די פאָלקס־כלי?

אונזער פאָלק איז ענלעך אויף יענער אלמנה, וואָס האָט געלעבט פונם מופותדיקן קריגעלע בוימל. דערלאָזט־זשע נישט עס זאָל אויספעלן די אויפנעמענדיקע כלי. עס איז גענוג דאָס פאָלק — די אלמנה — זאָל בלייבן איין מינוט אָן אַ רעזערוואואר — ווי קליין ער זאָל נישט זיין — פאַרן וואונדערלעכן בוימל — און דער נס וועט אויסרינען.

ווייל אויך אַ נס האָט זיינע גרענעצן, זיינע נאַטירלעכע גרענעצן.

שאַנכיי, 1943.

נ י ס י ם

קומט דער ווינטער — שטעלט זיך ביי יידן דער הויפּט־סעזאָן פון ניסים: דער נס פון חנוכה, דער נס פון פּורים, דער נס פון פּסח.

אָבער מיט דעם ענדיקט זיך נאָך נישט דער קאַפּיטל ניסים אין יידישן לעבן. אַ חוץ די דאָזיקע דריי גרויסע געיום־טובטע ניסים, איז אונזער געשיכטע פול מיט אַן אַ צאָל קלענערע, וואָס האָבן קיין יום־טובים נישט באַקומען, אָבער ניסים זענען זיי פונדעסטוועגן געבליבן.

און ציִ דען נאָר אין דער פאָלקס־געשיכטע? אפילו אין פּריוואַטן לעבן איז דער ייד אָנגעשטאָפּט מיט ניסים, ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך. איז דאָך באַקאַנט דער מנהג פון פאַ־מיליע־ פּורימס לכבוד אַ פאַמיליע־נס, — אַ דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי קיין שום פאָלק.

אָבער צו וואָס דאַרף מען זוכן דעם נס־פאַקטאָר אין יידישן לעבן אין דער געשיכטע פון גאַנצן פאָלק אָדער פון פּריוואַטע פאַמיליעס, — עס איז גענוג צוצוהערן זיך צום שמועס פון צוויי יידן (וועלכע איר ווילט!), כדי צו הערן אין אַלע בויגונגען און קאָמבינאַציעס דאָס וואָרט „נס": „זאָל געשען אַ נס"; „ס'איז ממש אַ נס"; „ניסים מן השמים"; „מיר לעבן מיט ניסים"; „אַי, ווען עס געשעט אַ נס"; „נס" איז דאָס אָפּטסטע וואָרט אינם לעקסיקאָן פון יעדן דורכשניטלעכן ייד.

דער גרעסטער היסטאָרישער גליק אונזערער, וואָס האָט צו אונז אַ שיין געטון אויף דער שוועל פון אונזער געשיכטע — ביים באַפרייען זיך פון גלות מצרים — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אונזער גרעסטן אומגליק: מיר האָבן גענומען זוארטן אויף ניסים. און וואָס מער מיר האָבן געלעבט מיט ניסים, אַלץ מער האָבן מיר אויפגעהערט צו שטעלן אויף די אייגענע כוחות, אַלץ מער איז אַטראָפירט געוואָרן אונזער ווילן,

אונזער טאַט־קראַפט, אונזער אויסרעכענונג אויף אייגענער אָנ־שטרענגונג.

און ווען עס קומט דער טאָג פון פּסח, פון אונזער גרעסטן באַפרייאונגס־יום־טוב; ווען עס צעבליט זיך אין אונז די בענק־שאַפט נאָך אַ צווייטן יציאת גלות, — דערדריק איך אין זיך מיין יידישלעכסטע תפילה: „אַך, זאָל געשען אַ נס!", און איך פאַרבייט זי מיט אַן אַנדער תפילה: „זאָל שוין קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן לעבן אָן ניסים! זאָל דער נס אויך אין אונזער לעבן זיין אַ זעלטענער אָנגעלייגטער גאַסט, אָבער נישט קיין בן־בית, וואָס וויל נישט אָפּטרעטן".

אָבער כדי דאָס זאָל געשען, מוז נאָך געשען דער גרעסטער נס אין אונזער געשיכטע, — דער נס פון אויפהערן האָפן אויף ניסים.

ווען דער דאָזיקער נס וועט געשען, וועט ער שטעלן אין שאָטן אַלע אַנדערע ניסים אין אונזער לאַנגער גלותדיקער ניסים־געשיכטע.

שאַנכיי, 1944.

נאָכוואָרט

טראָפּנס גלויבן...

מיין ליבער ברודער אריה, דער טרייער היטער פון אַלע מיינע געדרוקטע אַרבעטן, וואָס זענען דערגאַנגען צו אים (צום באַדויערן, ווייט, ווייט נישט אַלץ), האָט מיר אַריינגע־שיקט אַ היפּשן פּעקל אַרטיקלען, געדרוקטע אין צענדליקער צייטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער יידישער וועלט. איך האָב גענומען לייענען די דאָזיקע אַרבעטן, ווי פון אַ זייט, ווי אייגנס, וואָס איז גלייכצייטיק פרעמדס, און דער שטאַרקסטער איינדרוק, ביים לייענען זיי, האָט זיך אויסגע־קריסטאַליזירט אוממיטלבאַר אין צוויי ווערטער: „טראָפּנס גלויבן״...

איך האָב שוין פאַרגעסן די לעצטע יאָרן דעם טעם פון גלויבן, — יעדער טראָפּן גלויבן איז שוין פון לאַנג אַראָפּ־געשוועקט געוואָרן דורכן בלוטיקן מבול און — נאָך מער! — דורך דעם שטראָם גיפטיקער שנאה, וואָס פלייצט אין דער וועלט אומגעשטערט, אומפאַרשעמט נישט צו די ביישפּיללאָזע מערדער, נאָר צו די ביישפּיללאָזע קרבנות. און מיט אַמאָל — אַ רעגן פון טראָפּנס גלויבן האָט זיך אַ גאָס געטון אויף מיר.

זיי זענען געפאַלן אויף אַ וויסטן באָדן, זיי קענען מיין שטימונג נישט ענדערן, זיי קאָנען גאָרנישט מאַכן שפּראָצן אין מיר, — אָבער גערירט ביז טרערן האָבן זיי מיך.

און ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט זיי צונויפנעמען אינאיינעם און שטעלן זיי — מיינע טראָפּנס גלויבן — אַ מצבה.

אַט אַזוי נעמען יידן צונויף שטיקלעך פון אַ צעפּיצלטן גוף און ברענגען זיי — צוזאַמען — צו קבר ישראל...

יעדער טראָפּן גלויבן, וואָס איז געפאַלן אויף מיר פון מיינע אַרטיקלען פון פאַרן מבול און פון ערב־מבול, האָט

אויסגעברענט אין מיר א וואונד: די קלענסטע האפנונגען זענען נישט מקוים געווארן, אפילו די האפנונג (זע „עפאס פון דער צוקונפט", ז. 89), אז די אטאם־שפאלטונג, וואס זאל דערמעגלעכן די אטאם־באמבע, וועט בלייבן א פארברעכערישער טרוים...

און דער גלויבן אין די געלערנטע האבן פארענדיקט היטלערם פראפעסארן. און נישט נאר היטלערס...

קומט צו צעשטערונג, דערגרייכט דער מענטש דאס אומפארשטעלבארע; קומט צו בויען א שענערע צוקונפט, לאזט זיך אויס א טייך פונם זיכערסטן, פונם פשוטסטן און זעלבסט־פארשטענדלעכסטן.

* * *

הגם איך האב באקומען בלויז א טייל פון מיין געדרוקטן ארכיוו, דאך איז מיר אוממעגלעך — צוליב מאנגל אין לייענער נאך מער, ווי צוליב מאנגל אין געלט — ארויסצוגעבן אלץ אין בוך־פארם. האב איך באשלאסן אויסצונוצן די מעגלעכקייט, — וואס דער „ביאליסטאקער צענטער" אין מעלבורן האט מיר געגעבן, — ארויסצוגעבן א קליין בוך פון א פופצן בויגן, אויף צו געבן מוסטערן פון אלע זשאנרען, אין וועלכע איך האב געשריבן, — א מין אייגענע אנטאלאגיע, וואו איך זאל ארייננעמען נאר דאס, וואס טראגט אין זיך א טראפן גלויבן — ווי קליין ער זאל נישט זיין — אין מענטשן און אין זיין צוקונפט, אין מיין פאלק און אין זיינע מאראלישע כוחות.

עס האט זיך מיר שטארק פארוואלט צונויפנעמען מיינע טראפנס גלויבן, הגם איך קאן זיי ה י י נ ט נישט געניסן.

צום באדויערן, האב איך אויך מיין קליינעם פלאן געמוזט פארקלענערן צווייפאך: ערשטנס, האב איך ארייגעגנומען אין בוך נאר זעקס אפטיילונגען, הגם אין ערשטן פלאן האב איך אנגעצייכנט צוועלף; און צווייטנס, די ארייגענומענע אפטיילונגען זענען נישט רעפרעזענטירט אין אלע זייערע ניואנסן.

עס זענען אויסגעבליבן די אפטיילונגען פון פובליציסטיק, — אלגעמיינע און יידישע, — פון פעליעטאנען, פון

לידער אין פּראָזע און אַנדערע, און איינציקע אַריינגענומענע אָפּטיילונגען זענען כמותדיק שוואַך רעפּרעזענטירט (למשל, וועגן אַלגעמיינע ליטעראַרישע ענינים).

איך האָב געהאַט אַ ברירה צו געבן אַלע אָפּטיילונגען, רעפּרעזענטירנדיק זיי דורך צוויי־דריי זאַכן. אָבער איך האָב געוואָלט אויסמיידן אַ מעכאַנישן שאַבלאָן ביים אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל; איך האָב געוואָלט, ווי אויבן געזאָגט, אַריינגעמען וואָס מער גיואַנסן, אויב נישט פון אַלע, איז כאָטש פון די וויכטיקערע אָפּטיילונגען („וועגן אייגענע ליטעראַרישע ענינים", „געשטאַלטן און אידייען", „וועגן דיכטונג"): איך האָב גע־וואָלט געבן רעצענזיעס פון אַלע מינים וועגן אַלע מינים. און דאָך איז קיין איין אָפּטיילונג נישט רעפּרעזענטירט אַזוי פול, ווי ס'האָט זיך מיר געוואָלט. אַנדערע זענען גאָר אָרעם רעפּרעזענטירט צוליב מאַנגל אין אָרט.

דער געבליבענער מאַטעריאַל מוז וואַרטן אויף אַ צווייטן באַנד, אויב דער ערשטער וועט אים נישט פאַרשפּאַרן דעם וועג...

* * *

עס איז מיר געווען זייער שווער צו מאַכן דעם אָפּקלייב. אַלס ביישפּיל וויל איך ברענגען די דריי אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען „יאָשע קאַלביאַדע".

צי זאָל איך דאָס אַריינגעבן, אָדער נישט?

און איך האָב באַשלאָסן זיי אַריינצונעמען צוליב צוויי מעמים.

ערשטנס, געהערן די דאָזיקע אַראָפּרייסנדיקע אַרטיקלען צו די טראָפּנס גלויבן. אָן גלויבן קאָן מען נישט קעמפן, בעת מען שטעלט אין קאַמף פּראָסט־פּשוט דאָס לעבן, שיער נישט ביידע וועלטן... איך האָב געשריבן די דאָזיקע אַרטיקלען, ווייל איך האָב געגלויבט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין יידישן לעבן, אין יידישן לייענער. די בעסטע ראיה, היינט לייגן זיך מיר כמעט נישט די הענט עפּעס „אַראָפּצורייסן", און וועז איך טו דאָס שוין יאָ, פעלט אין דעם פייער, אימפּעט, —

עס פעלט גלויבן נישט אין מיין אמת, נאָר אין דער נויטיקייט פון מיין אמת.

און צווייטנס: די דאָזיקע אַרטיקלען זענען דאָך מוסטערן פון יענע אַרטיקלען, פאַר וועלכע איך האָב אַזוי טייער באַצאָלט און כ׳האַלט נאָך אַלץ אין איין צאָלן, און פאַר וועלכע מען באַפאַלט מיך נאָך אַלץ, ביי די אומפּאַסיקסטע געלעגנהייטן, מיט די טעמפּסטע פּעדערס און אומזויבערסטע אויסרעכנונגען און כוונות.

אָט די מוסטערן האָבן געמוזט זיין רעפּרעזענטירט שוין צוליב דעם אַליין, ווייל איך קוק נישט אויף זיי ווי אויף יוגנט־זינד, נאָר ווי אויף דעם שטאָלץ פון מיין אַרבעט, — איך שעם זיך נישט מיט זיי, ווי כ׳האָב זיך מיט זיי אַמאָל נישט געשעמט (פאַר דער מלחמה איז שוין געווען אַנאָנסירט מיינער אַ באַנד פּאָלעמיק א. נ. „צווישנרופן״, מיט זעכצן אָפּטיילונגען).

צוויי פון די דריי אַרטיקלען פון „יאַשע קאַלביאַדע״ האָבן אין דער אמתן באַדאַרפט קומען אין דער אָפּטיילונג „פּאָלעמיק״, אָבער צוליב דער רעצענזיע אויף „יאַשע קאַלב״ האָב איך זיי געגעבן צוזאַמען.

דאָס, וואָס כ׳האָב געפילט אַ נויטווענדיקייט אַריינצונעמען די „יאַשע קאַלביאַדע״ באַווייזט מיר — און דאָס מאַכט מיך פרייליכער אויף אַ רגע, — אַז ערגעץ־וואו טיף (אַזוי טיף, אַז ס׳דערגרייכט נישט צו מיין באַוואוסטזיין) איז נאָך פאַראַן דאָ עפּעס ענלעכס צו אַ טראָפּן גלויבן, אַז נישט אַלץ איז שוין פאַרלוירן, ווי מיר שפּירן דאָס אָפט קליינמוטיק־אינדיווידועל...

איך וואָלט אגב געקענט באַווייזן, אַז די גרעסטע ליטעראַרישע און עטישע קאַליקעס אונזערע זענען פּאָרט געוואָרן — הגם נאָר אויבערפלעכלעך — אביסל בעסער אין געוויסע הינזיכטן אַ דאַנק מיינע כסדרדיקע אַטאַקעס: זיי האָבן זיך געזידלט אָבער געמוזט זיך נעמען קאָנטראָלירן, זיי האָבן געמוזט זיין אויף דער וואַך. און די דאָזיקע וואַכזאַמקייט האָט זיי עפּעס אויסגעלערנט.

הגם דאַנקבאַר זענען זיי נישט...
יעדנפאַלס עפּנטלעך...

* * *

ס׳איז שווער אַרויסצוגעבן אַזאַ בוך.

איך זע דאָס ייִדישע לעבן און פיל עס אין זיך אין זיין געבראָכנקייט, און כ׳ווייס און שפּיר, אַז אַלץ, אַלץ איז נישטיק לגבי אונזער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע. און דאָך מוז איך זיך מודה זיין — ווי איך זאָל זיך נישט שעמען, ווי איך זאָל זיך אַליין נישט וואונדערן, — אַז ווען מען גרייט צום דרוק אַזאַ בוך, ווערט שווער אויך פון דער אינדיווידועלער טראַגעדיע.

אַלץ, וואָס גייט אַריין אין דאָזיקן בוך, זענען שפּליטערס פון גרעסערע פּלענער. דאָס זענען מאָדעלן, וואָס האָבן שוין פאַרביטן מיט זיך דאָס, פון וואָס זיי האָבן באַדאַרפט זיין נאָר מאָדעלן. אָט איז, למשל, „די סאָציאַלע פונקציע". וואו זענען די געזאַמלטע מאַטעריאַלן צו אַזאַ בוך? און וואו זענען זיינע אויסגעאַרבעטע טיילן? און וואו איז דער מוט צו זאַמלען צום דריטן מאָל מאַטעריאַלן פאַר אים? (אין ווילנע האָב איך נאָך געהאַט מוט צו זאַמלען צום צווייטן מאָל.) און וואו איז דער גלויבן, אַז דאָס איז עמיצן נויטיק, אַז דאָס איז בכלל נויטיק אין אַ וועלט, וואָס גייט מיט ריזן־טריט צוריק צו דער הייל־עפּאָכע אין אַ „פאַרבעסערטער" אויפלאַגע?

אַלע מיינע אינדיווידועלע טראָפּנס גלויבן זענען דאָך אויסגערונען, זיי זענען נאָר דאָ אין די דאָזיקע צעשאָטענע עסייען־בלעטער.

און עס ווערט אַזוי שרעקלעך טאַקע פאַר זיך אַליין אויך: איך לייען די דאָזיקע טראָפּנס גלויבן, איך בענק נאָך יענע יאָרן, ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן — אין די פינסטערסטע מאָמענטן — מיט ווייטיק און עמפּערונג, אָבער נישט מיט קיין שטילן, כראָנישן יאוש, און איך פיל, אַז דער קוואַל, פון וואַנען זיי זענען אַמאָל געפלאָסן, איז אויסגעטריקנט, פאַר־שאָטן יעדנפאַלס, — און זיי, די עסייען, זענען די איינציקע

לעבעדיקע טראָפּנס פון יענעם קוואַל, וואָס איך האָב אַמאָל פאַרמאָגט, וועלכער האָט מיך אַמאָל גענערט.

ווי ווייטיקדיק עס איז אַרויסצוגעבן אַזאַ בוך, — ווי מען וואָלט זיך אַליין געשטעלט אַ מצבה.

אָבער גלייכצייטיק איז דאָ אין דער דאָזיקער ביטערקייט אַ זיסקייט, — ווייל די איינציקע טרייסט קאָן מען דערווייל שעפּן נאָר פון דער דעראינערונג, פון דעם, וואָס איז געווען...

* * *

דער פאַרוואַלטונג פון „ביאַליסטאָקער צענטר" אין מעל־בורן, וואָס האָט דערמעגלעכט דעם דערשיינען פון מיינע „טראָפּנס גלויבן", — מיין האַרציקסטן דאַנק.

י. ר.

מעלבורן, 23 יאַנואַר, 1948.

אינהאַלט

וועגן היימישע ליטעראַרישע ענינים

וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור? (אַ דיאַלאָג צווישן לעזער און קריטיקער) 3
אונזער ליטעראַטור און אונזער לעבן (אליעזר פעלדבערג פון פשיטיק און הירש לוסטיק פון „די טייכן פון מאַזאָוויע”) 14
פּאָעטישע אילוסטראַציעס צו אַ גרויזאַמערווירקלעכקייט . 20
ר׳ בער ליעווער אַלס דראַמאַטישע געשטאַלט 29
אַפּאָטעאָז פון מאָנאָטאָניע 36
אָמאַר כאַיאַמס „רובאַיאַט” אין יידיש 44
די פּסיידאָ־פילאָזאָפיע פון עכטן גאָרנישט... 53
יאָשע קאַלביאַדע: 1)בפרהסיה...; 2) קעלבערנע התפעלות; 3) צווישן צוויי עקסטרעמען 63

וועגן אַלגעמיינע ליטעראַרישע ענינים

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרס לעבנס־פילאָזאָפיע און דיכטונג . 83
דער עפּאָס פון דער צוקונפט 89
ווינסענט וואַן־גאָג — דער מענטש 97

געשטאַלטן און אידייען

די פּסיכאָלאָגיע פון נייעם יידן (י. טרומפּעלדאָר) . . . 105
שכל און אינטואיציע 119
הלל צייטלין 131
אַנטלאָפן פון אונטערן יאָך 140
אַ וואָרט וועגן טויטן צו די לעבעדיקע 149
אין געפאַנגענשאַפט ביי דער פּאָעטישער ליידנשאַפט . . 153

וועגן דיכטונג

וועגן שליחות פון וואָרט 163
לייענער און שרייבער 166
נישט לוקסוס — אַ נויטווענדיקייט 169
דער אויסערלעכער און דער אינערלעכער אמת 175
היינטצייטיקע און אַלטמאָדישע דיכטונג 179
עפּעס וועגן וועזן פון דיכטונג 183
די אָרגאַנישע ליטעראַטור־פונקציע 193
צי איז טאַקע ראָמאַנטיזם שעדלעך? 203

פּאָלעמיק

די יידישע ליטעראַטור דערפילט דאָך איר אויפגאַבע . . 215
פאַרוואָס איך „רייס אַרונטער" יידישע ביכער און לויב
פרעמדשפּראַכיקע 229
אַ טעמפּעראַמענטפולער, אָבער אומגעלונגענער אָנגריף . 234

נאָטיצן

ווי דורכגעלעבטע טעג 242
וויין און עסיק 245
אינערלעכע קנעכטשאַפט 248
מיניאַטורן פון פּערמאַנענטן פּאָגראָם 251
העלדישקייט 254
ניין בלינדע קינדער 257
דער שליח ציבור 260
עכטע שאַפונג גייט נישט פאַרלוירן 264
וואָכעדיקע חנוכה־געדאַנקען 268
ניסים 271
נאָכוואָרט 273